STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03720

A. GOLDFADN

Nahum Auslaender

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אינסטיטוט פאַר ווייסרוסלענדישער קולטור.
יידישער אפטייל.

נ. אויסלענדער. — או. פינקעל.

א. גאלדפאדן

מאטעריאַלן פאר אַ ביאָגראַפיע.

ארויסגעגעבן פון אינסטיטוט
פאר ווייסרוסלענדישער קולטור
מינסק — 1926.

ארויסגעגעבן לויטן באשלוס פֿון ייִדישן אפטייל פֿון אינסטיטוט פֿאר ווייסרוסלענדישער קולטור (פּראטאקאל פֿון 10 אווגוסט 1925) איִן העסקעם מיִטן פּלאן פֿון אינסטיטוט.

פֿאראנטוואָרטלעכער רעדאקטער, ווירקלעכער מיטגליד פֿון אינסטיטוט פֿאר ווייסרוסלענדישער קולטור ב. א ר ש א נ ס ק י.

מינסק, 1-טע מעלוכע דרוקעריי

גלאווליטבעל נומ. 21066 באשטעלונג נומ. 3919 טיראזש 3100 עקז.

אברהם גאָלדפאַדען,

* דאָס בילד איז גענומען פון „הויזפריינד“ I באנד.

אין אָקטיאַבר 1926 ווערט פֿופֿציק יאָר זינט עס איז אין בוקאַרעשט געלייגט געוואָרן דער גרונט־שטיין פֿון מאָדערנעם ייִדישן טעאַטער. אין קיין שום לאַנד, ווו עס וואוינען ברייטערע ייִדישע מאַסן, וועט דער יובילײ פֿון ייִדישן טעאַטער ניט געפֿייערט ווערן אין אַזאַ ברייטן פֿאַרנעם, ווי אין ראַטנפֿאַרבאַנד. דאָס ייִדישע טעאַטער, וואָס האָט זיך אין לויף פֿון עטלעכע יאָרצענדליקן ניט געקאָנט נאָרמאַל אַנטוויקלען, אויסשטייענדיק אומאויפֿהערלעכע רדיפֿות, זייענדיק איבערגעלאָזן אויפֿן באַראָט פֿונם הילפֿלאָזן פּריוואַטן אונטערנעמער, — האָט צום ערשטן מאָל דערפֿילט הינטער זיך אַ פֿעסטן און זיכערן באָדן באַ אונדז אין ראַטנפֿאַרבאַנד, ווו מיר האָבן באַ הײַנטיקן טאָג דרײַ ייִדישע מלוכה־טעאַטערס: אין מאָסקווע, כאַרקאָוו און מינסק.

דער ייִדישער אָפּטייל פֿון אינסטיטוט פֿאַר ווײַסרוסלענדישע קולטור האָט באַשלאָסן, קעדײַ צו באַצייכענען דעם יובילײ פֿון ייִדישן טעאַטער, אַרויסגעבן די לעבנבאַשרײַבונג פֿונם גרינדער פֿון ייִדישן טעאַטער — א. גאָלדפֿאַדן. די דאָזיקע אַרבעט איז איבערגעגעבן געוואָרן דער ליטעראַרישער קאָמיסיע פֿון אינסטיטוט (פֿאָרזיצער — נ. אויסלענדער) אין סענטיאַבר 1925. אָפּגעגעבן אין דרוק — אויגוסט 1926.

ייִדישע אָפּטיילונג פֿון אינסטיטוט
פֿאַר ווײַסרוסלענדישער קולטור.

WORKERS COOPERATIVE

פאָרוואָרט.

אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען איז אַלט געווען 17 יאָר, ווען ער האָט פֿאַרלאָזן זײַן געבורט־שטאָט אַלט־קאָנסטאַנטין און גאַנצע 50 יאָר נאָכאַנאַנד (ער איז געשטאָרבן 68 יאָר אַלט) זײַנען דורכגעגאַנגען אין אומאויפֿהערלעכן וואָגל פֿון שטאָט צו שטאָט און פֿון לאַנד צו לאַנד.

עס איז מעגלעך, אַז פּאַריז, לאָנדאָן האָבן דאָס רעכט צו פֿאַרנעמען אין גאָלדפֿאַדנס ביאָגראַפֿיע ניט קיין קלענערן אָרט, ווי אָדעס, בוקאַרעסט און ניו־יאָרק. אָבער עס דאַרף נאָך מיסטאָמע דורכגיין אַ היפּשע צײַט ביז די באַדײַטונג פֿון די דאָזיקע שטעט פֿאַר גאָלדפֿאַדנס לעבן וועט ווי געהעריק באַלויכטן ווערן.

ניט ווייניקער וויכטיק פֿאַר דער ביאָגראַפֿיע פֿון אַ. גאָלדפֿאַדען איז, אַז עס זאָלן באַקאַנט ווערן אַלע זײַנע געדרוקטע און ניט געדרוקטע ווערק, דאָס אָרט און די צײַט פֿון זייער אַנטשטיין. בײַ הײַנטיקן טאָג איז נאָך שווער צו צונויפֿשטעלן אַ גענויע רעשימע פֿון גאָלדפֿאַדנס ווערק, וואָס זײַנען טיילווײַז פֿאַרבליבן אין מאַנוסקריפּטן און טיילווײַז בלויז אין זיקאָרן פֿון עלטערע יידישע אַקטיאָרן.

ענדלעך פֿעלן אונדז די זיכערע ידיעות וועגן דער צווישנבאַציִונג פֿון גאָלד־פֿאַדנס טעאַטער מיט דער ברייטער יידישער מאַסע פֿון זײַן צײַט, מיר האָבן, צום ביישפּיל, ווייניק ידיעות וועגן דעם, ווי אַזוי די מאַסן האָבן אויפֿגענומען די אָדער יענע פֿון גאָלדפֿאַדנס ווערק, וועלכע עלעמענטן פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטער־שטיקער האָבן געזיכערט אים אַ גײַסטיקע קרויוועשאַפֿט מיטן יידישן מאַסן־מענטש, דעם אײַנציקן שיכט, אַף וועמען עס האָט זיך געשטיצט גאָלדפֿאַדנס טעאַטער.

נאָר דעמאָלט, ווען דאָס אַלץ וועט ווערן באַוווּסט, וועט ווערן מעגלעך אַן אַלזײַטיקע אָפּשאַצונג פֿון גאָלדפֿאַדנס לעבן און טעטיקייט. בײַ הײַנטיקן טאָג איז אַפֿילע שווער צו געבן אַ סכֿעמע פֿון גאָלדפֿאַדנס אידעאָלאָגישער אַנטוויקלונג. פֿאַר אונדזערע אויגן שטייען דערווײַל בלויז אייניקע מאָמענטן פֿון אָט אַנטוויקלונג.

גאָלדפֿאַדן דער אָנפֿאַנגער — דער דיכטער פֿון געפֿאַלענע שטימונגען אין דעם יידישן מיטלשטאַנד — דעם „פֿאַרזאָרגטן באַלעבעסל" — דער שפּעטערדיקער גאָלדפֿאַדן, דער שאַפֿער פֿון יידישן טעאַטער, ווען גאָלדפֿאַדן טוט זיך גלייך ווי אַ ריס אָפּ פֿון זיין געזעלשאַפֿטלעך-קולטורעלן שטאַם און באַהעפֿט זיך מיט די פֿאַרלאַנגען און סימפּאַטיעס פֿון יידישן האמוין, יענער גאָלדפֿאַדן, ווידער, וואָס וויל נאָכדעם „טשוווע" טאָן, וויל פֿאָלגן די אויפֿגעקלערטע קריטיקער פֿון דער פּעטערבורגער רוסיש-יידישער פּרעסע, נאָך שפּעטער, גאָלדפֿאַדן — דער אָנהענגער פֿון „ליבאַס-ציאָן", גאָלדפֿאַדן דער ציאָניסט פֿון פּאַריזער יאָרן — אָט די אַלע עטאַפּן פֿון גאָלדפֿאַדנס לעבן און טעטיקייט אַלזײַטיק צו באַלויכטן איז בײַ הײַנטיקן טאָג, ווען די רוי-מאַטעריאַלן געפֿינען זיך אין פֿאַרשיידענע לענדער, אוממעגלעך.

אין אונדזער אַרבעט האָבן מיר געשטרעבט נאָר מער-ווייניקער צו סיסטעמאַטיזירן די באַוווּסטע און אויסניצן נאָך אייניקע ניטבאַוווּסטע מאַטעריאַלן וועגן אַווראָם גאָלדפֿאַדן. דערהויפּט האָבן מיר געשטרעבט צו באַלויכטן דעם פּעריאָד ביזן יאָר 1883, דאָס הייסט, ביזן טעאַטער-פֿאַרבאָט אין רוסלאַנד *).

נ. אויסלענדער.

אורי פֿינקעל.

*) מיר דריקן אויס אונדזער דאַנק מ. קאַפּלאַנסקי, (לענינגראַד), וועלכער האָט פֿאַר אונדז קאָפּירט די מאַטעריאַלן פֿון דער פּעטערבורגער רוסישער פּרעסע.

.I

אווראָם גאָלדפֿאַדן, דער גרינדער פֿון יידישן טעאַטער, איז געבוירן אין אַלט־קאָנסטאַנטין, וואָלינער גובערניע, דעם 12 יול (י״א טאַמוז) 1840 יאָר.

אין זײַן ערשטער אַוטאָביאָגראַפֿישער נאָטיץ, געשריבן אין 1887 יאָר, דערציילט אַ. גאָלדפֿאַדן וועגן זײַן פֿאָטער, אַז ער איז „אַ בעקאָוועדיקער ייד, איין אורמאַכער, קינסטלער אין זײַן פֿאַך... יעצט אַ ייד פֿון אַ יאָר עטלעכע און זיבעציק, אַרבעט נאָך די מעלאָכע און פֿאַרדינט זײַן שטיקל ברויט בעיוישער" 1). וואַקסנדיק אין דער שטוב פֿון אַ באַלמעלאָכע, האָט גאָלדפֿאַדן, קאָנטיק, קיין איבעריק־שווערע איינדרוקן פֿון דאַלקעס און נויט ניט אַרויסגעטראָגן.

דאָס זייגער־מאַכעריי איז אין יענער צײַט געווען איינע פֿון די מעלאָכעס, פֿאַר וועלכע מע האָט געהאַט אָפּשיי אין דער שטעטל־סוויווע און די דאָזיקע באַציונג צו זײַן פֿאָטערס פֿאַך האָט איבערגענומען אויך דער יונגער גאָלדפֿאַדן. אַזוי זעען מיר, אַז שוין אין דער ערשטער דראַמע זײַנער „די מומע סאָסיע" פֿרווט גאָלדפֿאַדן געבן אַף דער סצענע „אַ ראַבאָטשע באַ אַ זייגער־מאַכער" און דאָרט ווערט געזונגען אַזאַ לידל:

„האַנאָע האָב איך פֿון מײַן ברויט,
ווער ס'וויל לאַכן פֿון מיר מייג ער,
מיר דאַכט, אַז יעדן אין זײַן נויט
דינט ניט שלעכט דער זייגער.
מיט מײַן מעלאָכע מאַכט מען מיר ניט רויט מײַן בלוט
דער ס'וויל לאַכן פֿון מיר מייג ער
אַ זייגער שאַדט קיין מענטשן ניט
אַבי דער מענטש שאַדט נאָר ניט דעם זייגער" 2).

די דאָזיקע באַציונג צו זײַן פֿאָטערס פּראָפֿעסיע ווערט באַ דעם יונגן גאָלדפֿאַדן פֿאַרבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם אָפּשיי פֿאַר זײַן פֿאָטערס געשטאַלט.

„ווי איך געדענק, — דערציילט אַ. גאָלדפֿאַדן וועגן זײַן פֿאָטער — איז ער געווען דער איינציקער באַלמעלאָכע אין שטעטל, וואָס האָט האַנאָע געהאַט אַרײַנצוקוקן אין אַ יידישן סייפֿער, און דאַרום האָט ער גוט געשפּאָרט זײַן לעצטן, מיט שוויים פֿאַרהאָרעוועטן גראָשן, צו לערנען זײַן עלטערן זון אַווראָם (דאָס מיינט מען „מיך") לאָשן־קוידעש. אַז איך בין אַהיים געקומען פֿון דעם געמאָרע־מעלאַמעד,

האָב איך שוין געטראָפֿן אַ לערער, וואָס האָט מיר געלערנט דייטש, רוסיש און טאַנאַך מיט דייטשישער איבערזעצונג" 3).

ווען גאָלדפֿאַדנס פֿאָטער ווערט אויך דערציילט, אַז ער איז געווען „אַליין א מאסקיל, עפּשער ניט פֿון די טיפֿע און געבילדעטע", האָט געהאַט א „נייגונג פֿון צייט צו צייט אַ וואָרף טאָן... אַ קאָרעספּאָנדענצל אין דער פֿאָרם פֿון אַ בריוו" 4).

אין אַזאַ גייסט האָט ער אויך דערצויגן זיין עלטערן זון אַווראָם, וואָס האָט שוין צו 11 יאָר אָנגעשריבן אַ מעליציע-ליד אַף העברעיש.

דעם פֿאָטערס באַציונג צום געדרוקטן וואָרט האָט זיך יאָרנלאַנג געפֿילט אין דערדאָזיקער שטוב. אַזוי זעען מיר, אַז מיט פֿיל יאָרן שפּעטער, אין 1868 יאָר, ווען א. גאָלדפֿאַדן איז שוין געווען ווייט פֿון דער היים, הויבט אָן פֿון אַלט-קאָנסטאַנטין צו שרייבן אין „קול מבשר" דער יינגערער ברודער זיינער, יויסעף גאָלדענפֿאָדים. ער דרוקט אייניקע פֿרייע איבערזעצונגען און באַאַרבעטונגען פֿון דער דייטשישער און רוסישער ליטעראַטור. ער דרוקט אויך קאָרעספּאָנדענצן פֿון אַלט-קאָנסטאַנטין וועגן פֿאַרשיידענע שטאָט-איניאָנים 5). אַפּאָניִם, אַז די שטוב פֿון גאָלדפֿאַדנס פֿאָטער איז געווען אַ שטוב, וווּ עס האָט זיך לאַנגע יאָרן נאָכאַנאַנד אויפֿגעהאַלטן דער פֿונק פֿון געוויסע קולטור-געזעלשאַפֿטלעכע אינטערעסן.

די באַציונג זיינע צום פֿאָטער האָט אַ. גאָלדפֿאַדן בוילעטער ווי אומעטום אויסגעדריקט אין דער ווידמונג אין זיין ערשטן ביכל העברעישע לידער „ציצים ופרחים" דאָ רעט ער וועגן זיין טיפֿן רעספּעקט פֿאַרן פֿאָטער, וועלכער איז „ווייסנדאָרשטיק און זאַכפֿאַרשטענדיק, גייט מיט זיין גלייכן וועג, האָט פֿיינט געדויבטע געלט, איז אַלע מאָל זאַט פֿון די פֿרוכט פֿון זיין מי" א. אַ. וו. 6).

דורך דעם אַלגעמיינעם טאָן פֿון מעליציע, וואָס האָט געפּאַסט פֿאַר דער ווידמונג פֿון יונגן העברעישן מעכאַבער אין די 60-קער יאָרן, הערט זיך אָן אומיטלבאַרער געפֿיל, וואָס פֿאַרבינדט גייסטיק דעם יונגן א. גאָלדפֿאַדן מיט זיין פֿאָטער.

אַ געוויסע כאַראַקטעריסטיק פֿון די יאָרן, וועלכע גאָלדפֿאַדן האָט פֿאַרבראַכט אין זיין פֿאָטערס שטוב, קאָן מען אויך באַקומען פֿון אַן אַנדערער ווידמונג גאָלדפֿאַדנס, וואָס געפֿינט זיך אין זיין ערשטן יידישן ביכל „דאָס יודעלע". דאָסדאָזיקע ביכל „לידער אף פּראָסט יודיש" האָט גאָלדפֿאַדן געשענקט זיין מוטער און האָט אין דער ווידמונג געשריבן:

„טייערע מאַמע!
זייער פֿיל האסט דו געליטן איבער מיר
מיט וואָס קאָן איך אָפּדאַנקען דיר?
אָרעם, ווי איך בין—איז די פּען מיין אַשירעס,
שוואַך, ווי איך בין—איז דאָס ליד מיינע גוורעס,
ווי קליין דאָס בוך איז, נאָר גרויס איז דער דאַנק
ווייל פֿון מיין גאַנצן האַרץ איז דאס דיר אַ געשאַנק
פֿון דיין עלטערן זון
אַווראַם". 7).

אַליין דער פֿאַקט, וואָס גאָלדפֿאַדן האָט אַזוי איינגעטיילט די ווידמונגען צו זיינע ערשטע צוויי ביכלעך: די העברעיִשע — דעם פֿאָטער און די „פּראָסט־יידישע" — דער מוטער — גיט אונדז אַ געוויסע אָנצוהערעניש אַף גאָלדפֿאַדנס דערציִונג. אויב אין דעם פֿאָטערס ווירקונג איז די פֿאָלקסטימלעכקייט פֿון אַ באַל־מעלאָכע־שטוב געווען „פֿאַרפּוצט", אַפֿן מאַסקילישן שטייגער, האָט אין דער געשטאַלט פֿון דער מוטער צו גאָלדפֿאַדענען גערעדט די איינפֿאַכע פֿאָלקסטימלעכקייט, וואָס האָט געוווּסט נאָר איין שפּראַך, „פּראָסט יידיש" און האָט פֿון דער העברעיִשער מעליצע אים געצויגן צו די לידער וועגן אַרומיקן לעבן. די דאָזיקע צווייערליי ווירקונגען האָבן זיך געוויס אָפּגעשפּיגלט אַף דער דערציִונג פֿון דעם יונגן גאָלדפֿאַדן.

אין דער ערשט געבראַכטער ווידמונג צו דער מוטער האָבן מיר געהערט וועגן די ליידן, וואָס די מוטער האָט געהאַט אויסצושטיין פֿון דעם יונגן גאָלדפֿאַדן. גענויער ווערט דערציילט וועגן דעם אין זיין אַווטאָביאָגראַפֿיע:

„— עס איז געווען — דערציילט א. גאָלדפֿאַדן — גראַדע די זאָגענאַנטע „ניקאָלאַיִס צייטן" — אַלע יידן האָבן ערוואַרטעט די „ביטערע גזירע", וואָס אַלע קליינע קינדער (אָנגעפֿאַנגען פֿון 8 יאָר) וועט מען „נעמען פֿאַר סאָלדאַטן". די פֿערצווייפֿלונג פֿון די עלטערן, וואָס האָבן געהאַט קליינע קינדער, איז געווען אומבאַשרייבלעך. איין רעטונג־וועג איז דאַן געווען: דאָס קינד לערנען אַ מעלאָכע און עס איבערשטעלן די גרעניץ נאָך רומעניען, עס זאָל דאָרטן, ווייניקסטנס, ניט אויסגיין פֿון הונגער.

צו דעם צוועק האָט מיך דער פֿאָטער געלערנט די מעלאָכע, און אין איין קורצער צייט האָב איך אין דעם פֿאַך באַוויזן גוטע פֿעיִקייטן, און מיר זיינען געווען זייער צופֿרידן, אויסער איינע, וואָס איז געבליבן טרייסטלאָז: טאָג און נאַכט פֿלעגט מיין מוטער וויינען אַף מיר קוקנדיק, ווי אָט באַלד וועט איר עלטערער געליבטער זון אַוועק אין דער פֿרעמד און פֿיליַיכט אַף אייביק...

נאָר דער הימל האָט זיך באַלד אויסגעלייטערט און ווי די ליכטיקע זון נאָך אומגעוויטער איז ערשינען דער „אוקאַז": צו גרינדן אין יעדן יידן־באַפֿעלקערטער שטאָט „יידישע קראָנס־שולן", און יעדעס קינד, וואָס וועט באַזוכן די שולע, וועט באַפֿרייט ווערן פֿון רעקרוטירונג. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ גוואַלד צווישן די פֿאַנאַטיקער: „מען וויל זייערע קינדער אין די שולעס אויסשמאַדן" יעדע קלאַסע האָט זיך צוריקגעצויגן: די גווירימס קינדער זיינען געווען באַוואָרנט מיט געלט, מעיוכאָסים האָבן געפֿונען זייער שוץ בײַ „גוטע יידן", דער איינציקער איז געפֿאַלן, נעבאַך, אויף דעם אָרעמען באַלמעלאָכעס קינד. פֿאַר אים זיינען געבליבן די צוויי וועגן: ענטוועדער „סאָלדאַט" אָדער „אין דער שולע". מיין פֿאָטער אָבער האָט זיך מיט פֿריידע געווײלט דעם צווייטן וועג, און נאָך מער, דאָס זיין קינד קאָן זיין באַפֿרייט פֿון רעקרוטירונג דורך דעם וועג דער בילדונג. און אַזוי בין איך געווען פֿון די ערשטע קינדער, וואָס האָבן באַזוכט די שולע" 8).

מיט גאָלדפֿאַדנס אַרײַנטרעטן אין שול הערט אויף דעם פֿאָטערס שטוב שפּילן אַזאַ װיכטיקע ראָלע אין זײַן דערציִונג.

די גרינדונג פֿון דער שול האָט באַטײַט אַ געװיסע קולטורעלע אויפֿלעבונג אין אַלט־קאָנסטאַנטין. די דאָזיקע אויפֿלעבונג איז פֿריִער פֿון אַלץ באַצײכנט געװען דערמיט, װאָס עס האָט זיך צוריקגעקערט אין אַלט־קאָנסטאַנטין, זײַן געבוירן־שטאָט, אַװראָם־בער גאָטלאָבער, װאָס איז געװאָרן אַ לערער אין דער שול.

אַלײן אַ דאָרטיקער טױשעװ, האָט גאָטלאָבער מיט יאָרן צוריק דאָ אין אַלט־קאָנסטאַנטין פֿאַרקערפּערט מיט זיך די האַסקאָלע. אין יאָר 1855, װען די שולע, װאָס א. גאָלדפֿאַדן באַזוכט, עפֿנט זיך, איז שוין א. ב. גאָטלאָבער, דעם אָרטיקן באַזונס זון, געװען אַן אָנערקענטער מאַסקילישער שריפֿטשטעלער. צו יענער צײַט האָט ער שוין געהאַט אַרויסגעגעבן פֿיל ביכער, האָט שוין באַװיזן צו זײַן אין אויסלאַנד.

גאָטלאָבער, װאָס זײַן נאָמען איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן פֿאַרבונדן געװאָרן מיט פֿיל רעאַקציאָנערע מאַיסים, איז נאָך אין יענער צײַט געװען אַ געװיסער פֿרײַדענקער, ער האָט געזוכט צו שאַפֿן אַרום זיך אַ סװיװע פֿון יונגע שרײַבער און מאַסקילים. אַזױ װײסן מיר, אַז אין דער צײַט, װען ער איז געװען אין קאַמענעץ אַ לערער פֿון דער דאָרטיקער „קאַזיאָנער שול“, איז זײַן שטוב געװען אַ הײם פֿאַר די „אויפֿגעקלערטע“. גאָטלאָבערס שטוב אין קאַמענעץ איז דעמאָלט געװאָרן אויך די הײם פֿאַר דעם יונגן שאָלעם־יאַנקעװ אַבראַמאָװיטש, דעם שפּעטערדיקן מענדעלע מוכער ספֿאָרים, װעלכן גאָטלאָבער האָט, דער ערשטער, אָנגעװיזן דעם װעג צו אויפֿקלערונג און ליטעראַטור. עס פֿאַרשטײט זיך, אַז גאָטלאָבער האָט, קומענדיק אין אַלט־קאָנסטאַנטין, אויך געגרופּירט אַרום זיך אַ געװיסן טײל פֿון דער אָרטיקער ייִדישער יוגנט און האָט אויך צװישן זײַנע טאַלמידים געפֿלאַנצט די אידײען פֿון האַסקאָלע און ליבע צו ליטעראַטור.

אָט װאָס א. ב. גאָטלאָבער דערצײלט אין יאָר 1888 װעגן אַװראָם גאָלדפֿאַדנען אין די יאָרן פֿון דער אַלט־קאָנסטאַנטינאָװער ייִדישער „קאַזיאָנער שול“:

„צװישן אַלע טאַלמידים איז געװען אַ ייִנגעלע גאָר אַ יונגס: אַװרעמעלע גאָלדפֿאַדן. דאָס ייִנגעלע האָט אַחוץ דער שולע, בײַ מיר צו הויז פּריװאַט געלערנט, איבערהויפּט פֿלעגט ער זיך זײער צוקוקן, װען איך האָב געשריבן זשאַרגאָן: דאָס איז געװעזן גאָר זײַן לײדנשאַפֿט. צינד דאַרף איך ניט דערצײלן, איר װײסט שוין װער ער איז און װאָס ער האָט שוין אָנגעשריבן, אַחוץ האָט ער אויפֿגעטאָן ייִדיש טעאַטער צו שפּילן, אים האָבן שוין אַסאַך נאָכגעטאָן און אַצינד שפּאַרט ער שוין אָן אין אַמעריקע“ 9).

לעבן גאָטלאָבערן, אונטער זײַן אָנפֿירונג באַקומט שוין דער פֿופֿצן—יעריקער אַװראָם גאָלדפֿאַדן אַ געװיסע ליטעראַרישע דערציִונג, װאָס לאָזט זיך שפּעטער מערקן אין גאָלדפֿאַדנס װערק.

גאָלדפֿאַדן ענדיקט די שול מיט אַן אויסצײכענונג. צו זיבעצן יאָר פֿאַרלאָזט ער אַלט־קאָנסטאַנטין און קומט אָן אין דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול.

II.

אין יאָר 1857 קומט אַ. גאָלדפֿאַדן קיין זשיטאָמיר.

זשיטאָמיר האָט אין יענער צײַט געמעגט אין אַ געוויסן זין פּרעטענדירן צו הייסן אַ ייִדישער קולטור־צענטר. דער פֿאַקט אַליין, אַז דאָרטן האָט עקזיסטירט אַ ראַבינער־שול מיט אַ היפּשן שטאַט לערער, צווישן זיי אייניקע טוער פֿון דער דעמאָלטיקער העברעישער און ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע, האָט שוין צוגעגעבן דער שטאָט אַ געוויסן קולטור־געוויכט.

עס זײַנען געווען אָבער אויך אַנדערע פֿאַקטאָרן. אַזוי זעען מיר אין זשיטאָמיר איינע פֿון די וויניקע דעמאָלטיקע ייִדישע דרוקערייען. אויב די ראַבינער־שול האָט צו זיך צוגעצויגן „ווינדאָרשטיקע“ יונגע לײַט פֿון פֿאַרשיידענע עקן פֿון לאַנד, האָט זיך אַרום דער דרוקערײַ געשאַפֿן אַ סוויווע פֿון שוין קוואַליפֿיצירטע ייִדישע מעכאַברים, וואָס פֿלעגן אַהין ברענגען זייערע ווערק און צוזאַמען דערמיט אויך זייער פּערזענלעכע ווירקונג אַף דעם אַרום *).

וועגן דעם אָרט, וואָס די ראַבינער־שול האָט פֿאַרנומען אין זשיטאָמיר גופֿע, און וועגן דער באַציִונג פֿון דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג צו איר ווערט פֿיל דערציילט אין פֿאַרשיידענע ערטער 11). אומעטום ווערט איינשטימיק אָנגעוויזן, אַז די זשיטאָמירער ייִדישע באַפֿעלקערונג האָט זיך באַצויגן מיט אַ פֿולשטענדיקן אינדיפֿערענטיזם צו דער ראַבינער־שול.

איינער אַ טאַלמיד פֿון ראַבינער־שול דערציילט, אַז אין זשיטאָמיר, אַ שטאָט מיט אַ באַדייטנדיקער ייִדישער באַפֿעלקערונג, האָט מען סאַכאַקל געקענט געפֿינען צוויי פֿאַמיליעס, וווּ מע האָט געוואָלט האָבן אַ מאַסעאומאַטן מיט די בעסטע פֿון די ראַבינער־שילער. די איבעריקע באַפֿעלקערונג איז געשטאַנען גאָר ווײַט פֿון דער ראַבינער־שול און „האָט זיך זייער וויניק אינטערעסירט מיט דעם, ווי אַזוי עס פֿירן זיך אויף די לערער און טאַלמידים, צי האָבן זיי בעדייע צו מאַכן אַן איבערקערעניש אין דעם ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן“ 12).

---

*) בענויגייע דער קולטור-באַדייטונג פֿון זשיטאָמיר איז קעדאַי אָנצווייזן, אַז אין יאָר 1864 זײַנען געפֿירט געוואָרן אונטערהאַנדלונגען וועגן איבערפֿירן אַהין די צײַטונג „הצפירה“ פֿון אויסלאַנד. די רעדאַקטאָרן האָבן געזאָלט זיין ש. י. אַבראַמאָוויטש (מענדעלע מויכער ספֿאָרים) און כ. ז. סלאָנימסקי. כאָטש דערדאָזיקער פּלאַן איז ניט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן, כאַראַקטעריזירט עס דאָך די באַדייטונג פֿון זשיטאָמיר אין דער צייט, ווען גאָלדפֿאַדן האָט באַזוכט די ראַבינעו-שול 10).

די ראַבינער־שולן אין ווילנע און זשיטאָמיר זײַנען אין יענער צײַט אין אַ געוויסן זין געווען די נעסטן, ווו עס האָט זיך דערצויגן דער פּראָגרעסיווערער טייל פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ. לויט איר אָפּיציעלן באַרוף, האָט די ראַבינער־שול געדאַרפֿט צוגרייטן ראַבינער און לערער. אָבער פֿאַקטיש פֿלעגן אָנקומען אַהער, אין דער ראַבינער־שול, אויך אַסאַך אַזעלכע, וועלכע האָבן ניט געהאַט בדעה צו דורכמאַכן די קאַריער פֿון אַ לערער אָדער אַ ראַבינער און האָבן געזען אין דער ראַבינער־שול דעם אָרט, ווו מע קאָן באַקומען וועלטלעכע בילדונג און צו גלייכער צײַט אויך פֿאָרזעצן די „ייִדישע טראַדיציע", פֿאַרקערפּערט אין ספּעציעלע לימודים. אין דערהאָיִקער סוויווע האָבן געהערשט גאַנץ פֿאַרשיידענע שטימונגען, אַהער פֿלעגן געבראַכט ווערן גאַנץ פֿאַרשיידענע און אָפֿטמאָל קעגנזײַטלעכע שטרעבונגען.

עס איז קעדאַי צו דערמאָנען וועגן דעם סאָציאַליסטיש־פּראָפּאַגאַנדיסטישן קרײַזל אין ווילנע, אין וועלכן עס האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל די טאַלמידים פֿון ראַבינער־שול 13), דער שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פֿון „האמת" — אַרן ליבערמאַן און אַרן זונדעלעוויטש *). פֿון דער צווייטער זײַט איז אין די ווענט פֿון דער ראַבינער־שול (זשיטאָמיר) געוואַקסן אַ קרײַז אינטעליגענץ, וועלכע האָבן זיך נאָכדעם געשטעלט אין דער שפּיץ פֿון דער ייִדישער רעאַקציע (מ. מאַרגאַליס, א.א.). אָבער אַפֿילע אויך די לעצטע האָבן נאָך אין דער ראַבינער־שול דורכגעמאַכט זייער „פֿריידענקערישן" פּעריאָד, זיי האָבן שטאָלצירט מיט ליבעראַלע אידייען, און דאָס האָט געזאָלט געבן דעם טאָן אין די ראַבינער־שולן.

אַלס אַ כאַראַקטעריסטישן פֿאַקט וועלן מיר דאָ דערמאָנען, אַז וואָלף קאָמאַדאַש, אַ טאַלמיד פֿון ראַבינער־שול, האָט נאָך מיט אייניקע יאָרן פֿריער איידער גאָלדפֿאַדן איז אָנגעקומען אין ראַבינער־שול, אין יאָר 1853, אָנגעשריבן אַ בייסנדיקע סאַטירע אַף קאָהאַל, אַ סאַטירע, געשריבן אין אַ דראַמאַטישער פֿאָרם אין ייִדיש. מיר ווייסן אויך, אַז דער קיִעווער צענזור־קאָמיטעט האָט דידאָזיקע פּיעסע אַנערקענט פֿאַר אַ געפֿערלעכע, פֿאַר אַ ניהיליסטישע און האָט אַפֿילע געראַטן נאָכצוקוקן די טאַלמידים פֿון ראַבינער־שול, זיי זאָלן אין אַזעלכע קרומע וועגן ניט גיין 14).

דערדאָזיקער פֿאַקט באַווײַזט, אַז זייענדיק איזאָלירט פֿון דער זשיטאָמירער ייִדישער באַפֿעלקערונג, זײַנען די טאַלמידים פֿון דער ראַבינער־שול דאָך ניט געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן פֿון לעבן.

מיר ווייסן, לעמאָשל, וועגן אַ ייִדישער פֿאָרשטעלונג, וואָס איז געווען אָרגאַניזירט דורך די טאַלמידים פֿון ראַבינער־שול אין באַרדיטשעוו, אַזעלכע אַרויסטרעטונגען — ווי זעלטן זיי פֿלעגן ניט פֿאָרקומען — האָבן דאָך פֿון צײַט צו צײַט אויפֿגע־

*) מיר האָבן ניט קיין ידיעס וועגן דער פֿאַרשפּרייטקייט פֿון סאָציאַליסטישע אידייען צווישן די טאַלמידים פֿון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול. מיר ווייסן נאָר, אַז די זשיטאָמירער ראַבינער־שול האָט געגעבן אַזעלכע פּראָגרעסיווע שרייבער פֿון יענער צייט, ווי ליבעצקי, גאָלדפֿאַדן, וואַרשאַווסקי. אויך מענדעלע האָט אַף זיך גענוג האַשפּאָע פֿון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול געהאַט.

לעבט דעם פֿאַרמאַכטן און אָפּגעשלאָסענעם אַנשטאַלט. דאָ, אין די ווענט פֿון ראַבינער-שול, איז דער לעבנלוסטיקער צייט-פֿאַרטרייב געשטאַנען ניט אַפֿן לעצטן אָרט.

דער פֿריִער-דערמאָנטער טאַלמיד פֿון ראַבינער-שול, מ. מאַרגאָליס, דערציילט:

„מע האָט דערלאַנגט אַ באַקאָשע צום דירעקטער וועגן דער וויכטיקער באַדײַטונג פֿון טאַנצן, אין אַלגעמיין און דערהויפּט פֿאַר ייִדן, וועלכע עס איז נויטיק אויסצוגלײַכן און אויסצולערנען גראַציעזע מאַנירן. די הישטאַדלעס איז באַפֿרידיקט געוואָרן און עס זײַנען אַוועק טענץ אין דער אַלגעמיינער קוואַרטיר. עס האָבן געטאַנצט אַלט און יונג... די טענץ האָבן אַלעמען פֿאַרכאַפּט און דאָס איז געוואָרן אַן עפּידעמישע דערשײַנונג. די סאַמע ערנסטע ראַבינערלעך האָבן זיך אויסגעלאָזן טאַנצן, האָבן פֿאַרגעסן אָן זייער לאַגע אין דער צוקונפֿט און אָן זייער אָנשטענדיקייט אין דער קעגנוואַרט. אויסגעלערנט זיך טאַנצן, פֿלעגן די ראַבינערלעך גיין אַף מאַסקאַראַד-בעלער אין זשיטאָמירער טעאַטער. די דערפֿינדערישקייט פֿון די שילער האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו קומען אַף די בעלער אין אײַנדרוקמאַכנדיקע קאָסטיומען. עס איז געגעבן געוואָרן אַן ערנסטע אויפֿגאַבע: בײַ די סאַמע נישטיקסטע מיטלען מאַכן קאָסטיומען גראַציעזע און דערהויפּט אַזוינע, וואָס זאָלן צו זיך צוציִען די באַלדיקע אויפֿמערקזאַמקייט“ 15).

אָט אין דעראָזיקער סוויווע האָט זיך געפֿונען גאָלדפֿאַדן אין ראַבינער-שול.

אין די ווענט פֿון דער ראַבינער-שול לעבט אַ. גאָלדפֿאַדן מיט די אַלגעמיינע געוואָינהייטן פֿון אַרום, ער איז אַ פֿלײַסיקער טאַלמיד, ער ווערט דורכגעדרונגען מיט די האַסקאָלע-אידייען (דאָס איז אין די ווענט פֿון ראַבינער-שול געווען קימאַט ווי אַ מוז) און ער איז גרייט צו דינען געטרײַ „דער טאָכטער פֿון הימל“ — דער האַסקאָלע. אין דערזעלבער צײַט באַקומט ער אויך ליטעראַרישע דערציִונג, דערהויפּט פֿון דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור.

דער אינטערעס צו דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור איז קאָנטיק אין דער ראַבינער-שול געווען אַזוי שטאַרק, אַז די שילער האָט מען שוין גענומען אויפֿוואַרפֿן פֿאַרוואָס, „שעפּנדיק מיט פֿולע הויפֿנס פֿון דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור“, באַציִען זיי זיך מיט צופֿיל גרינגשעצונג צו דער העברעיִשער ליטעראַטור. עס ווערט געפּלאַנט, קעדיי די לאַגע צו פֿאַרבעסערן, צו שאַפֿן אַ העברעיִשע ביבליאָטעק, גרינדן אַ העברעיִשן זשורנאַל בײַ דער שול. צוליב דעם צוועק ווערט געזאַמלט געלט צווישן די לערער און טאַלמידים פֿון דער שול. צווישן די, וועלכע האָבן געשטיצט דעמדאָזיקן פּלאַן, געפֿינען מיר דעם שילער פֿון 4-טן קלאַס, אַ. גאָלדענפֿאָדים, וואָס האָט פֿון זײַנע באַשיידענע מיטלען געשענקט 25 קאָפּיקעס 16).

דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער אַלגעמיינער אַטמאָספֿער, אין וועלכער עס ווערט דערצויגן אַווראָם גאָלדפֿאַדן. כוץ די אַלגעמיינע געוואָינהייטן, וואָס האָבן געהערשט אין דער ראַבינער-שול, האָט גאָלדפֿאַדן געהאַט זײַנע אייגענע אויסגעשפּראָ-

בענע סימפּאַטיעס. מיר ווייסן ניט, צי קאָן מען זיך פאַרלאָזן אַף די ידיעס, אַז גאָלדפֿאַדן האָט נאָך זייענדיק אין אַלט-קאָנסטאַנטין, דאָס הייסט, ניט מער יעדנפֿאַלס ווי 17 יאָר אַלט, געשריבן לידער, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן דורך די שילער פֿון אַלט-קאָנסטאַנטינאָווער שול און אַז עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיינע לידער זיינען שוין דעמאָלט פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין די אַרומיקע יידישע שטעטלעך 17).

אויב דאָס איז אַפֿילע אַ גוזמע בענוגע צו גאָלדפֿאַדנס יאָרן אין אַלט-קאָנסטאַנטין, הערן מיר אָבער, אַז דאָסזעלבע ווערט דערציילט וועגן גאָלדפֿאַדנס זשיטאָמירער יאָרן.

עס ווערט דערציילט וועגן דעם: „גאָלדפֿאַדן האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אייגענע לידער אַף יידיש אין גייסט און פֿאָרם פֿון די אומגעקינסטלטע פֿאָלקס-לידער... פֿון די ראַבינער-שילער זיינען זיינע לידער איבערגעגאַנגען אין גאַס, פֿון זשיטאָמיר אין דער פּראָווינץ, און אַזוי איז גאָלדפֿאַדן, נאָך זיצנדיק אַפֿן שול-באַנק, געוואָרן אַ פּאָפּולערער און באַליבטער פֿאָלקס-דיכטער 18).

עס איז שווער צו אָננעמען, אַז די דאָזיקע לידער האָט גאָלדפֿאַדן געשריבן פֿאַרבלייבנדיק אין דער איזאָלירונג, אין וועלכער עס האָט זיך געפֿונען די ראַבינער-שול אין זשיטאָמיר. עס איז צו גלויבן, אַז גאָלדפֿאַדן איז געווען פֿון די איינציקע שילער, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן אַזוי אָדער אַנדערש צו האָבן אַ געוויסע פֿאַרבינדונג מיט דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג, זעען מיט וואָס עס לעבט די ברייטע יידישע מאַסע, פֿאַרגעדענקען אירע געשטאַלטן און איר לעבן-שטייגער.

פֿון זיינע באַגעגענישן מיט די זשיטאָמירער אינטעליגענטע קרייזן ווייסן מיר גאַנץ ווייניק. גאָלדפֿאַדן איז געווען אַן אָריינגייער אין הויז פֿון וואַרשאַווסקי, דעם פֿאָטער פֿון באַרימטן דיכטער מ. וואַרשאַווסקי, ווו עס האָט געהערשט אַן אַטמאָספֿער פֿון קולטור-אינטערעסן.

דאָ, אין זשיטאָמיר, באַגעגנט זיך אויך גאָלדפֿאַדן ווידער מיט א. ב. גאָטלאָבער, בײַ וועמען אין הויז עס קומען פֿאָר מוזיקאַלישע אָוונטן. דאָ באַגעגנט זיך גאָלדפֿאַדן אויך מיט לינעצקין, מיט וועלכן ער האָט שפּעטער אין זיין לעבן אַזוי פֿיל דורכגעמאַכט צוזאַמען. אַ גרויסן איינפֿלוס אַף לינעצקין אין דער ראַבינער-שול האָט געהאַט צווייפֿל, וועלכער איז שוין דעמאָלט אַרויסגעטראָטן מיט אַן אַנאָנים ביכל פֿאַר יידיש און האָט מיסטאַמע געווירקט אויך אַף גאָלדפֿאַדענען.

ניט אויסגעשלאָסן איז אויך, אַז גאָלדפֿאַדן האָט זיך דאָרטן באַגעגנט מיט מענדעלען, וואָס האָט געוואוינט אין באַרדיטשעוו און פֿלעגט גאַנץ אָפֿט באַזוכן זשיטאָמיר.

„אַ שיינער, שלאַנקער, בלאָנדהאָריקער יונגערמאַן“, — „אַ לעבנס לוסטיקער פּאָעט“, אַזוי ווערט געשילדערט גאָלדפֿאַדן פֿון יענער צייט. ער האָט זיך נאָר פֿרי דערוווּסט, וואָס עס הייסט האָבן ליטעראַרישן דערפֿאָלג.

אין יאָר 1862 דעביוטירט ער אין „המליץ“ מיט אַ ליד, באַלד נאָכדעם

הויבט ער אָן צו דרוקן זײַנע ייִדישע לידער אין „קול מבשר". אין דער צײַט גייען נאָך זײַנע סימפּאַטיעס צו העברעיִש און ייִדיש באַנאַנד.

עס איז עפּשער אויך פֿאַרשטענדלעך די סיבע, פֿאַר וואָס דער יונגער גאָלדפֿאַדן אַנטשליסט זיך ניט אין דער צײַט צו ווידמען זיך אינגאַנצן דער ייִדישער שפּראַך. אין דער סוויווע פֿון דער ראַבינער־שול האָבן דאַפּקע די העברעיִשע לידער געשאַפֿן גאָלדפֿאַדענען אַ געוויסן פּרעסטיזש 19). אַדאַנק זײַנע העברעיִשע לידער פֿלעגן די לערער אָנווײַזן אַף גאָלדפֿאַדענען, ווי אַף אַ מוסטער. צוליב דעם זכות האָט מען מוחל געווען גאָלדפֿאַדענען זײַן קנאַפּן דערפֿאָלג אין אייניקע לימודים, ווי מאַטעמאַטיק, אַשטייגער.

— „אַ פֿריילעך שטיקל צײַט — דערציילט אַ. גאָלדפֿאַדן — איז דעמאָלט געווען פֿאַר מײַנע מיטשילער: די הויכגעוועלבטע זאַלן פֿון אַלע קלאַסן האָבן געהילכט יעדן טאָג פֿון די טענער, וואָס מײַנע קאָלעגן פֿלעגן זינגען מײַנע לידער אין דער העברעיִשן שפּראַכע, ווי אויך אין זשאַרגאָן" 20).

אין יאָר 1865 ווערט שוין גאָלדפֿאַדן אומגעדולדיק און זאַמלט אויף זײַן ליטעראַרישן פֿאַרמעגן אין אַ ביכל „ציצים ופרחים", געווידמעט זײַן פֿאָטער.

גאָלדפֿאַדן דערציילט אין פֿאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפֿלאַגע פֿון „ציצים ופרחים", אַז באַלד, ווי ער האָט זײַן ביכל אָפּגעדרוקט, איז „פּתאם כנודי נהפך לאבל" — „איז פּלוצים מײַן פֿידל פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טרויער", עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַחוץ די לערער פֿון ראַבינער־שול האָט קיינער פֿון אַרום גאָלדפֿאַדענען מיט זײַן ערשטן העברעיִשן ביכל ניט באַגריסט.

גאָלדפֿאַדן דערציילט, אַז זוכנדיק שטיצע, האָט ער זיך געלאָזט אין דער שטאָט ב. (באַרדיטשעוו?) „צו קלאַפּן אין די טירן פֿון די רײַכע און איידעלע זין פֿון מײַן פֿאָלק". אָבער דאָ האָט מען אים שוין גאָר באַגעגנט גאַנץ קאַלט.

אין יאָר 1866 זאַמלט גאָלדפֿאַדן אויף אַ ביכל ייִדישע לידער, וואָס דערשײַנט דעמוּלבסיקן יאָר, ווען ער ענדיקט די ראַבינער־שול. דאַסדאָזיקע ביכל האָט גאָלדפֿאַדנס נאָמען מיט אַמאָל געמאַכט פּאָפּולער.

ניט אָפּשטעלנדיק זיך אַף דער ליטעראַרישער אָפּשאַצונג פֿון ביכל „דאָס ייִדעלע", מוזן מיר דאָ פֿאַרצייכענען, אַז דאָסדאָזיקע ביכל באַווײַזט אונדז דעם יונגן אַוראָם גאָלדפֿאַדן, ווי אַ מענטשן, בײַ וועלכן עס הויבן זיך ערשט אָן אויסקריסטאַליזירן באַשטימטע אַנשויונגען. ווען מיר פֿאַרגלײַכן גאָלדפֿאַדענען פֿון בוך „דאָס ייִדעלע" מיט זײַן אַרומיקער סוויווע פֿון יענער צײַט, זעען מיר, אַז גאָלדפֿאַדן האָט פֿאַר זיך געשאַפֿן אַ באַזונדער אָרט צווישן די צוויי ריכטונגען, וואָס האָבן זיך גענומען אויסבילדן אין דער דעמאָלטיקער ייִדישער אינטעליגענץ.

אין דער צײַט, ווען אַ געוויסער טייל פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ האָט זיך שוין געגרייט צום אָנהויב פֿון סאָציאַליסטישער טעטיקייט און אַ צווייטער האָט אָנגעהויבן דורכצומאַכן זײַן עוואָלוציע צו אַן אויסגעשפּראָכענער אַגרעסיוו־בורזשואַזער,

אידעאָלאָגיע, איז גאָלדפֿאַדן געשטאַנען אין מיטן צווישן די צוויי ריכטונגען. אים איז ניט פֿרעמד געווען די נאַציאָנאַליסטישע באַגײַסטערונג פֿון „דאָס פּינטעלע ייִד“, וועלכע ער האָט שוין געפּרוּווט אַזוי צו זאָגן „עמאַנסיפּירן *), אַזוי ווי דעם אויסדריק „דאָס פּינטעלע ייִד“ האָט, דאַכט זיך, גאָלדפֿאַדן דער ערשטער אַרײַנגעפֿירט אינם ייִדישן ליד. אים איז אויך ניט פֿרעמד געווען צו אָנהייבן זינגען די מאָטיוון פֿון „על נהרות בבל“ אין אַזאַ טאָן, וואָס האָט געדאַרפֿט אויסנעמען בײַ די „אויפֿגעקלערטע“ פֿאַרשטייער פֿון דער „ייִדישער טראַדיציע“. אָבער דער גרעסטער טייל פֿון גאָלדפֿאַדנס ביכל איז דאָך געווידמעט סאָציאַלע מאָטיוון, וואָס זײַנען גענומען געוואָרן פֿון רעאַלן לעבן, הויפּטזאַכלעך מיט די דעמאָלטיקע געפֿאַלענע שטימונגען פֿון ייִדישן מיטלשטאַנד — „דעם פֿאַרזאָרגטן באַלעבעסל“ — און איבערגעגעבן אין אַזאַ טאָן, וואָס האָט אויך געקאָנט זײַן נאָענט דער ברייטער ייִדישער מאַסע, אירע אָרעמע שיכטן.

וועגן דער פֿאַרשפּרייטקייט פֿון גאָלדפֿאַדנס לידער אין יענער צײַט, הערט מען פֿיל צו דערציילן. אַפֿילו זײַן נאָמען איז באַלד בײַם דערשײַנען פֿון ביכל געפֿאַלן דער אָפּגלאַנץ פֿון אַ פֿאָלקס־דיכטער.

גאָלדפֿאַדנס נאָמען איז באַלד געוואָרן פֿון די נעמען, מיט וועלכע מע האָט געהויבן דעם אויטאָריטעט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

בײַ אַ שרײַבער פֿון די 70־קער יאָרן לייענען מיר: „ווען די ייִדישע אינטעליגענץ זאָל אַרײַנקוקן אין די ווינקעלעך פֿון ייִדישן געטאָ, ווי דאָס לעבן פֿון די אויסגעדאַרעוועטע ייִדישע האָרעפּאַשניקעס האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַן אומאָפּהענגיקן זיפֿצנדיק ליד „ברויט, ברויט“, ווי מען הערט זיך צו צו די וואַרעמע און ליבלעכע ווערטער פֿון לינעצקי, אַבראַמאָוויטש און צו די וואַרעמע לידער פֿון גאָלדפֿאַדן, וואָס עטעמען מיט נאַטירלעכער פֿאָלקס־ליבע... 22).

דאָס וואָס ווערט דאָ געזאָגט וועגן דער פֿאַרשפּרייטקייט פֿון גאָלדפֿאַדנס לידער איז גאָר ניט געווען קיין גרויסע גוזמא: זײַנע לידער האָט מען גלײַך גענומען זינגען אין די פֿאַרשיידנסטע עקן פֿון לאַנד, אין די פֿאַרשיידנסטע שיכטן פֿון שטאָט און קליין שטעטל. עס איז דעריבער קיין כידעש ניט, וואָס שלום־עליכעם נעמט אַרײַן אין זײַן מאָנאָגראַפֿיע „דער דלת אין די בעסטע ווערקע פֿון אונדזערע ייִדישע שרײַפֿטשטעלער“ 23) גאָלדפֿאַדנס ביכל „דאָס ייִדעלע“ **).

---

*) פֿאַר דעם „עמאַנסיפּירטן“ גאָלדפֿאַדן איז כאַראַקטעריסטיש דאָס, וואָס ער שרײַבט אין „דאָס פּינטעלע ייִד“.

„איך האָב דיך ליב מײַן פֿאָלק, די טײַערע אומע!
... איך האָב ליב דײַן נאָמען ווי מע גיט אים אַ דריי:
צו „ישׂראל“, צו „איזראַעל“, צו „עברי“, צו „יעווריי“,
צו „יעקב“, צו „יעקאָב“, צו „יודע“ צו „ייִד“!. 21)“.

**) עס איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, ווי עס ווערן איבערגעגעבן אין שלום־עליכעמס ראָמאַן פֿון די 80־קער יאָרן „יאָסעלע סאָלאָוויי“, דער אײַנדרוק פֿון גאָלדפֿאַדנס לידער. יאָסעלען כאָלעמט זיך: „ער ליגט אויסגעצויגן אַפֿן גרינעם גראָז, און איין האַנט האַלט ער אַ טעלער מיט שאַלאַכ-

מיר ווייסן אויך וועגן דער באַציִונג פֿון פּערעצן צו גאָלדפֿאַדנס לידער. ווי עס ווערט דערציילט, זאָל פּערעץ אַפֿילע האָבן זיך איינמאָל אויסגעדריקט: „מיין רעבע איז גאָלדפֿאַדן" 24). מיר וועלן אויך דערמאָנען, אַז וואַרשאַווסקי האָט געשריבן זיינע לידער נאָכן מוסטער פֿון אַ. גאָלדפֿאַדן, וועמען ער האָט געהאַלטן פֿאַר דעם איינציקן דיכטער פֿון „ושאַרגאָן" 25).

מען מוז דערביי נאָך באַמערקן, אַז די דאָזיקע אָנערקענונג פֿון גאָלדפֿאַדנס דיכטערישער פֿעיִקייט איז ניט געקומען צו שפּעט, ווי דאָס האָט אָפֿטמאָל געטראָפֿן מיט אַנדערע יידישע שרייבער. שוין אין די ושיטאָמירער יאָרן האָט גאָלדפֿאַדן געהערט ריידן וועגן זיין ליטעראַרישן באַרוף. עס איז אָבער קיינעם אין דער צייט ניט איינגעפֿאַלן צו טראַכטן וועגן זיינע דראַמאַטישע און טעאַטראַלע פֿעיִקייטן. דאָך האָט אַ צופֿאַל געבראַכט דערצו, אַז נאָך אין דער ראַבינער-שול האָט גאָלדפֿאַדן באַקומען אַ געלעגנהייט צו אויספּרוּוון זיינע יונגטלעכע קרעפֿטן אַפֿן געביט פֿון טעאַטער.

וועגן דעם, אַז די תּלמידים פֿון ראַבינער-שול זיינען געווען שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט דער טעאַטער-קונסט, האָבן מיר שוין געהערט אויבן פֿון אַ תּלמיד פֿון ראַבינער-שול מ. מאַרגאַליס. מיר וועלן דאָ נאָך ציטירן אויך דאָס, וואָס עס דערציילט אַ צווייטער תּלמיד פֿון דער ראַבינער-שול, א. י. פּאַפּערנאָ, וועגן גאָלדפֿאַדנס ערשטער טעאַטראַלער אַרויסטרעטונג. דאָס איז געווען אין יאָר 1862.

די פֿרוי פֿון אינספּעקטער פֿון ראַבינער-שול, סלאָנימסקי, איז אָקאָרשט געקומען פֿון וואַרשע און האָט מיטגעבראַכט די קאָמעדיע פֿון דאָקטער עטינגערס „סערקעלע", דעמזעלביקן ווינטער איז איר איינגעפֿאַלן צו מאַכן אַ ספּעקטאַקל, ווו די דראַמע זאָל געשפּילט ווערן דורך די שילער פֿון דער ראַבינער-שול.

„דער פּלאַן פֿאָרצושטעלן אַף יידיש אַ דראַמע האָט אויסגעוויזן ווילד בײַ דער ושיטאָמירער יידישער אינטעליגענץ, אָבער מאַדאַם סלאָנימסקאַיאַ איז פֿעסט באַשטאַנען אַף איר פּלאַן. עפּשער האָט זי אַליין געקוקט אַף דעם, ווי אַף אַ קאַפּריז, נאָר דאָך האָט זי זיך דערפֿאַר גענומען מיט גרויס ענערגיע, זי האָט פֿאַנאַנדערגעטיילט די ראָלן, אָרגאַניזירט, רעפּעטירט, געזאָרגט פֿאַר פּאַסנדע דעקאָראַציעס, און דער ספּעקטאַקל איז צו שטאַנד געקומען אין קעגנוואַרט פֿון די לערער פֿון דער ראַבינער-שול און פֿון דער איבעריקער ושיטאָמירער אינטעליגענץ. דער ספּעקטאַקל האָט געמאַכט אַ פֿוראָר. די שילער

מאָנעס, מיט דער אַנדערער גלעט ער עסטערן איבערן קאָפּ און עסטער זינגט אים איינס פֿון גאָלדענפֿאַדימס לידלעך, וואָס זיי פֿלעגן קינדווייז ביידע אָפֿט זינגען:

גערשלאָפֿן איז אַלעס, האַלבנאַכט איז געווען,
עס האָט זיך קיין בריע גערירט.
די זילבערנע לעוואָנע האָט זיך אַליין
צווישן די שטערן שפּאַצירט".

דאָס ליד, וואָס ווערט דאָ געבראַכט, געהערט צו די גאָר פֿריִע לידער גאָלדפֿאַדנס. זי געפֿינט זיך אין בוך „דאָס יודעלע" אונטערן נאָמען „דער מאַלאַך".

האָבן זייערע ראָלן גוט געשפּילט, נאָר מער פֿאַר אַלעמען האָט זיך אויסגעצייכנט גאָלדפֿאַדן, וואָס האָט געשפּילט די שווערסטע ראָלע „סערקעלע“ 26).

אַז די יידאָזיקע פֿאָרשטעלונג האָט אין אַ געוויסער מאָס אַנטשיידן גאָלדפֿאַדנס ווייטערדיקן לעבנסוועג, באַצייכענען אַלע, וואָס האָבן דערציילט וועגן גאָלדפֿאַדנס לעבן. מיר ווילן דאָ אונטערשטרייכן נאָך איין מאָמענט: ביי אַלעמען איז די דאָזיקע פֿאָרשטעלונג געווען באַדייטנדיק דערמיט, וואָס דאָ האָט זיך גאָלדפֿאַדן דאָס ערשטע מאָל געלערנט צופּאַסן זיך צו די מינימאַלע סצענישע מעגלעכקייטן פֿון אַן אימפּראָוויזירטן טעאַטער, אַזאַ ווי עס איז נאָכדעם געווען זיין אייגענער טעאַטער. צו האָט זיך ניט פֿון דעם אָוונט גענומען בײַ גאָלדפֿאַדענען דער מוט, בלויז מיט צוויי אַקטיאָרן — קעלער־זינגער אָנצוהייבן בויען אַ טעאַטער שפּעטער אין רומעניע. יעדנפֿאַלס האָט גאָלדפֿאַדן פֿון דעם אָוונט גוט פֿאַרגעדענקט, ווי צו באַנוצן זיך מיט די קנאַפּסטע סצענישע מיטלען, צו באַגיין זיך אָן אַ פֿרויען־פּערסאָנאַל אין דער טרופּע און אָן די נויטיקסטע שפּיל־מאַטעריאַלן. און די דאָזיקע יוגנטלעכע דערפֿאַרונג האָט געוויס צוגעגרייט גאָלדפֿאַדענען צו זיין ווייטערדיקער טעטיקייט.

אָבער די פֿאָרשטעלונג פֿון „סערקעלע“ איז דאָך געווען ניט מער, ווי אַ קליינער עפּיזאָד. טראַכטן וועגן עפּעס אַ שריט אין דער ריכטונג האָט גאָלדפֿאַדן ניט געקאָנט, דערווייל איז צוגעקומען דאָס יאָר 1866, ווען גאָלדפֿאַדן האָט אַ געענדיקטער געדאַרפֿט פֿאַרלאָזן די ראַבינער־שול.

די פֿאַרשיידענע סימפּאַטיעס צו ליטעראַטור, טעאַטער, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די יאָרן פֿון ראַבינער־שול, האָבן געמוזט אָפּטרעטן אַפֿן צווייטן פּלאַן. פֿאַר דעם רעאַלן פּראַקטישן לעבן האָבן די יאָרן פֿון ראַבינער־שול אויסגעטאָן נאָר איינס, זיי האָבן צוגעגרייט אַ לערער פֿאַר סימפֿעראָפּאָלער קאַזיאָנער שול, וווּהין גאָלדפֿאַדן איז אינגיכן אָנגעקומען.

מיר האָבן אין אונדזער רעשות אַ באַריכט פֿון דעם אָנפֿירער פֿון דערדאָזיקער שול אין יאָר 1867, ווען גאָלדפֿאַדן איז דאָרטן געווען אַ לערער. פֿון באַריכט איז צו זען, אַז דאָס איז געווען אַ טיפּישע „קאַזיאָנע שול“, וווּ מען האָט געלערנט טאַנאַך מיט רוסישער איבערזעצונג, דערציילונגען פֿון דער רוסישער געשיכטע, מאַטעמאַטיק, די סעדרע און געזאַנג פֿאַרן כאָר 27).

ווען מע דערמאָנט זיך, אַז די לערער, וואָס האָבן געלערנט אין ראַבינער־שול, פֿלעגן אויפֿגענומען ווערן זייער שלעכט מיצד דער יידישער באַפֿעלקערונג, ווען מע נעמט אין אַכט די קאָרעספּאָנדענצן פֿון יענער צייט, וואָס שילדערן סימפֿעראָפּאָל, ווי אַ פֿאַרוואָרפֿענעם העק, ווי אַ קולטורעל אָפּגעשטאַנענע שטאָט, ווערט קלאָר, פֿאַר וואָס גאָלדפֿאַדן האָט זיך דאָ אין סימפֿעראָפּאָל איינגעהאַלטן נאָר אַ קורצע צייט און האָט זיך איבערגעצויגן קיין אָדעס.

פֿון סימפֿעראָפּאָל האָט גאָלדפֿאַדן באַוויזן אָנשרייבן אַ פּאָר קאָרעספּאָנדענצן, אָבער זיכער האָט סימפֿעראָפּאָל אין זיין אַנטוויקלונג קיין ראָלע ניט געשפּילט.

III.

אין יאָר 1868 קומט גאָלדפֿאַדן קיין אָדעס. דערהאָזיקער פּעריאָד פֿון זײַן לעבן האָט געהאַט זייער פֿיל צו זאָגן פֿאַר זײַן גאַנצער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג.

עס קומט אויס קימאַט ווי סימוואָליש, ווען מע דערמאָנט זיך, אַז דעמזעלבן וועג הונדערט אָדעס האָט צוריק מיט 40 יאָר פֿאַר גאָלדפֿאַדענען דורכגעמאַכט אויך דער ערשטער ייִדישער דראַמאַטורג — עטינגער. אויך עטינגערן האָט געצויגן קיין אָדעס די רעפּוטאַציע פֿון אַ שטאָט, ווי מע געפֿינט „גליק אין די גאַסן“. אין דערזעלביקער צײַט האָט אים געצויגן אָדעס אויך, ווי די פֿרײַדענקערישע שטאָט פֿון יענער צײַט. עטינגער האָט זיך אָפּגענאַרט אין די גליקן, וואָס ער האָט געזוכט אין אָדעס, אָבער געוויס האָט אָדעס באַוויזן אַף אים צו ווירקן מיט איר דעמאָלטיקער ייִדישער קולטורעלער סוויווע.

ווען מע קוקט זיך צו צו דעם אָדעסער פּעריאָד פֿון גאָלדפֿאַדנס לעבן, זעט מען, ווי דער לעבן-וועג פֿון דעם שעפֿער פֿון ייִדישן טעאַטער פֿאַלט צונויף אין דעם מאָמענט מיטן לעבן פֿון זײַן וועגווײַזער, דעם שעפֿער פֿון דער ייִדישער דראַמע.

ניט אידעאַליזירנדיק די מאָטיוון, וואָס האָבן דערבײַ געווירקט אַף גאָלדפֿאַדענען, מוז מען דאָך זאָגן, אַז דער אָדעסער פּעריאָד זײַנער איז די צײַט, ווען ער הויבט זיך אָן אָריענטירן אין לעבן, ווען ער הויבט אָן זוכן זײַן וועג און זײַן סוויווע.

אין אָדעס האָט גאָלדפֿאַדן כאַסענע. דאָס האָט פֿאַר גאָלדפֿאַדענען באַטײַט אויך, אַז ער ווערט אַרײַנגעפֿירט אין אַ געוויסער סוויווע — אין דער פֿאַמיליע ווערבעל, פֿון וואַנען עס האָט געשטאַמט גאָלדפֿאַדנס פֿרוי *).

ווערבעל איז געווען איינער פֿון די אַלטגעזעסענע פֿאָרשטייער פֿון דער אָדעסער ייִדישער אינטעליגענץ. אַליין אַ גאַליציאַנער, האָט ער נאָך געהערט צו יענעם דאָר, וואָס איז געקומען קיין אָדעס אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 19-טן יאָרהונדערט אין אַ גרעסערער קאָמפּאַקטער שיכט און האָט באַקומען דעם נאָמען „בראָ-

---

*) צום ערשטן מאָל באַגעגענען מיר זיך מיט דעם נאָמען ווערבעל אין דער ערשטער אויסגאַבע פֿון גאָלדפֿאַדנס קאָמעדיע „די מומע סאָסיע“ (1869), ווו עס גייט אַ כאַראַקטעריסטישע פֿאַר דעם דעמאָלטיקן גאָלדפֿאַדן ווידמונג:

„מיין טייערער האכגעשעצטער און פֿולגעליבטער קאַלע פּערעלע, פֿריילין ווערבעל, געווידמעט אין עוויגער טרייע און גרענעצלאָזער ליבע פֿון איר כאָסן א. גאָלדפֿאַדן“.

דער״. פֿון דער שיטה האָט זיך אַרויסגערוקט די דעמאָלטיקע אָדעסער וועלטלעכע לערערשאַפֿט, וואָס האָט אנשטאט כּאַדאָרים געעפֿנט פּאַנסיאָנען, ווו עס האָט געוועלטיקט דער גייסט פֿון דער בראָדער, דייטשמערישער האַסקאָלע. אַליין איז ווערבעל געווען אַ העברעישער דיכטער, האָט זיך געדרוקט אין „המליץ״, אין „הבוקר אור״ *). געדרוקט אַ העברעישע זאַמלונג לידער, איבערגעזעצטע פֿון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור 28).

צו אַט דעמדאָזיקן ווערבעל אין פֿאַמיליע איז איצט אַריינגעקומען גאָלדפֿאַדן. אין דער שטוב פֿון אַ פּראָפֿעסיאָנעלן ליטעראַט האָבן גאָלדפֿאַדנס נייגונגען צו ליטעראַרישער טעטיקייט געקאָנט באַקומען נאָר אַ דערמונטערונג. דאָ האָט מען זיך אָבער באַצויגן פֿיינדלעך צו יידיש, דאָ האָט מען געהאַלטן פֿון העברעיש, און אויב מיר געפֿינען ניט אין דער צייט בא גאָלדפֿאַדענען קיין העברעישע לידער, איז עס אַ סימן, אַז דעמאָלט איז שוין אַרום אים געווען אַן אַנדער סוויווע, וואָס האָט פּאַראַליזירט די יידיש־פֿיינדלעכע ווירקונג פֿון ווערבעלס הויז.

אַזאַ סוויווע איז ווירקלעך געווען אין אָדעס אַרום דעם „קול מבשר״. די ערשטע יידישע צייטונג „קול מבשר״, וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין אָדעס אין יאָר 1862, האָט שוין אין יאָר 1868, ווען גאָלדפֿאַדן איז געקומען קיין אָדעס, געגרופּירט אַרום זיך געוויסע שיכטן פֿון דער יידישער אינטעליגענץ. עס איז שוין פֿאַרביי געגאַנגען די צייט, ווען דער „קול מבשר״ האָט ניט געהאַט קיין אייגענע פֿיזיאָנאָמיע. אין יאָר 1868 איז דער „קול מבשר״ געווען שוין אַן אויסגעשפּראָכענע מאַסקילישע צייטונג, וואָס האָט זיך ניט געשראָקן צו פֿירן אַן אָפֿענעם קאַמף מיט כּסידים, וואָס האָט שוין געהאַט אָפּגעדרוקט ליניעצקיס „דאָס פּוילישע יונגל״ און מענדעלע מוכער ספֿאָרים „קליינע מענשעלע״. דער „קול מבשר״ האָט שוין איצט גענומען אַף זיך די ראָלע צו אָנפֿירן אַפֿילע מיט דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט איינגעפֿירט אַן אָפּטיילונג ביבליאָגראַפֿיע 29). עס זיינען דעמאָלט רעצענזירט געוואָרן מיט גרויס אָפּשיי פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור די ווערק פֿון עטינגער, אַבראַמאָוויטש, אַקסנפֿעלד, דיק, גאָלדפֿאַדן, ליניעצקי און אַנדערע.

אין דער סוויווע פֿון „קול מבשר״ האָט גאָלדפֿאַדן געוויס פֿיל געלערנט, געשעפּט באַגייסטערונג פֿון די דירעקטע באַגעגענישן מיט ליטעראַטן און ליטעראַטור. אין דער רעדאַקציע פֿון „קול מבשר״ האָט מען שוין גאָלדפֿאַדענען געקאָנט,

---

*) אין „הבוקר אור״ האָט ווערבעל אָפּגעדרוקט אויך אַן איבערזעצונג פֿון גאָלדפֿאַדנס אַ ליד. אַ צווייטע אָנווייזונג אַף די ליטעראַרישע באַציונגען צווישן גאָלדפֿאַדענען און ווערבעלן געפֿינען מיר אין פֿאָרוואָרט צו „שולמית״ (1883), ווו גאָלדפֿאַדן שרייבט:

„דיא תלמודישע לעגענדע (תענית ח׳) איז בעאַרבייטעט געוואָרען אין דער יודישער דייטשער, רוססישער, הייברעישער שפּראַכע, אַלס ערצעהלונג פֿון פֿערשיעדענע מחברים—אַם בעסטן איז דאָס געלונגען מיין גאָטט-זייליגען שוויגער-פֿאָטער דעם בעריהמטען יודישען געלעהרטען אונד דיכטער אליהו מרדכי ווערביל זצ״ל, וואָס האָט דיא לעגענדע מוסטערהאַפֿט בעאַרבייטעט אין העברעישען אַלס פּאָעמאַ אין געדיכטע, מיט דעם נאָמען „עדים נאמנים״ — יעצט צום ערשטן מאָהל פֿאַר דער בּיהנע פֿון מיר בעאַרבייטעט״.

ער האָט זיך נאָך אין יאָר 1863 געדרוקט אין „קול מבשר“. איצט, קומענדיק אין דירעקטן באַריר מיט דער רעדאַקציע, האָט גאָלדפֿאַדן נאָך מער געדראַפּט זיך פֿאַרפֿעסטיקן אין זיין באַוווסטזיין פֿון אַ פּראָפֿעסיאָנעלן ליטעראַט.

גאָלדפֿאַדן דרוקט באַלד נאָך זיין קומען אין אָדעס דאָס ביכל „די יודענע“, וואָס איז אין דעם טייל פֿון לידער שוואַכער פֿון דעם בוך „דאָס יודעלע“. דערפֿאַר אָבער איז שוין אין דעם ביכל פֿאַראַן אַן אַנטשיידענער שריט צו דער דראַמע. מיר האָבן דאָ אַ געלונגענעם דראַמאַטישן עסקיז „צוויי שכנים“ און אַ שטיינער-קאָמעדיע, וואָס איז געשריבן לויט אַלע געזעצן פֿון דער דעמאָלטיקער יידישער דראַמאַטורגיע (עטינגער, אַקסנפֿעלד) — „די מומע סאָסיע“. דאָס ביכל האָט געהאַט אַזאַ דערפֿאָלג, אַז אין דריי יאָר אַרום איז עס אַרויס אין אַ צווייטער אויסגאַבע *).

אַ געוויסן ענטפֿער אַף דער פֿראַגע, פֿאַר וואָס דאָס ביכל האָט געהאַט אַזאַ דערפֿאָלג, גיט אַ באַמערקונג פֿון איינעם אַ רוסיש-יידישן זשורנאַליסט אַ. יאַמפּאָלסקי, וועלכער דערציילט אַז די „מומע סאָסיע“ האָט געהאַט גרויס דערפֿאָלג אין אָדעס, מאַכמעס דעם, וואָס „די טיפּן פֿון דערדאָזיקער קאָמעדיע זיינען גענומען פֿון אָרטיקן (אָדעסער) יידישן לעבן“ 31).

דידאָזיקע אָנווייזונג איז פֿאַר אונדז וויכטיק דערמיט, וואָס דאָ ווערט אונטערגעשטריכן, אַז גאָלדפֿאַדן האָט שוין אין ביכל „די יודענע“ פֿאַרצייכנט אָדעסער געשטאַלטן. עס איז אַ באַוווסטער פֿאַקט, אַז אָדעס האָט פֿאַר דעם גאַנצן שפּעטערדיקן שאַפֿן פֿון גאָלדפֿאַדענען געדינט, ווי אַ רעזערוואַר פֿון טיפּן און געשטאַלטן. און אויב דאָס האָט מען שוין דעמאָלט באַמערקט, איז דאָס נאָר אַן איבעריקער באַווייז, אַז גאָלדפֿאַדן האָט זיך אין זיינע באַגעגענישן ניט באַגרענעצט מיט די אינטעליגענטישע קרייזן, וואָס האָבן זיך געגרופּירט אַרום „קול מבשר“ און אַרום ווערבעלס פֿאַמיליע.

נאָך דעם גוטן אויפֿנעם, וואָס „די מומע סאָסיע“ האָט געהאַט, האָט גאָלדפֿאַדן זיינע דראַמאַטישע פּרווון ניט אַוועקגעוואָרפֿן. אַזוי לייענען מיר אין „קול מבשר“ אַ פֿראַגמענט „פֿאַליגע שכור אַ טרינק-ליד פֿון אַ שניידערל פֿון מיין וואָדעוויל די וויבאָרעס פֿון גובערנסקן ראָוו (נאָך ניט געדרוקט)“ 32).

אַ געלעגנהייט צו באַקאָנען זיך נעענטער מיט טעאַטער האָט גאָלדפֿאַדן געהאַט. אין אָדעס האָט דעמאָלט געשפּילט אַ דייטשישע טרופּע, וואָס האָט קאָנטיק געהאַט אַן אַלגעמיינעם דערפֿאָלג. דער „קול מבשר“ באַצייט זיך מיט אינטערעס צו דערדאָזיקער טרופּע. פֿון נומער צו נומער טרעפֿן מיר דאָרטן באַגייסטערטע נאָטיצן וועגן איר שפּילן. מיר האָבן אַפֿילע אָנווייזונגען, וואָס דאָס איז געווען פֿאַר אַ טרופּע. אַזוי ווערט אָנגעגעבן אין „קול מבשר“ פֿון יאָר 1869 קימאַט דער גאַנצער רעפּער=

*) איינם יאָר, ווען דאָס ביכל דערשיינט, טרעפֿן מיר פֿאָלגנדיקע רעצענזיע אין „קול מבשר“: „הער גאָלדפֿאַדען איז שוין גענוג באַקאַנט דעם יידישן לעזענדן פּובליקום. זיינע געדיכטע זיינען מייסטענס קליגענד פֿון דעם פֿאָלקס-לעבן געגריפֿן און זייער אונטערהאַלטענד. אויך דאָס טעאַטער די „מומע סאָסיע“ אין פּראָזאַ איז אויך שיין, דערביי פּראַכטפֿאָל אָפּגעדרוקט“ 30).

טואַר פֿון דערדאָזיקער טרופּע, וואָס שפּילט דײַטשישע אָפּערעטן, מיט פֿייערווערק און בענגאַלישע פֿייערן.

אַז אין אָדעס האָט אַזאַ טעאַטער געפֿונען אַ גוטן באָדן, באַווײַזט אַן אַנאָנס אין „קול מבשר", אַז צו דער פֿאָרלעצטער פֿאָרשטעלונג פֿון דער דײַטשישער טרופּע וועט גיין אַ פּיעסע „קונסט ענטוזיאַזמוס אין אָדעסאַ לאָקאַל פּאָסע". אין דער טרופּע האָבן זיך געפֿונען אויך יידן־אַקטיאָרן. דאָס ווערט פֿיל מאָל אונטער־געשטראָכן אין „קול מבשר" 33).

עס איז גרינג זיך פֿאָרצושטעלן, אַז דער טעאַטער האָט אין אַ געוויסער מאָס געווירקט אַף גאָלדפֿאַדענען. מע מוז נאָך באַמערקן, אַז אין דער צײַט האָבן זיך גע־פֿונען אין אָדעס יידישע ליטעראַטן, וואָס האָבן אָפֿט גענוצט די דראַמאַטישע פֿאָרם. דער „קול מבשר" האָט געדרוקט דעמאָלט די קאָמעדיע פֿון ש. בערנשטיין, „ר' יאָלצי דל גאה" (אַ קאָמעדיע פֿון פֿינף אַקטן 1871). אין אָדעס האָבן זיך אויך געפֿונען אולריך קאַלמוס און ש. טראַכטמאַן—בײַדע מעכאַברים פֿון קאָמעדיעס. אין דער צײַט האָבן אויך אָנגעהויבן צו דערשײַנען אַקסנפֿעלדס ווערק (1868—1869).

אָט אין דער סוויווע פֿון שרײַבער האָט גאָלדפֿאַדן געלעבט אין אָדעס און עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז דער באַוווסטזיין פֿון אַ ליטעראַט האָט זיך נאָר געשטאַרקט אין אים. נאָך מער זיכערקײַט אין זײַן ליטעראַרישן באַרוף האָט אַ. גאָלדפֿאַדענען געמוזט צוגעבן זײַן עפֿנטלעכע ליטעראַרישע אַרויסטרעטונג אין אָדעס. ווי גאָלד־פֿאַדן דערציילט, איז ער אַרויסגעטראָטן מיט זײַנע ווערק „פֿאַר דעם אינטעליגענטן אָדעסער פּובליקום, און דער אָוונט האָט זיך געקרוינט מיט דעם גרעסטן דערפֿאָלג".

זײַן ליטעראַרישער באַרוף איז שוין געווען פֿאַר אים קלאָר. אָבער וואָס האָט אים די ליטעראַטור אין יענער צײַט געקאָנט געבן *). אין אָנהויב פֿון יאָר 1871 דרוקט גאָלדפֿאַדן אין „קול מבשר" אַזאַ קופּלעט וועגן די מעכאַברים:

„און אַז דו זעסט אין שטוב אַרײַנגיין צו דיר
אַ פֿײַן מענטשל לעפּאָנים, ער בלײַבט שטיין בײַ דער טיר
עס קאָן זײַן אַ הויכלעכער מיט אַ בויך אַ פֿולן,
אָדער אַ האַרעטשקער, נאָר ער טראָגט ברילן,
אָדער אַ ליטוואַקל אַ דיקס, מיט אַ בערדל אַ רויטס,
אָדער אַ פּויליש יונגערמאַנטשיקל מיט אַ פּאָנימל אַ טויטס,

*) וועגן דער מאַטעריעלער לאַגע פֿון די אָדעסער יידישע שרײַבער אין יענער צײַט ווערט דער־ציילט: „ווען עס האָט זיך פֿאַרמאַכט דער לעצטער יידישער אָרגאַן אין אָדעס, האָט זיך אַרויסגעוויזן די אומגליקלעכע לאַגע פֿון דעם יידישן שרײַבער צענדליקער טאַלאַנטפֿולע מענטשן האָבן געמוזט אויסקלײַבן איינס פֿון די בײַדע: אָדער פֿאַרקנעכטן זיך אַף גראָשנדיקע לעקציעס, אָדער מיט זייערע כיבורים אונטערן אָרעם אָפּשלאָגן מעצענאַטישע שוועלן. קעדיי אויסצובעטן דעם טאַלאַנט אַף אַ שטיקל ברויט. די גרעסערע איבערקלײַבער צווישן זיי האָבן אויסגעוויילט דאָס ערשטע, אָבער די מערהייט קליינע שרײַבערלעך האָבן אויסגעקליבן דאָס צווייטע. עס האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ טיפּ פֿון אַ ליטעראַרישן שנאָרער. די דאָזיקע שנאָרער האָבן אַפֿן ערגסטן אופֿן דערנידעריקט דעם נאָמען פֿון אַ יידישן מעכאַבער אין די אויגן פֿון דעם עולם. אַף אַ יידישן מעכאַבער האָט מען אָנגעהויבן קוקן ווי אַף אַ טויגעניכטס און אַן איינגעגעסענעם שנאָרער, אַזוי איז געווען די לאַגע אַרום דעם יאָר 1875". 35).

אָדער גאָר אַן אַלטיטשקער — ווי עס איז געמאָלט —
מיט אַ גרויער באָרד אָדער אינגאַנצן געגאָלט.
ער וועט דיר שטיין ווי אַן אָנאָוו און זיך געבן אַ נויג
— ווער ער איז? — האַרפֿסטו אים ניט געבן אַ פֿרעג:
ער אַליין וועט באַלד אַרויסנעמען אַ בוך,
און וועט ווייַזן אַף זיך: — פֿאַרפּאַסט אים האָב איך!
אָט־דאָ וויש זיך אָפּ די ליפּן און רעד קיין סאַך:
אַ מעכאַבער איז דאָס! אַרויס מיט אַ ראַך!" 34).

ווי עס זעט זיך פֿון דעמדאָזיקן קופּלעט, האָט גאָלדפֿאַדן אין אָדעס פֿון זייַן מעכאַבערשאַפֿט באַקומען ניט קיין בעסערן מאַטעריעלן דערפֿאָלג, ווי אין די זשיטאָמירער יאָרן, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס זייַנע ווערק האָבן געהאַט אַ גאַנץ ברייטע פֿאַרשפּרייטונג און האָבן אויסגעהאַלטן אייניקע אויפֿלאַגעס.

גאָלדפֿאַדנס מאַטעריעלע לאַגע איז אין אָנהויב פֿון זייַנע אָדעסער יאָרן געווען ניט קיין גרינגע. ער האָט שוין געהאַט אַ פֿאַמיליע און דער דעמאָלטיקער געהאַלט פֿון אַ לערער 18 רובל אַ כוידעש איז געווען מער ווי באַשייַדן פֿאַר דעם יונגן גאָלדפֿאַדן, וואָס איז אייַנגטלעך אין אָדעס צום ערשטן מאָל געקומען צו אַ זעלבשטענדיקן לעבן. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן גאָלדפֿאַדנס אַ כאַראַקטערשטריך. מיר ווייסן, אַז וועגן גאָלדפֿאַדנס פּערזענלעכקייַט, בעניגייַע די שפּעטערדיקע יאָרן, ווערן איבערגעגעבן פֿיל אומגינסטיקע פֿאַר אים עפּיזאָדן. ווען מע וואַרפֿט אָפּ פֿון דידאָזיקע עפּיזאָדן דאָס צופֿעליקע און אומבאַטייטנדיקע, פֿאַרבלייַבן דאָך פֿאַקטן, וואָס כאַראַקטעריזירן גאָלדפֿאַדענען, ווי אַ מענטשן, וועלכן עס איז ניט פֿרעמד געווען צו זאָרגן אַז וועגן אַ גוטער קאַריער, אַז וועגן אַ גוטער פּאַרנאָסע, וואָס פֿלעגט אים אָפֿטמאָל דערפֿירן ביז אָפּעגער געשעפֿט־מאַכעריי. און דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך אין זייַן דעמאָלטיקן שריט אין אָדעס. גאָלדפֿאַדן האָט זייַן לערער־באַשעפֿטיקונג אָוועקגעוואָרפֿן, איז געוואָרן צו ערשט אַ קאַסיר אין אַ הוט־מאַגאַזין, שפּעטער אַ באַלעבאָס פֿון אַן אייגענעם הוט־מאַגאַזין, אַ געוויסע צייַט געהאַנדלט „גרויס", אָנגעזעצט און נאָך אין יאָר 1875, געמוזט פֿאַרלאָזן רוסלאַנד.

שפּעטער מיט יאָרן, ווען גאָלדפֿאַדן האָט זיך שוין געפֿילט שטאַרקער פֿון אַזאַ ניסאָיען, וואָס זאָל אים אָפּרייַסן פֿון זייַן ליטעראַרישן און טעאַטראַלן באַרוף, האָט ער אין אַ ווידמונג צו „שולאַמיס" געדאַנקט אייניעם אַ סימאָן הוראָוויטש (דעניסער קאָנסול) דערפֿאַר, וואָס ער האָט אים דערמונטערט צו שרייַבן לידער אין דער צייַט, ווען אַף דעם „מיסכערס צווייַגן" האָט ער „אויפֿגעהאַנגען זייַן האַרפֿע" 36).

אָבער ווי עס זאָל ניט געווען זייַן גאָלדפֿאַדנס שפּעטערדיקע באַציִונג צו דעם קרעמערישן פּעריאָד פֿון זייַן לעבן, בלייַבט דאָך דער פֿאַקט, אַז דערדאָזיקער פּעריאָד האָט זיך געענדיקט מיט אַ מאַטעריעלן קראַך און דאָס האָט געצוווּנגען גאָלדפֿאַדענען צו פֿאַרלאָזן רוסלאַנד.

IV.

גאָלדפֿאַדן איז געקומען קיין אױסלאַנד ניט װי דער דורכשניטלעכער מאַסקיל פֿון יענער צײַט, װען עס פֿלעגט אים אױספֿאַלן דאָס גליק צו אַריבערלאַפֿן זיך קיין אױסלאַנד. נאָר װאָס אַריבער די גרענעץ, פֿלעגט אַזאַ מאַסקיל האָבן אַ באַשטימטע ריכטונג פֿאַר זיך. אים האָט געצױגן צו באַקאַנען זיך מיט די „זײלן" פֿון דער האַסקאָלע, געניסן פֿון דער „ייִדישער װיסנשאַפֿט" און דערעך־אַגעוו עפּשער אױך שױן פֿון דער אײראָפּעישער ציװיליזאַציע. אַזױ, אַ שטײגער, פֿאָרט קיין אױסלאַנד אַװראָם גאָלדפֿאַדנס לערער א. ב. גאָטלאָבער. אין גאָלדפֿאַדנס נסיע איז דערדאָזיקער ציל ניט געװען.

ער קומט קיין מינכען, ער װיל װערן אַ דאָקטער, ער זוכט צו געפֿינען „די רעפֿיניטיװע קאַריער", װי ער האָט עס נאָכדעם אין זײַן אױטאָביאָגראַפֿיע אָנגערופֿן. דאָס געלינגט אָבער ניט. אַפֿן װעג צו דערדאָזיקער קאַריער זײַנען דאָ מעניעס און גאָלדפֿאַדן װאַרפֿט אַװעק דעם געדאַנק װעגן װײַטערדיקער בילדונג. ער פֿאָרט קיין לעמבערג. ער האָט דאָך שױן אַ פֿאַרטיקן באַרוף: די ליטעראַטור. און גאָלדפֿאַדן, װאָס האָט אָקאָרשט אין אָדעס אַזױ אױסגעלאַכט זיך פֿון דעם גורל פֿון אַ ייִדישן מעכאַבער, קערט זיך דאָך װידער אום צו דעם ליטעראַטור־פֿאַך.

גאָלדפֿאַדן הױבט אָן פֿיגורירן אין אױסלאַנד װי אַ צײַטונג־רעדאַקטער. עמעס, די צײַטונגען, װאָס גאָלדפֿאַדן רעדאַקטירט, זײַנען ניט גאָר גרױס. אָבער עס איז זיכער, אַז גאָלדפֿאַדן, דער רעדאַקטער — דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער שריט, אַ שריט צום שפּעטערדיקן גאָלדפֿאַדן — דעם גרינדער פֿון טעאַטער.

אין לעמבערג באַגעגנט זיך גאָלדפֿאַדן מיט ליניעצקין. בײדע יוגנט־כאַװײרים, װאָס האָבן דורכגעמאַכט אַ פּאָר יאָר אין זשיטאָמיר, שפּעטער אין אָדעס, מאַכן איצט דורך אַ שװער שטיקל צײַט אין לעמבערג. זײער מאַטעריעלע לאַגע איז געדריקט. די צײַטונג דערשײַנט אין אַ פֿרעמד לאַנד, אין אן אומבאַקאַנטער סװיװע, דאָס מוז אױך שװערער מאַכן די װײניק־באַקאַנטע צײַטונג־אַרבעט. און דאָך איז כאַראַקטעריסטיש, װאָס די צײַטונג באַקומט פֿון די ערשטע נומערן אַ געװיסע פֿיזיאָנאָמיע. מיר באַגעגענען אַפֿילע אין אײן אָרט, אַז דער נאָמען פֿון דער צײַטונג „ישראָליק" װערט אַ „שעם־האַװאָר". די צײַטונג „ישראָליק" האָט מען אַפֿילע געהאַלטן פֿאַר דעם יורעש פֿון דעם „קול מבשר".

מער ווי אַלץ האָט זיך די צייטונג „ישראַליק" אויסגעצייכנט אין איר צייט מיט דער ראַדיקאַלער שטעלונג צו דער שפּראַך-פֿראַגע. כאָטש געהייסן האָט עס „אַ צייטונג-בלאַט פֿאַר כל ישראל" איז דאָך אין דערזעלביקער צייטונג דער שריפֿט-שטעלער יעהאלעל (יהל"ל) אַרויסגעטראָטן מיט אַן אַרטיקל „צו באַדאַרף מען שרייבן העברעיִש", וואָס איז אויפֿגענומען געוואָרן אין דער העברעיִשער פּרעסע ווי אַן אָנפֿאַל אַף העברעיִש 37).

די צייטונג „ישראַליק" איז אַרויסגעגאַנגען פֿון 23 יולי 1875 ביז 2-טן פֿעוו-ראַל 1876. זי האָט זיך פֿאַרמאַכט, ווייל עס איז פֿאַרבאָטן געוואָרן אַריינצופֿירן זי אין רוסלאַנד *).

וועגן גאָלדפֿאַדנס דראַמאַטישער טעטיקייט אין דער צייט פֿון זיין ערשטן אַרויספֿאָר אין אויסלאַנד ווייסן מיר גאַנץ ווייניק.

לויט דעם, וואָס גאָלדפֿאַדן דערציילט אין זיין אַוטאָביאָגראַפֿיע, קומט אויס, אַז אין דער צייט האָט ער „געהאַט געגוג געלעגנהייטן זיך אָנצוקוקן און אָנצוהערן מיט די בעסטע דראַמען און אָפּערן פּויליִשע, רוסישע, דייטשישע, פֿון אַלע קלענסטע אָפּערעטן ביז אין די באַרימטסטע זוערדיס, מייערבערס, האַליִויִס און אין ווין האָב איך זאָגאַר געהאַט די געלעגנהייט צו זען אין אָפּערן-טעאַטער אַלע וואַגנע-רישע שפּילן. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זען און הערן די בעסטע אַרטיסטן פֿון יענער צייט, ניט נאָר ראָסי, סלאַוויני".

די צייטונג „ישראַליק" פֿאַרמאַכט זיך און גאָלדפֿאַדן בלייבט ווידער אָן אַ באַשעפֿטיקונג. אָבער דעמאָלט ווייס ער שוין זיין באַרוף אַף זיכער. אַליין, דאָס מאָל שוין אָן ליגנציִן, גרינדעט גאָלדפֿאַדן נאָך אין זעלביקן יאָר 1876 אַ נייע צייטונג „איזראַאיליטישעס פֿאָלקס בלאַט", וואָס הויבט אָן דערשיינען אין טשערנאָוויץ (בוקאָווינע). אָבער די צייטונג דערשיינט ניט מער ווי אַ פֿערטל יאָר, און זי פֿאַר-מאַכט זיך, ווי גאָלדפֿאַדן ווייזט אָן, מאַכמעס דעם „ווייל די ווייניקע בוקאָווינער ייִדן האָבן ווייניק פֿאַרשטאַנען אונדזער זשאַרגאָן" 38).

אַ. גאָלדפֿאַדן זוכט ווידער אַן אָרט, וווּהין איבערצוטראָגן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט און ווי נאָר עס באַווייזט זיך אַזאַ מעגלעכקייט, איז ער מאַסקים צוליב דעם איבערוואַנדערן אין רומעניע.

---

*) וואָס גאָלדפֿאַדן האָט אָפּגעדרוקט פֿון זיין אייגענע ווערק אין „ישראָליק", איז אונדז, ליידער, ניט באַוווּסט. מען קאָן אָבער ניט צווייפֿלען דערין, אַז ערשט דעמאָלט, ווען עס וועט זיך איינגעבן פֿעסטשטעלן גאָלדפֿאַדנס ראָלע אין „ישראליק", וועט באַלויכטן ווערן דער פּעריאָד ערעוו דער גרינדונג פֿון יידישן טעאַטער.

V.

אין יאָר 1876 זעען מיר גאָלדפֿאַדענען אין רומעניע. גאָלדפֿאַדנס באַשלוס צו פֿאָרן אין רומעניע איז געווים געווען אַרויסגערופֿן דורך זײַן שווערער לאַגע. אַליין פֿאַר זיך האָט רומעניע ניט געקאָנט אים צוציִען אין קיין שום הינזיכט.

רומעניע האָט דעמאָלט געהאַט אַ שעם, ווי אַ לאַנד פֿון די ווילדסטע פֿאַרפֿאָלגונגען קעגן יידן. אין דער הינזיכט האָט זי געקאָנט קאָנקורירן מיטן דעמאָלטיקן רוסלאַנד. נאָר אויב אין רוסלאַנד, ניט געקוקט אַף די שווערע פֿאַרפֿאָלגונגען, האָט זיך דאָך געשאַפֿן אַ וועלכע עס איז יידישע קולטור־סוויווע, האָט רומעניע דאָס אויך ניט פֿאַרמאָגט.

אין רומעניע, וואָס האָט אָקאָרשט אין יאָר 1859 באַקומען פֿעסטע מעלוכישע גרענעצן (אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פֿון טערקיי) האָט אויך די יידישע קולטור־סוויווע געטראָגן אַ צופֿעליקן כאַראַקטער. דאָ האָבן זיך זעלטן־ווען אַרויסגעריקט באַדײַטנדיקע פּערזענלעכקייטן און געלעבט האָט מען דאָ דערהויפּט דערמיט, וואָס מע האָט געשעפּט פֿון דער יידישער קולטור־באַוועגונג אין רוסלאַנד און גאַליציע. אין יאָר 1874 — דאָס הייסט אַ פּאָר יאָר פֿאַר גאָלדפֿאַדנס אָנקום אַהין — איז אין רומעניע פֿאָרגעקומען דער גרעסטער יידישער פּאָגראָם. עס איז מאָביליזירט געוואָרן די גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכע ווירקונג פֿון דער יידישער בורזשואַזיע אין אייראָפּע, אַמעריקע, און דורך פֿיל פֿאַרשיידענע מיטלען איז דערגרייכט געוואָרן אַ פּראָטעסט־אַרויסטרעטונג מיצאַד אייניקע מעלוכע־מענער פֿון אייראָפּע און אַמעריקע. אַלס רעזולטאַט דערפֿון איז געקומען אַ געוויסער שטילשטאַנד אין די יידן־פֿאַרפֿאָלגונגען אין רומעניע. דאָס האָט זיך באַלד געלאָזט פֿילן אין דער דאָרטיקער יידישער קולטור־סוויווע.

אין יאָר 1874 הויבט אָן אין רומעניע צו דערשײַנען די עלטסטע וואָכנבלאַט „היועץ" (דער וואהרער יועץ). אַרום דערהאָזיקער צײַטונג האָבן זיך געגרופּירט געוויסע מאַסקיליש־ליטעראַרישע קרײַזן אין רומעניע. אָבער אין אַלגעמײַן זײַנען די דאָזיקע קרײַזן אין רומעניע געווען שוואַך פֿאַרגעשטעלט. מיט זייער אויסגעשפּראָכענער באַציִונג צו דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור האָבן זיך פֿון די קרײַזן אויסגעטיילט נאָר אַ פּאָר מענטשן.

אַווראָם גאָלדפֿאַדן, וואָס האָט זיך געלאָזט פֿאָרן קיין רומעניע, קעדיי אַרויסצוגעבן דאָרטן אַ ייִדישע צײַטונג, האָט דאָס אַליין געמוזט נעמען אין אַכט. אָבער בײַ די געוואָינהייטן פֿון יענער צײַט, ווען אַ ייִדישע צײַטונג פֿלעגט זיך האַלטן אויסשליסלעך אַף דער ליטעראַרישער פּראָדוקטיווקייט פֿון דעם אַרויסגעבער גופֿא, האָט דאָס גאָלדפֿאַדענען ווייניק געשראָקן און ער האָט זיך געלאָזט פֿאָרן קיין יאַסי, „ווײַל יאַסי איז אַ ייִדן־באַפֿעלקערטע שטאָט, וואָס אַלעם רעט דעם רוסישן זשאַרגאָן“ 38).

די קאַוואָנע, מיט וועלכער ער איז געקומען קיין יאַסי, איז ניט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. אַנשטאָט צו ווערן דער אַרויסגעבער פֿון אַ צײַטונג, וואָס צוליב דעם צוועק האָט גאָלדפֿאַדנס אַן אַבאָנענט. י. ליובראָסקאַ אים אַרויסגערופֿן קיין יאַסי, האָט זיך גאָלדפֿאַדן מיטאַמאָל אָפּגעקערט פֿון גלײַכן וועג. ער האָט זײַן ליטעראַרישן באַרוף ענדגילטיק פֿאַרביטן אַף אַ טעאַטראַלן און אָפּגעזאָגט זיך פֿון דעם פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ צײַטונג.

דאָ אין יאַסי האָבן מיטאַמאָל געפֿונען אַ טיקן גאָלדפֿאַדנס סימפּאַטיעס צום טעאַטער, וואָס האָבן אים ניט פֿאַרלאָזט פֿון זײַן פֿריִער יוגנט אָן.

אין די יאָרן פֿון זײַן וואַנדערן איבער אויסלאַנד, האָבן זיך זײַנע נייגונגען צום טעאַטער נאָך מער פֿאַרשטאַרקט. גאָלדפֿאַדן האָט אין די דאָזיקע יאָרן, ווי מיר האָבן שוין געהערט, געהאַט גענוג געלעגנהייט צו זען די בעסטע טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען. ער האָט געזען די בעסטע אַרטיסטן פֿון יענער צײַט. צוזאַמען מיט די פֿאַרבאָרגענע נייגונגען צום טעאַטער האָט ער איצט שוין געהאַט באַשטימטע באַגריפֿן, וואָס טעאַטער איז און וואָס ער דאַרף זײַן.

אָבער אין יאַסי האָט זיך גאָלדפֿאַדן באַגעגנט נאָר מיט אַן אַנדער טיפּ פֿון „טעאַטער־טוער“ און „טעאַטער־סוויווע“ — דאָס זײַנען געווען די „בראָדער זינגער“ י. גראָדנער און ס. גאָלדשטיין. וועגן די בראָדער זינגער האָט גאָלדפֿאַדן געמוזט הערן נאָך דערענדיק אין רוסלאַנד.

אונטערן נאָמען „בראָדער זינגער“ האָבן אין 40־קער און 50־קער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָר הונדערט געשעמט ייִדישע פֿאָלק־זינגער, וואָס פֿלעגן אַרויסטרעטן מיט לידער אין די ווינקעלערס פֿון גאַליציע, רומעניע און דאָרעם־רוסלאַנד. זיי פֿלעגן זינגען זייערע לידער, וועלכע האָבן געשילדערט דאָסראָוו געוויסע געשטאַלטן פֿון אַרומיקן לעבן, דערבײַ פֿלעגן די זינגער „פֿאַרשטעלן“ זיך.

די בראָדער זינגער פֿלעגן זיך אונטערשיידן פֿון געוואָינטלעכע באַדכאָנים און פּורים־שפּילער דערמיט, וואָס זיי זײַנען ניט געווען אַף אַזוי פֿיל לאָקאַל, ווי די לעצטע.

עמעס, די בראָדער זינגער האָבן אויך טייל־ווײַז געהאַלטן זיך בײַ דעם אָרטיקן קאָלאָריט, בײַ די אָרטיקע סוזשעטן, אָבער, פֿאָרנדיק איבער פֿאַרשיידענע שטעט, האָבן זיי געמוזט זוכן מער אַלגעמיינע מאָטיוון און סוזשעטן, אָן וועלכע אַ געוואָינטלעכער באַדכן האָט זיך געקאָנט באַגיין. דערפֿאַר האָבן די בראָדער זינגער ניט געקאָנט זיך באַגיין אָן דער הילף פֿון דער ליטעראַטור.

די בראָדער זינגער פֿלעגן זינגען און פֿאָרשטעלן די לידער פֿון וו. זבאַראַזשער, לינעצקי, בעריל בראָדער און גאָלדפֿאַדען *).

מיט צוויי פֿון אָט די דאָזיקע זינגער האָט זיך גאָלדפֿאַדען באַגעגנט אין רומעניע אין יאַסי.

— „דאָ אין יאַסי — דערציילט אַ. גאָלדפֿאַדען — האָב איך גראָדנערן געטראָפֿן, ווי ער האָט, מיט נאָך איין מיטהעלפֿער „שכר גאָלדשטיין" דעבוטירט די לידער באַ שימען מאַרק אין גאָרטן.

מיט איבעראַשנדער פֿרייד האָט גראָדנער דערהערט, אַז איינער פֿון די פֿאָלק-דיכטער, מיט וועלכנס לידער ער האָט אַזוי פֿיל צייט פֿוראָר געמאַכט און געלט פֿאַרדינט, געפֿינט זיך יעצט אין יאַסי.

יעצט שטייט פֿאַר מיר דער גראָדנער מיט דער באַקאָשע, איך זאָל אים געבן אָדער פֿאַרפֿאַסן נייע לידער, וואָס ער דאַרף האָבן צו זיינער פּראָפּעסיאָן.

— „עמעס טאַקע" — האָט ער מיך צוגעשמייכלט: „איך פֿאַרדין טאַקע געלט מיט אייערע לידער, נאָר אייך שאַדט עס דאָך ניט, ווייל איר גיט אייך מיט דעם ניט אָפּ און פֿאַר א י י ך פּאַסט דאָס עפּשער ניט. באַ מיר איז דאָס אַ פּראָפּעסיאָן און אייך איבערהויפּט מאַך איך קיין אומקאָוועד, ווייל איבעראַל שרייב איך מיט גרויסע בוכשטאַבן דעם נאָמען פֿון דעם פֿאַרפּאַסער פֿון יעדן ליד, און כאָטש איר זייט דאָ אין רומעניען דאָס ערשטע מאָל, קען שוין קינד און קייט אייער נאָמען און יעדער איז נייגיריק אייך צו זען".

איך בין שוין באַלד פֿאַרטיק געווען אים דאָס געפֿאַלן צו טאָן, איבערהויפּט, אַז מיין צוועק איז נאָר געווען דאָ צו גרינדן אַ יידישע צייטונג.

האָט זיך אָבער פֿאַרלאָפֿן אַזאַ מאַיסע" 40).

פֿאַרלאָפֿן האָט זיך בעעמעס אַ גאַנץ מערקווירדיקע און פֿולבאַדייטנדיקע געשיכטע.

---

*) גאָלדפֿאַדען האָט די „בראָדער זינגער" צוגעגעבן אַזאַ גרויסע באַדייטונג אין דער געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער, אַז ער ווידמעט זיי אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע אַ באַזונדער קאַפּיטל. וו גאָלדפֿאַדען דערציילט אַזוי וועגן דער אָפּשטאַמונג פֿון די „בראָדער זינגער":

„מיט פֿיל יאָרן צוריק, פֿאַר דעם אָנפאַנג פֿון אונדזער געשיכטע, האָבן זיך אין דער שטאָט בראָדי (אין גאַליציען) געיאָוועט אַ סאָרט „מינענזינגער" באַקאַנט מיט דעם נאָמען „בראָדער-זינגער"—אַזוי ווי באַדכאָנים פֿלעגן אונטערהאַלטן אין יענער צייט דעם עולם אַף כאַסענעס פֿלעגן די „זינגערס", אויסער כאַסענעס, אונטערהאַלטן דעם עולם אַ גאַנץ יאָר קימאַט, ווייל דער עולם איז מייסטנס באַשטאַנען פֿון פֿרעמדע סאָכרים, איבערהויפּט רוסישע יידן, וועלכע פֿלעגן, פֿאָרנדיק פֿון לייפּציקער מעססע, זיך אָפּשטעלן אין בראָדי, וואָס איז דעמאָלסט געווען דער הויפּט-פּונקט פֿון אַלע אויסלענדישע מיסכאָרים—די לידל-זינגער האָבן אונטערהאַלטן די פֿריילעכע סאָכרים און עס איז געוואָרן אַ געשעפֿט. ווען שפּעטער, איבער דער גרויסער קאָנקורענץ איז בראָדי געפֿאַלן, האָבן די זינגערס געמוזט איבערטראָגן זייער געשעפֿט נאָך רוסלאַנד".

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס גראָדנער האָט בײַם דער ערשטער באַגעגעניש, גערעדט וועגן דעם, אַז פֿאַר גאָלדפֿאַדענען „פּאַסט דאָס עפּעס ניט" צו פֿאַרדינען געלט מיט זײַנע לידער, איז דאָך אָבער גאָלדפֿאַדנס מאַטעריעלע לאַגע געווען אַזאַ שווערע, אַז זײַנע פֿאַרערער האָבן דעם איינציקן אויסוועג געזען אין דעם, אַז גאָלדפֿאַדן זאָל זיך אַנטשליסן צו געבן אַ פֿאָרלעזונג פֿון זײַנע לידער אין אַ ווײַנקעלער.

— „מײַן גוטער פֿרײַנט ליבערסקאָ — דערציילט ווײַטער אַ. גאָלדפֿאַדן — איז צו מיר געקומען מיט אַ פֿאָרשלאָג, אַז שימען מארק ווינטשט בײַ דער געלעגנהייט, וואָס איך בין דאָ, איך זאָל אַליין אין פּערזאָן, אין אַ שאַבעסצונאַכט בײַ אים אין גאָרטן אַלס אויטאָר געבן אַ דעבויט פֿון מײַנע אייגענע לידער — און פֿיליײַכט פּאַסט עס ניט פֿאַר מיר, באַצאָלט ער מיר 100 פֿראַנק. וואָס האָט דענסטמאָל געפּאַסט צו מײַן קריטישער לאַגע. איך האָב מיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן — און פֿאַר דעם גוטן דערפֿאָלג האָב איך ניט געקאָנט צווייפֿלען" (41).

דאָס, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אויף דעם אָוונט, ווען גאָלדפֿאַדן איז אַרויסגעטראָטן מיט זײַנע לידער אין ווײַנקעלער, האָט, אַפּאָנים, קיינער ניט געקענט פֿאָרויסזען, סײַ גאָלדפֿאַדן, סײַ זײַנע פֿאַרערער, וועלכע האָבן שוין געוווּסט דעם אוילעם, וואָס באַזוכט דעם יאַסער ווײַנקעלער פֿון שימען מאַרק, האָבן זיך פֿולשטענדיק אָפּגענאַרט אין די האָפֿענונגען, וואָס זיי האָבן געלייגט אויף יענעם אָוונט. דער באַרימטער דיכטער, וועמענס לידער גראָדנער האָט אַלעמאָל אין דעמזעלבן ווײַנקעלער מיט גרויס דערפֿאָלג אויסגעפֿירט, איז אויסגעפֿײַפֿט געוואָרן פֿון דעם אוילעם.

בײַ די באַזוכער פֿון שימען מאַרקס ווײַנקעלער האָט ניט געהאַט מיט וואָס אויסצונעמען די אַרויסטרעטונג פֿון אַ. גאָלדפֿאַדן, וועלכער האָט זיך צוליב דעם אָוונט אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן פֿראַק און ווײַסע, גלאַטע האַנטשן און גענומען דעקלאַמירן „נאָך אַלע רעגעלן דער דעקלאַמאַציאָנס קונסט" זײַן פּאָעמע „דאָס פּינטעלע ייִד" — אַ ליד, וואָס איז דורכויס געבויט אויף ליטעראַרישער מליצה אָן אַ פֿונק פֿון יענעם פֿרײלעכן, ברוטאַל פֿאַרשפּיצטן קאָמיזם, צו וועלכן די באַזוכער פֿון ווײַנקעלער זײַנען געוואוינט געוואָרן דורך די בראָדער זינגער. לויט ווי גאָלדפֿאַדן דערציילט, האָט גראָדנער אַ באַליידיקטער פֿון גאָלדפֿאַדנס דורכפֿאַל, גלײַך אויפֿן אָרט איבערגעוואָרפֿן זיך אין ווײַן „בינע-קאָסטיום" (אַ לאַנגן קאַפֿטן, שיך און זאָקן און אַ שטרײַמל מיט אַ פּאָר לאַנגע פּייעס), איז אַרויף אויף דער בינע און, מעלדנדיק, אַז ער וועט פֿאָרזינגען אַ ליד פֿון דעם אַקאָרשט אויסגעפֿײַפֿטן גאָלדפֿאַדן, דורכגעזונגען „דאָס פֿרײלעכע כּאָסידל".

דער דערפֿאָלג איז דאָס מאָל געווען שוין זייער גרויס *). אָבער גאָלדפֿאַדן האָט שוין פֿון גאָרניט געוואָלט הערן און איז אַרויס פֿון ווײַנקעלער.

*) אין דעמדאָזיקן עפּיזאָד איז קעדאַי אונטערצושטרײַכן איין מאָמענט, וועלכן גאָלדפֿאַדן באַמערקט ניט אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע. נעמלעך, דער כאַראַקטער פֿון די צוויי פֿאַרשיידענע ווערק, מיט וועלכע עס זײַנען אין דעם אָוונט אַרויסגעטראָטן י. גראָדנער און אַ. גאָלדפֿאַדן. ניט געקוקט

נאָך דעם אויפֿנעם וואָלט געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז גאָלדפֿאַדן זאָל אַן אַנטוישטער אָפּזאָגן זיך פֿון געדאַנק צו אָנהייבן פֿאַרווירקלעכן זײַנע טעאַטער־כאַלוימעס. גאָלדפֿאַדן האָט עס אָבער ניט געטאָן. ער איז פֿאַרבליבן מיט די קעלער־זינגער. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דערבײַ האָט גאָלדפֿאַדן געהאַט אַ ספּייקעס, אַ וואַקלונגען, וועגן וועלכע ער דערציילט אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע. און אויב נאָך אַט די אַלע ספּייקעס איז ער דאָך פֿאַרבליבן מיט די קעלער־זינגער און געשאַפֿן צוזאַמען מיט זיי דעם ייִדישן טעאַטער, האָט עס באַשטימט געהאַט באַדײַטן אַן איבערבראָך אין זײַן לעבן.

ניט אידעאַליזירנדיק די מאָטיוון, וואָס האָבן גאָלדפֿאַדענען דערצו געבראַכט, מוז מען דאָך אָנערקענען, אַז אין דעם איבערבראָך, איז געווען אַ געוויסע באַוווסטזיניקייט.

ווער זשע האָט דערוועקט אין גאָלדפֿאַדענען אַזאַ באַוווסטזײַן, וועלכער האָט געדאַרפֿט אים צוגעבן מוט אין מעשעך פֿון די ערשטע שווערסטע צײַטן פֿון זײַן טעאַטער אין רומעניע?

אַ געוויסע ראָלע האָט דאָ געשפּילט די סוויווע, מיט וועלכער גאָלדפֿאַדן האָט זיך באַגעגנט אין רומעניע.

מע דאַרף נעמען אין אַכט, אַז אין יאַסי האָט דער דראַסטיקער איבערבראָך אין גאָלדפֿאַדנס לעבן געקאָנט פֿאָרקומען גרינגער איידער ערגעץ ווו אַנדערש. אין יאַסי איז ניט געווען אַזאַ מין שטאַרקע מאַסקילישע סוויווע, וועלכע זאָל קענען גאָלדפֿאַדענען אָפּשרעקן פֿון זײַן וויכטיקן שריט. זיכער האָט דאָ געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אויך דער פֿאַקט, וואָס גאָלדפֿאַדן האָט זיך געפֿינען אין אַ פֿרעמדער שטאָט

אַף דעם, וואָס ביידע לידער האָבן געהערט גאָלדפֿאַדן און זיינען גענומען געוואָרן פֿון זיין ערשטן בוך לידער „דאָס יודעלע“. האבן זיי דאָך פֿאָרגעשטעלט צווי פֿארשיידענע זשאנרען. וועגן דידאַקטיקע צווי זשאנרען האָט גאָלדפֿאַדן זיך איין מאָל טרעפֿלעך אויסגעדריקט אין אַ בריוו צו שאָלעם-אַלייכעמען. „אַלס י י ד י ש ע ר פאטריאָט—שרייבט א. גאָלדפֿאַדן – איז דאָ געוויסע צייטן, וואָס מיינע געפֿילע ערוועקן מיך צו זינגען פֿאר מיין פֿאָלק, אַלס מ ע נ ש האָב איך צייטן וואָס מיינע געפֿילע ערוועקן מיר צו זינגען פֿאר מיר אַ דאָמאשנע ליד—יעצט אַז איר רייסט מיר אויס מיינע דאָמאשנע געפֿילע און ריקט מיר אונטער מיט געוואַלד אַ פאטריאָטישע—אַדראבע, וואָס דארף איך דערצו זאָגן?“. (קורסיוו א. גאָלדפֿאדנס). 42).

מיט רעכט אַף אַ געוויסער אַנאלאָגיע קאָן מען זאָגן, אַז אזאַ אונטערשייד איז געווען אויך צווישן די צווי לידער, וואָס זיינען געלייענט געוואָרן אַף דעם אָוונט אין יאַסי. „דאָס פּינטעלע ייד“ באַצייכנט גאָלדפאדן אַליין ווי אַ „נאַציאָנאַלע פּאָעמע“ דאָס האָט געהערט צום פּאַטריאָטישן מין. און דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי פֿולשטענדיק פֿרעמד יענעם צושויער פֿון דער ברייטער מאַסע, וואָס פֿלעגט אַזוי וואַרעם אופֿנעמען די אַרויסטרעטונגען פֿון די בראָדער זינגער. דעמדאָזיקן באַזוכער איז שוין מער נאָענט געווען דער אינהאַלט פֿון ליד „דאָס פֿריילעכע כאָסידל“, וואָס איז סאַטיריש, לעבנשטייגערדיק און האָט צו טאָן מיט היימישע געשטאַלטן. דערפֿאַר האָט דער באַזוכער פֿון וויינקעלער בעסער אופֿגענומען גראָדנערן איידער גאָלדפאדענען. גאָלדפֿאַדן האָט דעמדאָזיקן מאָמענט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע ניט אונטערגעשטראָכן, אָבער עס איז צו גלויבן, אַז אינטואיטיוו האָט ער עס יענעם אָוונט דערפֿילט און דערמיט דערקלערט זיך אין אַ געוויסער מאָס דער פֿאַקט וואָס אין זיינע פּיעסן פֿון רומענישן פעריאָד האָט ג—ן אויסגעמיטן צו אַריינטראָגן דעם פּאַטריאָטישן עלעמענט.

און אַ פֿרעמדן לאַנד, ווי די ליטעראַרישע טראַדיציע האָט געדאַט ווייניק קראַפֿט צו ווירקן אַף אים און אָפּהאַלטן אים פֿון זײַן גײַן אין קעלער.

פֿאַרקערט דאָ אין יאַסי האָט גאָלדפֿאַדן געקאָנט נאָך הערן דערציילן וועגן דער אויסטערלישער געשטאַלט פֿון אַ רומעניש־יידישן שרײַבער יאַנקעוו פּסאַנטיר, וועלכער האָט זײַן נאָמען באַקומען דערפֿאַר, וואָס ער פֿלעגט מיט אַ צימבל אַרומגײַן איבער שטעט און שטעטלעך פֿון רומעניע. די דאָזיקע געשטאַלט האָט דעמאָלט געמאַכט אַף אַלעמען אַ שטאַרקן אײַנדרוק *).

געוויס איז די „לעגענדע" וועגן דערדאָזיקער געשטאַלט געווען באַוווּסט אויך גאָלדפֿאַדענען און זי האָט געקאָנט שטיין פֿאַר זײַנע אויגן ווי אַ מוסטער.

רומעניע איז בכלל געווען דאָס אָרט פֿאַר אַזעלכע באָהעמישע געשטאַלטן. און דאָ האָט גאָלדפֿאַדן געמוזט הערן אויך פֿיל צו דערציילן וועגן אַ מער באַדײַטנדיקן און מער נעענטערן צו אים מענטשן: וועלוול זבאַרזשער.

וועלוול זבאַרזשער האָט אָנגעהויבן באַוווּסט צו ווערן אין דער ייִדישער סוויווע פֿון גאַליציע און דאָרעם־רוסלאַנד אָנהויב די 50־קער יאָרן. עס קאָן זײַן, אַז אַ געוויסע ווירקונג אַף גאָלדפֿאַדענען האָט ער געהאַט אײדער גאָלדפֿאַדן איז אַרויסגעפֿאָרן קײַן אויסלאַנד.

גאָלדפֿאַדן האָט עפּעס נאָך זייענדיק אין רוסלאַנד געהערט וועגן דער אויסטערלישער פֿיגור פֿון אַ ייִדישן דיכטער, וואָס איז געווען העכסט פּאָפּולער, געהאַט אַ נאָמען אויך אין די געבילדעטע קרײַזן פֿון יענער צײַט, געדרוקט זײַנע לידער אַף העברעיש און ייִדיש און האָט אין דערזעלביקער צײַט געהאַט אַן אומטעהויערע רעפּוטאַציע פֿון אַ קעלער־זינגער, אַ מענטש, וואָס וואַנדערט פֿון שטאָט צו שטאָט, קומט אין די שענקען — נאַסטהײַזער, ווי ער שאַפֿט און זינגט זײַנע לידער, צו פֿאַרווײַלן יענעם און זיך אַלײן.

פֿון גאָלדפֿאַדנס ווערק דערוויסן מיר זיך, אַז מיטן נאָמען וועלוול זבאַרזשער איז גאָלדפֿאַדן געווען באַזונדערס פֿאַרבונדן. מיר לייענען וועגן דעם אין גאָלדפֿאַדנס אַ פּאָעמע, וואָס איז אָנגעשריבן אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן.

---

*) אָט וואָס ער דערציילט וועגן דעם היסטאָריקער פּסאַנטער א. ב. גאָטלאָבער, וועלכער האָט אין יענער צייט באַזוכט רומעניע:

„אַ ווונדערלעכע זאַך האָב איך געזעען אין בוקארעסט. איינער אַן אַלטער באַיאָרנטער מאַן — אַ מענטש, וואָס האָט קיין סאַך טוירע ניט געלערנט און איז ניט געווען באַהאַוונט און קיין נאָמען ניט געהאַט אין כאָכמעס און לעשוינעס, זיין באַשעפֿטיקונג פֿון יוגנט אָן איז געווען דאָס, וואָס ער פֿלעגט שפּילן אַף אַ צימבל (בכלי פסנתר) און פֿלעגט אַרומוואַנדערן מיט אַ קאָמפּאַניע קלעזמער, וואָס זיינען אין דעמדאָזיקן לאַנד אַלפּיראָוו פֿון דעם ציגיינער פֿאָלק. עס איז גאָרניט צו גלויבן, ווי עס ווערט דערציילט, ווי אַזוי ער איז געגאַנגען פֿון שטאָט צו שטאָט, פֿון דאָרף צו דאָרף ווי אַזוי ער האָט מיט זייגע אייגענע הענט אופֿגעגראָבן די אַלטע מאַציוועס אף די ייִדישע ביי אלמענס אין אלטע שטעט 43).

„איך וואָלט קאָנען וואָלט איך בעטן
די בעלת אוב, די צויבער=מאַכט,
וואָס האָט שמועלן דעם פּראָפעטן
פון דער ערד אַרופגעבראַכט.
זי זאָל יעצט מאַכן איר מאַגנעור...
מיט איר געהיימן צויבער=טאָן,
אַרויסרופן מיר אויך פון קייווער
אַ גרויסע וויכטיקע פּערזאָן.
זיסע האָפנונגען און נעכאָמע,
סאַטיר און פרייליכע מאָראַל —
ער איז געווען דער פאָלקס נעשאָמע,
ער איז געווען זיין אידעאַל.
אַ פאָלק=דיכטער דאַרף ניט שטאָלצירן...
איבעראַל מוז ער זיין פאָלק נאָכטאָן,
(אין ק ע ל ע ר ס פלעגט ער איינשטודירן
זיין ליטעראַטור מיט אים אַליין).

— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

אַ יאָ, מעכאַשייפע, באַפעל די גייסטער!
לאָזן זיי גיין דעם העקסן=טאַנץ
און מיר אַראָפּברענגען דעם מאַיסטער:
וועלוול זבאַרזשער ערענקראַנץ" 44).
מעגלעך, אַז דידאָזיקע ווירקונג פון וועלוול זבאַרזשער האָט אויך אין אַ גע=
וויסער מאָס מיטגעהאָלפן דעם איבערבראָך אין גאָלדפאַדנס לעבן.

.VI

אין יאַסי איז גאָלדפֿאַדן געוואָרן דער גרינדער פֿון ייִדישן טעאַטער. צום ערשטן מאָל זײַנען דאָ זײַנע סימפּאַטיעס צום דראַמאַטישן שאַפֿן געקומען אין באַריר מיט דער בינע. אָבער די בינע איז געווען אן אימפּראָוויזאַטאָריקע. אין פֿלוג איז עס געווען ניט מער ווי אַ קעלער־עסטראַדע, צו וועלכער עס האָט זיך געדאַרפֿט צופּאַסן גאָלדפֿאַדנס טעאַטראַלע פֿאַנטאַזיע.

ווי גאָלדפֿאַדן דערציילט, איז די ערשטע פֿאָרשטעלונג פֿאָרגעקומען באַלאַמוטער סוקעס *) און געשפּילט האָבן י. גראָדנער און סאָכער גאָלדשטיין עפּעס אַ שטיק, פֿאַר וועלכן גאָלדפֿאַדן אַליין געפֿינט ניט קיין אַנדער נאָמען ווי „אַ מיש־מאַש, אַ קאַלאַטוכע“.

די שוועריקייטן באַם אויפֿשטעלן דעם בניען פֿון ייִדישן טעאַטער זײַנען געקומען פֿריער פֿאַר אַלץ מיצד דעם רעפּערטואַר. דאָס איבעריקע — אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שײַכות צו דער שפּיל — האָט זיך ניט געלאָזט ענדערן. סײַ דעם באַשטאַנד פֿון דער „טרופּע“, וואָס האָט געציילט צוויי אַקטיאָרן קעלער־זינגער, סײַ די באַדינגונגען פֿון דער קעלער־עסטראַדע — דאָס אַלץ האָט מען געמוזט אָננעמען, ווי אַ פֿאַקט.

דער איינציקער געבוט, אין וועלכן מע האָט געקאָנט עפּעס אויפֿטאָן, איז געווען דער רעפּערטואַר. שאַפֿן דעם רעפּערטואַר אין יענער צײַט האָט געהייסן אַזוי גוט ווי שאַפֿן דעם ייִדישן טעאַטער.

און גאָלדפֿאַדן האָט אַ געוויסע צײַט געזוכט זײַן וועג אינם דאָזיקן געבוט. ער האָט ניט געקאָנט פֿאָרלייגן אַלס שפּיל־מאַטעריאַל ניט זײַן ערשטע פּיעסע „די מומע סאָסיע“, פֿאַר וועלכער עס איז געווען נויטיק מער ווי אַ צענדליק אַקטיאָרן, אויך ניט זײַן דראַמאַטישע סצענע „צוויי שכנים“, ווו עס איז נויטיק געווען צוויי פֿרויען, און אויך ניט דעם וואָדעוויל „ווײַבערעס באַ אַ גובערנסקן ראָוו“, וועלכן ער האָט אָנגעשריבן אָנהויב די 70־קער יאָרן.

מע האָט געדאַרפֿט אָנהויבן עפּעס שרײַבן פֿון דאָס נײַ. דעם ערשטן שריט מאַכט דאָ גאָלדפֿאַדן אָן שום באַוווּסטזיניקן פּלאַן. ער שרײַבט אָן „אַ דולעניש אַ קאַלאַטוכע“, ווי ער רופֿט עס אַליין אָן אין זײַן אַווטאָביאָגראַפֿיע, אַ מישמאַש פֿון עפּיזאָדן און געשטאַלטן מיט דעם אומפֿאַרמײַדלעכן קאָסידל אַף דער סצענע, מיט אַ

---

*) א. גורשטיין גיט אָן אין „עמעס“ (נומ. 58 1926), אַז דאס זאָל הייסן אין איינעם פֿון די טעג צווישן 5 און 8 אָקטיאבר 1876.

פּיקאַנטן עפּיזאָד פֿון אַן „איישעס איש“ מיט לידלעך און מיט אַן איבערגעטריבענער באַוועגלעכקייט, וואָס קאָן גלייך איבערגיין אין אַ האָפּקע. ווי דאָס האָט ניט אויסגעזען פּרימיטיוו, האָט דאָך גאָלדפֿאַדן געדאַרפֿט זאָרגן בעשאַס־מאַיסע. עס זאָל האָבן אין זיך עפּעס נייס, עס זאָל באַטייטן טעאַטער, עס זאָל ניט זיין דורכויס ענלעך צו די ביזדעמאָלדיקע קעלער־זינגערישע פֿאָרשטעלונגען.

גאָלדפֿאַדן האָט געקאָנט עפּעס נעמען בײַ די קעלער־זינגער, אָבער פֿאָרזעצן זייער שטייגער האָט ער בעשום־אויפֿן ניט געטאָרט. קעגן דעם זיינען געווען די צוויי קעלער־זינגער גופֿע, וועלכע האָבן געוואָלט אָפּשניידן מיט זייער אַמאָליקער רעפּוטאַציע און ווערן אַקטיאָרן *). דעריבער האָבן די צוויי קעלער־זינגער ווי ווייט מעגלעך געשטיצט גאָלדפֿאַדנס פּרוון צו געפֿינען אַזאַ שפּיל־מאַטעריאַל, וואָס זאָל הייסן טעאַטער. עס זעט אויס, אַז די ערשטע פּיעסע, וואָס האָט געקאָנט אין דער הינזיכט אַלעמען צופֿרידן שטעלן, איז געווען „די רעקרוטן“. דאָ איז שוין קימאַט ניט געווען קיין זייבער פֿון קעלער־זינגעריי. אויף דער סצענע האָבן זיך דאָ צום ערשטע מאָל באַוויזן טעאַטראַלישע עפֿעקטן. גענומען אין אַלגעמיין פֿון אַ דעמאָלטיקן עפּיזאָד פֿון רומעניִשן לעבן (דאָס כאַפּן יונגע לייט אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ מיליטער־מאָביליזאַציע), האָט דער סיוזשעט פֿון „די רעקרוטן“ געהאַט אַ צווייזייטיקן טעאַטראַלן עפֿעקט. פֿון איין זייט ווערט דאָ אויסגענוצט די שטענדיקע וואָדעוויל־פֿיגור פֿון אַ מאַמעוואַטן סאָלדאַט — אַ ליימענעם גוילעם, פֿון דער צווייטער זייט — די קאָמישע עפּיזאָדן, וואָס קומען פֿאָר אין דער ספּעציפֿיש־יידישעלעכער סוויווע פֿון קלויזניקעס און קליינשטעטלדיקע „העלדן“.

אין דעדאָזיקער פּיעסע האָט גאָלדפֿאַדן שוין געפּרוּווט אַריינטראָגן אַ ברייטערע פֿאַראַלגעמיינערונג פֿון דעם סאַטירישן עלעמענט. דעריקער אָבער האָט ער שוין דערוויזן אין „די רעקרוטן“, אַז אויף דער ניי־געגרינדעטער בינע קאָן מען באַווייזן ניט נאָר אַנעקדאָטישע איינפֿאַלן, נאָר אויך טיפּישע פֿיגורן. נאָך דער „דולעניש“ — דעם ערשטן דראַמאַטישן פּרוּוו, וועלכן גאָלדפֿאַדן האָט געמאַכט, נאָך דורכויס אין די ראַמען פֿון קעלער־זינגעריי — האָט ער אין „די רעקרוטן“ געשאַפֿן שוין אַ ווערק, וואָס האָט געהאַט אַ מער דויערנדיקן ווערט. אויף וויפֿל

*) גאָלדפֿאַדן ברעוגט אַזאַ עפּיזאָד פֿון זיין באַגעגעניש מיט גראַדנערן: „איך האָב ערשטן זייבע געדאַנקען און בין אים צופֿאַרגעקומען מיט די ווערטער: איך זע אין אייך אַ טאַלאַנט צו דער בינע,—שאַדע איר זאָלט בלייבן נאָר בײַ לידלעך זינגען. איר קאָנט אייך אויסאַרבעטן אַלס אַרטיסט, ווען איר זאָלט קאָנען פֿויעלן בײַ אייך צו זיין אַ צייט לעבן מיר, וועל איך פֿון אייערטוועגן ניט נאָר לידער שרייבן, נאָר רעגלמעסיקע טעאַטער־שטיק און דראַמען—איך באַזיץ זייער פֿיל שיינע סיוזשעטן פֿון יידישן לעבן.

איך האָב דאַמאַלט ערקענט אין קורצן דעם סיוזשעט פֿון דער „קאַץ און ברונען“ און וואָס פֿאַר אַ שיין בינענשטיק איך וואָלט געקאָנט דערפֿון אויסאַרבעטן. גראַדנער האָט פֿאַר סימכע אָנגעהויבן צו גלאַנצן די אויגן... ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, וואָס דאָ קאָן אַרויס מיט דער צייט, נאָר ער האָט זיך ניט געגלויבט, אַז איך וועל אוועקוואַרפֿן אַלע אַרבעט און זאָל מיך אַראָפּלאָזן אַרומצופֿאַרן מיט לידער־זינגערס... און אַז איך האָב אים ערקלערט, אַז דאָס איז מיין ערנסט— האָט ער זיך געשוואָרן איביקע טרייע און ערגעבנהייט“. 45).

אונדז איז באַקאַנט, אַז די פּיעסע „רעקרוטן“ ניט געדרוקט געוואָרן. אָבער אַז גאָלדפֿאַדן האָט זי געשעצט, זעט זיך פֿון דעם, וואָס נאָך אין יאָר 1883 האָט גאָלדפֿאַדן אַרײַנגענומען אַ ליד פֿון דער פּיעסע „די רעקרוטן“ אין זײַן לידערזאַמלונג „ישׂראליק“, וואָס איז געווען צונויפֿגעשטעלט פֿון לידער פֿון זײַנע באַליבסטע פּיעסן. מיט דער פּיעסע „רעקרוטן“ האָט גאָלדפֿאַדן געקאָנט זיך שוין באַווײַזן פֿאַר אַ ברייטערן עולם און ער הויבט אָן אַרומפֿאָרן איבער שטעט און שטעטלעך פֿון רומעניע (באַטושאַן, גאַלאַץ און אַנד.).

גאָלדפֿאַדן האָט שוין קאָנטיק שאָלעם געמאַכט מיט דעם געדאַנק, אַז ערשט איצט הויבט זיך אָן פֿאַר אים דאָס עמעסע וואַנדער־לעבן. די טרופּע איז קליין, זי איז נאָך אַלץ באַשטאַנען פֿון דזשעלביקע צוויי אַקטיאָרן — גראָדנער און גאָלדשטיין. אַז מע קומט אין אַ שטאָט, נעמט מען אָן סטאַטיסטן, אַמאָל אויך אַקטיווע מיטשפּילער, פֿון די אָרטיקע לעב־יונגען. דער רעפּערטואַר איז נאָך ביז גאָר אָרעם, און דאָך געפֿינט גאָלדפֿאַדנס טרופּע שוין פֿון אירע ערשטע טריט אַ וועג צו יענעם עולם, וואָס איז פֿאַרבליבן אױף אַסאַך יאָרן געטריי דעם יידישן טעאַטער און איז געוואָרן דער שטענדיקער רעזערוו פֿון פֿרישע קױלעס, וואָס האָבן געהאָלפֿן בויען גאָלדפֿאַדנס טעאַטער. עס איז מערקווירדיק, וואָס אין זײַן אווטאָביאָגראַפֿיע, ווו גאָלדפֿאַדן שאַצט אָפּ קימאַט מיט אַ פֿולשטענדיקער אָביעקטיווקייט פֿיל דערשיינונגען פֿון דעם רומענישן פּעריאָד פֿון זײַן טעאַטער, באַציט ער זיך מיט גרויס גרינגשעצונג צו זײַן ערשטן באַוואַכער־עולם, וועלכן ער רופֿט אָן „דאָס פּעבל“, און זעט ניט אײַן, מיט וויפֿל זײַן טעאַטער האָט געהאַט צו פֿאַרדאַנקען דעמדאָזיקן פּובליקום.

באַקאַנענדיק אונדז מיט זײַנע באַוואַכער פֿון יענער צײַט, שטרײַכט גאָלדפֿאַדן אונטער, אַז די רײַכע יידישע פֿאַמיליעס האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פֿון זײַן טעאַטער, מאַכמעס „די באַלעבאַטישע קינדער האָט ניט געפּאַסט אַרײַנצוקומען אין דעם ווינקל, ווו עס פֿלעגן זיך צונויפֿקומען יונגלעך, מיידלעך, ווײַבלעך פֿון דער נידעריקער שיכטע דעם פֿאָלקס“. גאָלדפֿאַדן שטעלט זיך אויך אָפּ גענייער אױף דעם באַשטאַנד פֿון אָט דער „נידעריקער שיכטע“ אין רומעניע.

> „דאָס יידישע פּעבל אין דער מאָלדוי אין יענער צײַט, איז געשטאַנען אין אַ פֿיל נידעריקער שטופּע פֿון בילדונג און גײַסטיקע אַנטוויקלונג קעגן דעם יידישן פּעבל פֿון רוסלאַנד און גאַליציע. מײַסטנס איז דאָס באַשטאַנען פֿון רויע, אויסגעוואַקסענע באַלעמלאָכעס, וואָס מען האָט זיי יונגערהייט אַריבערגעשטעלט איבער די רוסישע גרעניץ קיין רומעניע.

אין דער צײַט, וואָס ניקאָלאַי דער 1־טער האָט אַרויסגעגעבן דעם שטרענגן אוקאַז, אַז די יידישע קינדער אָנגעפֿאַנגען פֿון 6 יאָר, זאָל מען נעמען פֿאַר רעקרוטן, האָבן די אומגליקלעכע עלטערן קיין אַנדער אויסוועג ניט געפֿונען אין דער בעהאָלע נאָר אַריבערצושטעלן זײַערע קינדער איבער דער נאָענטער גרעניץ קיין רומעניע.

פֿון די איבערגעשטעלטע קינדער, וואָס האָבן קיין מעלאָכע געקאָנט, זיינען פֿילע צו גרונט געגאַנגען — בעסער איז געווען דאָס מאַזל פֿון די באַלמעלאָכעס. קומענדיק נאָך רומעניע, האָבן די קינדער פֿיל ווייניק באַלד געקאָנט באַקומען אַ באַשעפֿטיקונג בײַ אַ באַלמעלאָכע, און זיי האָבן זיך די ערשטע צייט שוין פֿאַרדינט אַ שטיקל ברויט. זעלבספֿאַרשטענדלעך, ווען די ריידע איז געווען וועגן דער נויטווענדיקער עקזיסטענץ, איז קיין צייט געבליבן פֿאַר בילדונג און דערציִונג... קיין „ישיבות" איז ניט געווען און שולן אויך ניט... דער מאַלדאַוואַן אַליין איז נאָך געווען רוי און אומגעבילדעט... אַזוי איז אויסגעוואַקסן אַ דאָר פֿון בראַווע, טיכטיקע, אָבער רויע, אומגעבילדעטע באַלמעלאָכעס און זייער גאַנצע גייסט־נאַרונג איז געווען אַ „לידל" אין דעם שאַרגאָן, וואָס זיי האָבן נאָך געדענקט פֿון רוסלאַנד" 46).

דערהאָזיקער אוילעם פֿון „רויע, אומגעבילדעטע באַלמעלאָכעס" האָט געוויס געווירקט אַף גאָלדפֿאַדנס ערשטע טעאַטער־פּרוּוון. אָבער די דאָזיקע ווירקונג איז ניט געווען בלויז אַ נעגאַטיווע ווירקונג. און וועגן דעם הערן מיר פֿון גאָלדפֿאַדענען אַליין אין אַן אַנדער אָרט. איבערגעבנדיק זיינע מאַכשאָוועס אין דער נאַכט נאָך זיין ערשטן דורכפֿאַל פֿאַרן יאַסער קעלער־אוילעם, דערציילט אונדז גאָלדפֿאַדן, אַז „פֿון דעם שוואַרצן סאָף, וואָס איך האָב געכאַפּט, איז ארויס דער ליכטיקער אָנפֿאַנג צו אַ פֿרייַלעכער צוקונפֿט".

גאָלדפֿאַדן האָט אין דער נאַכט, ווי ער דערציילט, פֿאַרשטאַנען, אַז „מען דאַרף אים (דעם באַזוכער־אוילעם) געבן צו פֿאַרשטיין זיין אייגן לעבן — מע דאַרף אים שאַפֿן לעבן־דראַמען, אָדער בילדער פֿון זיין אייגענעם לעבן, אין וועלכע עס זאָל זיך אָפּשפּיגלען זיין אייגענע אומוויסנקייט, זיינע אייגענע פֿעלערן, ער זאָל זיך באַשטרעבן בּיסלעכווייז זיי צו פֿאַרבעסערן".

מיר ווייסן, אַז גאָלדפֿאַדן האָט ווירקלעך באַמיט זיך אין זיינע ערשטע ווערק, געשריבן אין רומעניע, צו פֿאַרשטאַרקן דעם סאַטירישן עלעמענט, אַריינפֿירן אַ לעבעדיקן רעאַליסטישן סיוזשעט און קאָנקרעטע געשטאַלטן פֿון יידישן לעבנסשטייגער *). דעריבער: ווי גערעכט עס זאָל ניט זיין גאָלדפֿאַדנס טאַינעס צו זיין דעמאָלסטיקן טעאַטער־אוילעם, טאָר מען דאָך ניט פֿאַרגעסן אויך אָן דער פּאָזיטיווער ווירקונג, וואָס די „נידעריקע שיכטע" האָט געהאַט אַף גאָלדפֿאַדנס רעפּערטואַר.

די זאָרג וועגן פֿאַרגרעסערן דעם אַקטיאָר־באַשטאַנד און פֿאַרברייטערן דעם רעפּערטואַר, פֿאַרלאָזט ניט גאָלדפֿאַדענען אַף קיין מינוט, און ביידע מעניעס ווערן באַוויזטיקט ערשט דעמאָלט, ווען נאָך אַ האַלב־יאָריקער וואַנדערונג קומט אָן גאָלדפֿאַדן אין בוקאַרעסט. דאָ אין בוקאַרעסט, האָט גאָלדפֿאַדן זיך צום ערשטן מאָל

---

*) עס איז קעדאַי צו דערמאָנען, אַז ריידנדיק וועגן די פּיעסן, וועלכע גאָלדפֿאַדן האָט אָנגעשריבן אין דעמדאָזיקן פּעריאָד, האָט נאָך איינער פֿון די ערשטע ביאָגראַפֿן גאָלדפֿאַדנס געוווסט אונטערצושטרייכן, אַז זיי זיינען „גענומען גלייך פֿון יידישן לעבן". (אַ. באַקאַנטער: אברהם גאָלדפֿאַדן „דער יוד" 32 № 1900).

באַגעגנט מיט יענער פּלעיאַדע ייִדישע אַקטיאָרן, וואָס מיט זייער הילף האָט ער ענדגילטיק פּאַרפּעסטיקט דעם בנין פון ייִדישן טעאַטער. דאָס זיינען געווען מאָגולעסקאָ, צוקערמאַן, זילבערמאַן — געוועזענע מעשוררים.

דאָס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן אין דער באַהעמישער לופט פון דער שטאָט בוקאַרעסט דערפילט אַ פּאַרבאָרגענע נייגונג צו טעאַטער־שפּיל און ייִדישע נייַ־צוגעקומענע מענטשן האָבן אַרייַנגעבראַכט אַ נייַעם שטראָם אין גאָלדפאַדנס טרופּע.

די נייַ־צוגעקומענע זיינען נאָך ניט געווען קיין „פּראָפעסיאָנאַלן", ווי די איבעריקע אין גאָלדפאַדנס טרופּע, זיי האָט נאָך ניט אויפגעגעסן דאָס קעלער־זינגעריי, דאָס צופּאַסן זיך צום געשמאַק פון שענקבאַזוכער. אין זיי האָט נאָך געקאָנט דערוואַכן אַ פרייע איניציאַטיוו, אַ פרישער אימפּאַל און מיט זיי צוזאַמען וואַכט אויף אויך גאָלדפאַדן.

אין דער צייַט באַקומט גאָלדפאַדן די מעגלעכקייַט צו באַזייַטיקן איינע פון די גרעסטע שוועריקייַטן — דעם מאַנגל אין פרויען־אַרטיסטנס. צוליב דעמדאָזיקן מאַנגל האָט זיך שוין אין גאָלדפאַדנס טרופּע איינגעפירט, אַז מענער פּלעגן שפּילן פרויען־ראָלן. מיר ווייסן ניט, צו קען מען זיך פאַרלאָזן אויף דער ידיעה, אַז גאָלדפאַדן האָט אָנגעשריבן די „שטומע קאַלע" דערפאַר, ווייל די אויספירערין פון דער הויפּט־ראָלע איז געווען אַ מיידל, וואָס האָט מסכים געווען צו באַווייַזן זיך אויף דער סצענע נאָר אין אַ ראָלע אָן ווערטער. אַלנפאַלס איז פעסטגעשטעלט, אַז ערשט אין בוקאַרעסט האָט גאָלדפאַדנס טרופּע באַקומען אַ שטענדיקן פרויען־פּערסאָנאַל.

גאָלדפאַדן שרייבט אָן אין אַ קורצן פּעריאָד די פּיעסן: „די באָבע מיטן איינִיקל", „די אינטריגע", „ני בע ני מע" און איצט איז שוין געקומען צייַט צו שפּילן „שמענדריק" און אויך די „מומע סאָסיע". איצט הייבט אָן גאָלדפאַדנס טעאַטער אין בוקאַרעסט צו באַקומען אַן אַנדער אויסזען *).

ביז אַ געוויסער צייַט, ווען גאָלדפאַדנס טרופּע איז נאָך באַשטאַנען פון אַ פּאָר אַקטיאָרן און אויך מיט אַ „דולעניש"־רעפּערטואַר, איז פאַר איִם געווען ווי אָנגענומען יענער קליינצאָליקער עולם, וואָס פּלעגט אין די רומענישע שטעטלעך באַזוכן גאָלדפאַדנס פאָרשטעלונגען. נאָך דעם, ווי גאָלדפאַדנס טרופּע איז באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן אין בוקאַרעסט, זיינען אויך אירע מאַטעריעלע באַדערפענישן שטאַרק אויסגעוואַקסן. דער טעאַטער האָט שוין ניט געקאָנט עקזיסטירן אָן אַ גרויסן זיכערן עולם־באַזוכער. עס איז נייטיק געווען, אַז עס זאָלן פאַרברייטערט ווערן די קרייזן פון דעם עולם, מיט וועמען דער טעאַטער דאַרף זיך פאַרבינדן. אין משך פון די ערשטע חדשים איז עס אין טעאַטער ניט געווען, געקומען איז עס נאָר מיטן אָנהויב פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה.

*) מיר האָבן אין אונדזער רשות אַ בוילעטע שילדערונג פון גאָלדפאַדנס טעאַטער אין בוקאַרעסט (אין בוך פון רוסישן זשורנאַליסט א. שיגאַרין) צוליב טעכנישע סיבעס גייט בא אונדז די דאָזיקע באַשרייבונג אין אַפּטייל „באַמערקונגען".

די מילכֿאָמע האָט זיך אָנגעהויבן סאָף 1877 יאָר. שוין פֿון די ערשטע מילכֿאָמע־וואָכֿן האָט זיך אַרויסגעוויזן, וואָס פֿאַר אַ ראָלע רומעניע וועט אויסקומען צושפּילן אין דער מילכֿאָמע. רומעניע האָט געדאַרפֿט ווערן די באַזע, פֿון וואַנען עס האָט געזאָלט צוגעשטעלט ווערן פּראָוויאַנט פֿאַר דער רוסישער אַרמיי.

בוקאַרעסט איז געוואָרן דער צענטער פֿון מיליטער־אַנשטאַלטן און פֿון אַן אומגעהויערע מענגע אַרמיי־פֿאַרזאָרגער און אַרמיי־באַגלייטער. מאַסנווייז פֿלעגן קומען אַהער פֿון רוסלאַנד מענטשן, וואָס האָבן גיך פֿאַרשטאַנען צו מאַכֿן פֿון דער מילכֿאָמע אַ געשעפֿט, ווי מען האָט געקאָנט באַקומען פֿעטע רעוואָכֿים פֿון „פּאַטריאָטישע מאַסים" און „ליבע צום פֿאָטערלאַנד". ניט אָפּגעשטאַנען זיינען דערביי די ידישע „פּאַטריאָטן" און מילכֿאָמע־ספּעקולאַנטן.

אין אַ קורצער צייט איז בוקאַרעסט פֿאַרפֿלייצט געוואָרן פֿון אַ מענגע ידן־„פּאָדראַטשיקעס" פֿון גרעסערן און קלענערן שניט. דידאָזיקע לייט האָבן זיך געריבן אַרום די צוויי גרויסע אינטענדאַנט־פֿירמעס, איינע „גרעגער, האָרוויץ און קאַהאַן", די צווייטע „א. מ. וואַרשאַווסקי".

וועגן דעם דעמאָלטיקן גרינגן פֿאַרדינען אין בוקאַרעסט פֿון דעם אוילעם, וואָס האָט זיך געריבן אַרום דידאָזיקע פֿירמעס, ווערט דערציילט: *).

„די פֿאַרוואַלטונג (פֿון דער פֿירמע „גרעגער") האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ פֿולשטענדיקן כאַאָס, קיין שום אָרגאַניזאַציע, קיין שום פּאַסיקער שטאַט פֿון אָנגעשטעלטע. ווען עס פֿלעגן אָנקומען פֿאָדערונגען אַף פּראָוויאַנט פֿון פֿאַרשיידענע פּונקטן, פֿלעגט מען אַרויסרופֿן פֿון האַמוין מענטשן, וואָס פֿלעגן שטענדיק שטיין און וואַרטן אַף עפּעס, און מע פֿלעגט אַ פֿרעג טאָן—„ווער וויל ווערן אַן אַגענט אין דעם אָדער יענעם פּונקט? „באַלאָנים זיינען געווען אַסאַך. מע פֿלעגט זיי אַרויסגעבן אַף די הענט אייניקע צענדליק טויזנט פֿראַנק און אַוועקשיקן זיי... די אַגענטן זיינען אין זייער טעטיקייט ניט רעוויזירט געוואָרן און האָבן געקאָנט אָנווייזן קאָלערליי פּרייזן" 47).

אָט דידאָזיקע מאַסע, וואָס האָט געהאַט אַ גרינגן פֿאַרדינסט, האָט אויך געוואָלט האָבן אַ גרינגן לעבן. דער פֿריער־ציטירטער נ. נ. דערציילט אין זיין מוסערטאָן ווייטער:

---

*) וועגן דעמזעלבן דערציילט אויך א. ב. גאָטלאָבער, וועלכער האָט אין דעם יאָר באַזוכט בוקאַרעסט. „די שטאָט איז גרויס און מענטשן זיינען אין איר פֿול, שרייבט א. גאָטלאָבער, אויך זיינען ידן דאָרטן אַרום פֿינף טויזנט געזינדן, כוץ די פֿיל ידן, וואָס זיינען אין יענער צייט געקומען אַהין פֿון פֿאַרשיידענע שטעט אין רוסלאַנד און גאַליציע צוליב דער רוסיש-טערקישער קריג. פֿון אַלע עקן וועלט זיינען אָנגעקומען אַהין מענטשן פֿול, ווי דער היישעריק. זיי זיינען געקומען צו מאַכֿן מיסכֿער און צו קויפֿן אַלץ, וואָס עס איז נויטיק געווען פֿאַר דעם מיליטער. דאָס לאַנד איז פֿול געוואָרן מיט זיי, באַזונדער די שטאָט בוקאַרעסט" 48).

„ווי רירנדיק עס איז געווען צו זעען אַ ייִדן, וועלכער האָט זיך געאיילט איבערשיקן זיינע קנאַפע פאַרדינסטן דער פאַמיליע, וואָס האָט געלעבט אין דאבקעס אין דערהיים (רוסלאַנד), פונקט אַזוי עקלדיק איז געווען צו הערן וועגן די גרעבסטע פאַרגעניגנס, וואָס עס פלעגן זיך דערלויבן דיזעלביקע ייִדן, ווי נאָר זיי האָבן באַוויזן צו פאַרדינען גרויסע געלט. די שטאָט בוקאַרעסט האָט אין זיך געהאַט צופיל שטרויכלונגען פאַר די, וואָס זיינען אָנגעקומען פון די פאַרוואָרפנסטע עקן פון רוסלאַנד. און די מידעס אין רומעניע, ליידער אַפילע אויך פון די ייִדן פון דער נידעריקסטער שיכט, צייכענען זיך ניט אויס מיט אַ באַזונדער ריינקייט. דער הויפט־אָרט, ווו מע פלעגט זיך צונויפקלייבן, האָט זיך געפונען אין אַ סעדל מיט אַן עסטראַדע, אַף וועלכער עס זיינען אַרויסגעטראָטן די פערסאָנאַזשן פון דעם ערשט־געגרינדעטן דורך גאָלדפאַדענען ייִדישן טעאַטער. די באַליבסטע פיעסע באַם אוילעם איז געווען „ברייַנדעלע קאָזאַק" און אויך אַן אויסגעלאַסענער דיווערטיסמענט. גאָט ווייס פון וואַנען עס פלעגן זיך רעקרוטירן די אַרטיסטן און אַרטיסטינס פון גאָלדפאַדנס טעאַטער. די העכערע שיכט פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט געפרישטיקט און געמיטאָגט אין דער קאָנדיטעריי פון נאַיגן, ווו מע פלעגט צאָלן צו 25 און 50 פראַנק אַ מאָלצייט, פלעגט געפינען פאַר זיך מער ראַפינירטע פאַרוויילונגען אין דעם גאָרטן „סטאַווריִ" און אַנדערע ערטער".

אין דערהאָזיקער ציטאַט פון אַ מענטשן, וואָס האָט קאָנטיק געהערט צו דער „העכערער" שיכט פון די דעמאָלטיקע געשעפט־לייט אין רומעניע, האָבן מיר אַ גאַנץ קלאָרע אָנווייזונג, וואָס פאַר אַ סוויווע עס האָט זיך געשאַפן אין בוקאַרעסט אַרום גאָלדפאַדנס טעאַטער. אַפּאָניִם, אַז זוכנדיק אין בוקאַרעסט אַ גוטן צייט־פאַרטרייב, האָבן די פאַרשיידענע שיכטן פאָדראַטשיקעס דאָך געפונען יעדער זיין אָרט, וווהין עס האָבן אים געצויגן זיינע ביזאַהעריקע געוואָינהייטן, סימפּאַטיעס און טראַדיציעס. און גאָלדפאַדנס טעאַטער איז געוואָרן דאָס אָרט, וווהין עס פלעגט קומען דער ווייניקער־וועלטלעכער. און אויך ווייניק־באַרייכערטער טייל פון די פאָדראַטשיקעס.

דאָס איז געווען אַן אוילעם, וואָס איז נאָך געווען פאַרבונדן מיט דער ייִדישער שפּראַך, און עס איז קאָנטיק, אַז גראַדע פאַר דער שיכט האָט אין דער צייט פון דער מילכאָמע אָנגעהויבן צו דערשיינען אין בוקאַרעסט דער „ייִדישער טעלעגראַף" — די ערשטע טעגלעכע צייטונג אין רומעניע. אייניִעם מיט דער צייטונג האָט אויך דער ייִדישער טעאַטער געקאָנט זיך אָריענטירן דעמאָלט אַף דערהאָזיקער שיכט און ווער־ווער. אָבער גאָלדפאַדן האָט שוין זיכער געוווּסט מיט וואָס צו צוציִען צו זיך אַזאַ באַזונדער־אוילעם. נאָך גאָר באַ זיין אָנהויב האָט גאָלדפאַדן אין זיין ערשטן ביכל לידער געזונגען אַ ליד וועגן „דעם פאַרזאָרגטן באַלאַבעסל". איצט איז „דער פאַרזאָרגטער באַלאַבעסל" געוואָרן טאַקיפער. ער האָט געוואָלט אין דער פרעמד דערמאָנען זיך וועגן היימישע געשטאַלטן און מיט אַפּעטיט אַ לאַך טאָן, אַ שטיף טאָן. דער־

דאָזיקער צישויער האָט אויך ליב געהאַט אַביסל מוסער, דאָס שלעכטע זאָל באַשטראָפֿט ווערן, דאָס גוטע זאָל נעמען די איבערהאַנט, און געשפּילט זאָל דאָס ווערן מיט טעניץ און מיט געזאַנג, ווי אין אַנדערע פֿאַרוויילונג־ערטער אין בוקאַרעסט.

אָבער אין דער וועלכיקער צייַט האָט דערדאָזיקער אוילעם, וואָס איז אַקאַרשט געקומען פֿונם קליינעם שטעטל אין רוסלאַנד, נאָך ניט פֿאַרלאָרן די סימפּאַטיעס צו אַ פֿאָלקסטימלעכער אונטערהאַלטונג, צום פֿאָלקסטימלעכן קאָמיזם און אויך צו יענע שפּריצן פֿון סאָציאַלער סאַטירע, וואָס האָט גערעט צום האַרצן פֿון די אָרעמסטע שיכטן פֿון פֿאָלק. דעריבער איז פֿאַרשטענדלעך, אַז ווען דער ניי־צוגעקומענער אוילעם האָט אַ פֿלייַץ געטאָן אין גאָלדפֿאַדנס טעאַטער, האָט זיך דאָך ניט געשאַפֿן קיין טהאָם צווישן דעם ניי־צוגעקומענעם אוילעם און די פֿריערדיקע באַזוכער פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטער, — די „נידעריקע שיכטע“, ווי גאָלדפֿאַדן האָט זיי אָנגערופֿן.

גאָלדפֿאַדנס טעאַטער האָט ניט איבערגעריסן זייַן קאָנטאַקט מיט די אָרעמע שיכטן אַפֿילע דעמאָלט, ווען דער פּאָדראַטשיק איז געוואָרן דער הויפּט־שטיצער זייַנער. עס איז כאַראַקטעריסטיש צו ברענגען דאָס, וואָס גאָטלאָבער שרייַבט אין „הבקר אור“ וועגן גאָלדפֿאַדנס טעאַטער אין בוקאַרעסט: „27־טן דעקאַבער בין איך געקומען אין בוקאַרעסט. איך בין אַוועק צו מייַן טאַלמיד דעם מאַסקיל ה. אַווראָם גאָלדפֿאַדן, וועלכער האָט אין דערדאָזיקער שטאָט געגרינדעט אַ טעאַטער אין ייִדיש־דייַטש אין דער פֿאָלק־שפּראַך (זשאַרגאָן). ער האָט דערפֿאָלג געהאַט בײַם אָרעמען פֿאָלק, וועלכער גייט ווילד אין זייַן וועג און אָנגעשפּיצט זייַן אויער צו פֿאַרנעמען דעם שאַרפֿן אייַנגענעמען געלעכטער“ 49).

דער דערפֿאָלג פֿון אָט דעם „שאַרפֿן, אייַנגענעמען געלעכטער“ האָט געגעבן גאָלדפֿאַדענען דעם מוט צו אָנשרייַבן אַ פּיעסע „דער פּאָדראַדטשיק“, ווי עס ווערט אויסגעלאַכט די בוקאַרעסטער סוויווע פֿון די פּאָדראַדטשיקעס *).

גאָלדפֿאַדן האַלט זיך דאָ בײַ דער טראַדיציע פֿון פֿאָלקסטימלעכער סאָציאַלער סאַטירע, וואָס דערלויבט זיך אויסלאַכן פֿריער פֿאַר אַלץ דעם, וועמען עס גייט גוט.

---

*) וועגן דעם כאַראַקטער פֿון דער פּיעסע „דער פּאָדריאַדטשיק“ זייַנען פֿאַראַן זייער ווייניק ידיעות. דעריבער לוינט צו ברענגען דאָס, וואָס עס דערציילט אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון אַן אָדעסער צייטונג וועגן דער אויפֿירונג פֿון דערדאָזיקער פּיעסע אין אָדעס דעם 30-טן יאַנואַר 1880 יאָר, ווען די פּיעסע האָט שוין פֿיגורירט אונטערן נאָמען „דער אָנדענק פֿון פּלעוונע“: „צוערשט האָבן זיך געהאַט פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די קאָמעדיע וועט שילדערן דעם שווינדל פֿון די פּאָדריאַדטשיקעס, אַגענטן און אַנדערע געשעפֿט-מאַכער פֿון דער מילכאָמע-צייט. אָבער שפּעטער האָט מען די קאָמעדיע אַף אַ גראָבן אופֿן איבערגעמאַכט, קעדיי ניט צו פֿאַרשאַפֿן קיין אומאַנגענעמקייט די היגע פּאָדריאַדטשיקעס. דער גאַנצער זינלאָזער אינהאַלט פֿון דער קאָמעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס אַן אָרעמער פּוילישער ייִד האָט גענומען מיט זיך אַ לאָפּאַטע מיט אַ זאַק, קעדיי צושאַרן געלט. דערפֿון וואָס ער פֿלעגט פֿאַרקויפֿן פּראָוויזיע פֿון אַ האַנט-וועגעלע איז ער רייך געוואָרן און לאָזט זיך גיין דערפֿאַר מיטן ווייב אין קאַפֿע-שאַנטאַן אַריין. עס ווערט אויך באַוויזן, ווי דאָס מיליטער גייט איבער איבערן דונאַי און ווי אָסמאַן פּאַשאַ גיט זיך אונטער“ 50).

גאָלדפֿאַדנס טעאַטער, וואָס האָט שפּעטער באַקומען אַ שעם פֿון אַן אָפּלאַכערישן טעאַטער, האָט שוין בײַ די ערשטע טריט זײַנע באַוויזן אָפּצולאַכן ניט נאָר פֿון כאָסידל און טאַמעוואַטן קלויזניק, נאָר אויך פֿון דעם ייִדישן באַלעבעסל אין געשטאַלט פֿונם פּאָדראַדטשיק.

מע קאָן זאָגן, אַז דאָס יאָר פֿון דער רוסיש=טערקישער מילכאָמע האָט געבראַכט גאָלדפֿאַדענען צו דעם ציל פֿון זײַן טעאַטער=בויונג. ער האָט שוין איצט געהאַט אַ רעפּערטואַר, אַקטיאָרן און אַ פּובליקום.

מיט פֿיל יאָרן שפּעטער, שוין אויף דער עלטער, האָט גאָלדפֿאַדן באַקומען אַ טעווע צו ריידן וועגן דעם רומעניִשן פּעריאָד מיט ביטל, ער פֿלעגט פֿון מאָל צו מאָל געבן אָנצוהערן, אַז סײַ דער רעפּערטואַר, סײַ דער אופֿן שפּילן, וואָס ער האָט איינגעפֿירט אין בוקאַרעסט, האָבן ניט געשטימט מיט זײַן אייגענעם ווילן. ער האָט קליימערישט דאָ נאָכגעגעבן אי דעם פֿאַרגרעבטן אַקטיאָר אי דעם פֿאַרגרעבטן טעאַטער=באַזוכער. עס איז שווער צו גלייבן, אַז דאָס איז אינדערעמעסן געווען אַזוי. פֿאַרקערט, עס זעט זיך, אַז אין בוקאַרעסט האָט זיך איינגעשטעלט אַ געוויסע האַרמאָניע צווישן גאָלדפֿאַדנס דעמאָלטיקער טעאַטראַלער און ליטעראַרישער יעכוילעס מיט די באַדערפֿענישן פֿון דעם פּובליקום און אַקטיאָר. גאָלדפֿאַדן איז עפּשער שוין צו יענער צײַט געווען אַ מייוון אויף בעסערס אין טעאַטער. עס קאָן זײַן, ער האָט אַפֿילע עפּעס בעסערס געוואָלט געבן, אָבער קוידעם דורכצופֿירן אַן אַלגעמיינע פֿאַרבעסערונג אין זײַן טעאַטער, זײַנען זײַנע דעמאָלטיקע קויכעס געווען צו שוואַך.

דער מאַטעריעלער דערפֿאָלג פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע אין יענער צײַט האָט געבראַכט דערצו, אַז עס זײַנען אויפֿגעקומען אַנדערע ייִדישע טרופּעס אין בוקאַרעסט.

גאָלדפֿאַדענען קומט אויס צו באַגעגענען זיך מיט קאָנקורענטן. דער ערשטער קאָנקורענט איז געווען י. גראָדנער, וועלכער האָט נאָך אין די ערשטע כאַדאָשים פֿון דער טעאַטער=עקזיסטענץ אָפּגעטיילט זיך פֿון גאָלדפֿאַדענען און געגרינדעט אַן אייגענע טרופּע. שפּעטער האָט גראָדנער צו זיך איבערגענומען מאַרגולעסקען.

גראָדנערס טרופּע, וואָס האָט די ערשטע צײַט געליטן פֿון מאַנגל אין רעפּערטואַר, האָט שפּעטער זיך אויך באַזאָרגט מיט אַ „דראַמאַטורג“. דערדאָזיקער „דראַמאַטורג“ איז געווען י. לאַטיינער. אויסער דעם האָט זיך אין בוקאַרעסט געגרינדעט אַ ייִדישע טרופּע בעראָש מיט מ. גורעוויטש, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס דראַמע=מאַכער אין אַמעריקע און האָט דאָרטן געפֿירט מיט גאָלדפֿאַדענען אַ קאַמף פֿאַר דער העגעמאָניע אין דעם אַמעריקאַנער ייִדישן טעאַטער. אָבער די רעפּוטאַציע פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטער אין בוקאַרעסט איז שוין געווען אַזוי פֿעסט, אַז קיין קאָנקורענט האָט קעגן אים ניט געקאָנט בײַשטיין.

דער דערפֿאָלג פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטער אין רומעניע איז געווען אַזוי גרויס, אַז באַלד נאָך דעם, ווי דער טעאַטער איז געגרינדעט געוואָרן, איז אַרויס, אונטערן נאָמען „בומת ישחק“ פֿון ג. אַבראַמסקי, אַ ביכל געווידמעט גאָלדפֿאַדנס טעאַטער.

דאָס ביכל גופא „במת ישחק“ איז אונדז ניט אויסגעקומען צו זען. אַן עקזעמפּליאַר פון דעמדאָזיקן ביכל געפינט זיך בײַ נ. פּרילוצקי. אָבער די ציטאַטן, וועלכע פּרילוצקי גיט אין דער וואַרשעווער „ביכער־וועלט“, דערציילן וועגן דער באַגייסטערונג, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום גאָלדפאַדנס טעאַטער אין רומעניע.

מיר ברענגען דאָ אַן אויסצוג פון דער האַקדאָמע צו „במת ישחק“, וועלכע גיט אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס פאַר אַ היספּאַילעס עס האָט אַרויסגערופן די עקזיסטענץ פון אַ ייִדישן טעאַטער.

ג. אבראַמסקי שרײַבט:

„טייערע ייִדישע קינדער
הערט צו אַ וואונדער,
וואָס איך האָב אַליין געזען,
אַז בין אין בוקאַרעסט געווען.
אַ טעאַטער אַ ייִדיש
גאָר אַ כּיִדעיש,
מען שפּילט שטיקלעך
גאָר אַנטיקלעך
פון ה. נ. פ. אַליין
פערפאַסט זייער שיין
דעם אינהאַלט וועל איך דערציילן
איך וועל אײַך גאָר ניט פאַרהוילען“... 51)

און ג. אבראַמסקי פאַרהוילט גאָרניט. ער קריטיקירט, ער ווײַזט אָן אויף די גוטע און שלעכטע מאָמענטן אין שפּילן, אויף די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זײַטן פון די פּיעסן, אָבער ניט געקוקט אויף דעם, שוועבט דאָך איבער די ציטאַטעס, וואָס נ. פּרילוצקי גיט פון דעמדאָזיקן ביכל, אַ רעספּעקט פאַר גאָלדפאַדן דעם שעפער פון טעאַטער און פאַרן טעאַטער גופא *).

---

*) אויף צו דערקלערן, ווער איז געווען ג. אַבראַמסקי. קאָן דינען אַ קאָרעספּאָנדענץ פון זעלבן מעכאַבער געדרוקט אין „קול מבשר“ פון 1869 (נומ. 39). די קאָרעספּאָנדענץ הייסט: סימכאַס־טוירע (דורכפאָרנדיק, דאָס שטעטל נ., וואָס שטייט אויף דעם דנעפּר).

.VII

די מילכאָמע צווישן רוסלאַנד און טערקיי איז שוין געווען פֿאַרענדיקט. אין אָדעסער צײַטונגען האָבן זיך שוין באַוויזן יעדיעס, אַז די גרעסטע פֿירמעס פֿון די אַרמיי־אינטענדאַנטן קערן זיך אום קיין אָדעס. די קלענערע פּאָדראַדטשיקעס זײַנע מיסטאָמע נאָך פֿריער אַוועק פֿון בוקאַרעסט. מוז דאָך אויך דער ייִדישער טעאַטער באַשטימען, צי וועט רומעניע פֿאַרבלײַבן זײַן שטענדיקער פּלאַץ, אָדער ער וועט זוכן פֿאַר זיך נײַע מעקוימעס. עס גייט אַוועק אַ קורצע צײַט און דער ייִדישער טעאַ־טער פֿון רומעניע נעמט זיך זוכן אַ וועג קיין רוסלאַנד.

דעם 20־טן אויגוסט פֿון יאָר 1878 באַווײַזט זיך אין אַן אָדעסער צײַטונג פֿאָלגנדיקע נאָטיץ:

„מיר דערוויסן זיך, אַז די טעג איז אין אָדעס אָנגעקומען פֿון בוקאַרעסט דער באַרימטער צווישן די אָרטיקע ייִדן ייִסראָעל ראָזנבערג, אַ ייִדישער אַקטיאָר, אַ קאָמיקער, וואָס שילדערט גאַנץ טרעפֿלעך די לעכערלעכע זײַטן פֿון די פֿאַרביסענע פֿאַנאַטיקער. ראָזנבערג, דערציילט מען, האָט געהאַט אַ באַדײַטנדיקן דערפֿאָלג אַף דער סצענע אין בוקאַרעסטער ייִדישן דראַמאַטישן טעאַטער. צי האָט ראָזנבערג בעדייע צו געבן אין אָדעס פֿאָרשטעלונגען איז אונדז ניט באַקאַנט, אָבער מיר צווייפֿלען ניט, אַז זײַנע פֿאָרשטעלונגען וואָלטן האָבן דערפֿאָלג שוין דערפֿאַר אַליין, ווײַל דאָס וואָלט זײַן דער ערשטער פֿאַל פֿון אַ פֿאָרשטעלונג אַף ייִדיש אין אָדעס“ (52.

דער פֿאָרזיכטיקער טאָן פֿון דערדאָזיקער נאָטיץ איז ניט געווען קיין צופֿאַל דאָסמאָל. שפּעטער האָט מען שוין וועגן דעם ייִדישן טעאַטער געשריבן ווייניקער דיפּלאָ־מאַטיש און מיט מער קלאָרע באַציִונגען צו אים, אָבער טכֿילעס, ווען עס קומען אָן די ערשטע ייִדישע אַקטיאָרן אין אָדעס, באַקומען זיי אַ גאַנץ באַשיידענעם אויפֿנעם. עס איז קאָנטיק, אַז די ערשטע שוועריקייטן האָט ראָזנבערג באַגעגנט מיצאַד דער צענזור. מיט צוויי וואָכן שפּעטער נאָך דער ערשטער מעלדונג וועגן ראָזנבערגס קומען, באַווײַזט זיך אין דערזעלביקער צײַטונג אַ צווייטע נאָטיץ, אין וועלכער עס ווערט דערציילט, אַז ראָזנבערג האָט געהאַט בעדייע צו פֿאָרשטעלן דעם 26־טן אוי־גוסט „די שטומע קאַלע“, אָדער „דעם פֿאַנאַטיזם פֿון די ייִדן“. צוליב דעם צוועק האָט ער שוין איינגעלאַדן אַקטיאָרן און אַקטריסעס. ער האָט שוין צוגעגרייט אַלץ, וואָס עס איז נויטיק, אָבער ער האָט באַגעגנט אַ מעניע מיצאַד דער פּאָליציי. „עס

וואָלט געווען געוווּנטשן, — שרײַבט די צײַטונג — מע זאָל דיזאָזיקע מעניע באַזײַטיקן, און עס זאָל באַפרידיקט ווערן דער פאָרלאַנג פון די אָדעסער ייִדן צו זען אַ טאַלאַנטפולע אָפּלאַכונג פון די פאַרעלטערטע פעלערן פון זייער ראַסע" 53).

אין די געבראַכטע צוויי נאָטיצן ווערט נאָך גאָלדפאַדנס נאָמען ניט דערמאָנט, און עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דאָס אָפּלאַכן פון דעם פאַנאַטיזם ווערט פון די ערשטע מריט פון ייִדישן טעאַטער אין רוסלאַנד אַרויסגעשטעלט, ווי אַ מאָטיוו צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו שפּילן.

סאָפּאָקאָלסאָף האָט ראָזנבערג די דערלויבעניש באַקומען. די ערשטע שוועריקייט איז געווען באַזײַטיקט. אָבער ראָזנבערג האָט בעשום־אופן ניט געקאָנט גרייווער זײַן די גרעסערע שוועריקייט: ער האָט זיך ניט געקאָנט אָריענטירן אין דער נײַער סוויווע אין אָדעס.

ווי עס ווערט איבערגעגעבן, זײַנען די ערשטע ייִדישע פאָרשטעלונגען אין אָדעס דורכגעפירט געוואָרן באַדייטנדיק ערגער, ווי דאָס האָט שוין אין דערוועלבער צײַט געקענט באַווײַזן א. גאָלדפאַדן *).

ראָזנבערגס טרופּע האָט זיך ניט געקענט דערהייבן העכער פון אַ באַלאַגאַן און די ייִדישע פאָרשטעלונגען האָבן קיין דערפאָלג ניט געהאַט. דאָס האָט געדויערט אַ היפּשע צײַט ביז עס איז אָנהויב יאָר 1879 געקומען קיין אָדעס גאָלדפאַדן.

דער ערשטער קאָבאַלעס־פּאָנים, וואָס גאָלדפאַדן באַקומט, איז אַ גאַנץ באַשיידענער. אין „אָדעסקי וועסטניק" פון אַפּריל־חודש 1879 לייענען מיר: „שאַבעס דעם 7־טן אַפּריל האָט אָנגעהויבן צו געבן אירע פאָרשטעלונגען די בוקאַרעסטער ייִדישער טרופּע, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דעם „באַרימטן פאָלק־דיכטער" (אַזאַ טיטל גיט זיך ה. גאָלדפאַדן לעבאָלאַפּאָבעס אַף דער אַפישע). עס איז פאָרגעשטעלט געוואָרן די פינף אַקטיקע אָפּערעטע „די קישעף מאַכערין" 54).

ווי מיר זעען איז די באַציִונג צו גאָלדפאַדענען נאָך אַ גאַנץ איראָנישע. ערשט אין אַ קאָרגן חודש אַרום אנטשליסט זיך די צײַטונג אַרויסצוזאָגן איר מיינונג וועגן גאָלדפאַדענען. עס איז אינטערעסאַנט צו ברענגען די ערשטע רעצענזיע וועגן דעם ייִדישן טעאַטער אין אָדעס, נאָך גאָלדפאַדנס קומען:

אין „אָדעסקי וועסטניק" זײַנען ביז אַהער געווען אָפּגעדרוקט אייניקע נאָטיצן וועגן די ייִדישע פאָרשטעלונגען און עס איז באַ אונדז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ מיינונג, אַז די פאָרשטעלונגען זײַנען שעדלעך און זין פון אָפּזונדערן די ייִדן דורך דעם, וואָס עס ווערט באַרעכטיקט דער זשאַרגאָן. דאָס אַליין האָט מען ווירקלעך געקאָנט זאָגן וועגן יענע פאָרשטעלונגען, וואָס פלעגן געגעבן ווערן פאַר דעם אָנקום פון ה. גאָלדפאַדן. אין דיזאָזיקע פאָרשטעלונגען איז גאָרניט געווען ייִדישעס חוץ דעם זשאַרגאָן, אַזוי אַז קומענדיק מאַכמעס נייגעריקייט אַף איינעם פון די ספּעקטאַקלען האָב איך געמוזט פאַרלאָזן דעם

---

*) מונדלעכע מיטיילונג פון אַן אַלטן אָדעסער טוישעוו, פאַרוואַלטער פון ארכיוו־אָפּטיילונג אין אָדעסער עפנטלעכער ביבליאָטעק—י. דעריבאַס.

טעאטער נאך דעם ערשטן אקט. נעכטן זײנען מיר געװען אין ידישן טעאטער, מיר האבן געזען די פיעסע „ני בע ני מע ני קוקאריעקו“, װעלכע האט איבער־געשטיגן אלע אונדזערע דערװארטונגען“.

װײטער גיט דער רעצענזענט גענױ איבער דעם אינהאלט פון דער פיעסע און באמיט זיך צו דערװײזן, אז דער דערפאלג פון ספעקטאקל האט צו פארדאנקען ניט נאר דער גוטער ארטיסטישער אויספירונג (באזונדערס ציכנט זיך אויס דער ארטיסט פינקעל) נאר דערהויפט דער אפלאכערישער טענדענץ פון דער פיעסע 55).

אין עטלעכע טעג ארום קומט א צװײטע רעצענזיע פון דערזעלבער צײטונג, װו דער רעצענזענט שרײבט:

„די ידישע געזעלשאפט באצײט זיך מיט מיטגעפיל צום ידישן טעאטער, װו עס װערן אזױ לעבעדיק און קינסטלעריש געשטראפט די ידישע כעס־רוינעס און דער פאנאטיזם. דאס פובליקום פילט אלע מאל אין דעם טעאטער און טראגט אװעק אנגענעמע אײנדרוקן. און בעטעמעס װאס קאן זײן נוצלע־כער פאר דעם ידישן פאלק, איידער אזא טעאטער, װעלכער שילדערט ריכ־טיק דאס ידישע פאלקס־לעבן, פארשפרײט אין דעם פאלק דעם באגריף װעגן דער שעדלעכקײט פון פאנאטיזם און אנטװיקלט אין אים נוצלעכע אידײען װעגן די באדערפענישן פון ידישן לעבן. אט לאמיר, אשטײגער, א קוק טאן אף דעם אינהאלט פון דער קאמעדיע „די רעקרוטן“, װאס איז אויסגעפירט געװארן דעם 3־טן מאי“.

דער רעצענזענט גיט איבער דעם אינהאלט פון דער פיעסע, װײזט אן, אז זי איז געװען אויסגעפירט ארטיסטיש, אזױ, אז דער עולם האט אפלאדירט און ארויסגערופן די אקטיארן (באזונדערס ציכנט זיך אויס דער ארטיסט ספיװאקאװסקי) און די רעצענזיע לאזט זיך אויס דערמיט, אז „עס װערט געװונטשן גאלדפאדענען ערפאלג אין זײן שטרעבן צו אנטװיקלען טאלאנטן און סצענישע קונסט אין ידישן טעאטער“ 56).

דער דערפאלג פון גאלדפאדנס טרופע װערט באשטעטיקט ניט נאר מיט דידאזיקע צװײ נאטיצן. אין עטלעכע טעג ארום, דעם 6־טן מאי, װערט געשפילט „די שטומע כאלע“, אײנע פון די ערשטע פיעסן גאלדפאדנס. די רעצענזיע װעגן דערדאזיקער פארשטעלונג ענדיקט זיך װידער מיט אן אויסרוף: „געריכט און גע־ליבט זאל װערן ה. גאלדפאדן פאר דעם אפענעם, אומגעשראקענעם קאמף מיט פאנאטיזם פון ידישן פאלק“ 57).

אזא אפשאצונג פון גאלדפאדנס טעטיקײט הערט זיך אויך אין אנדערע אדע־סער צײטונגען פון יענער צײט. אין „נאװאראסיסקי טעלעגראף“ (?) „װעדאמאסטי אדעסקאװא גראדאנאטשאלסטװא“ מעלדעט מען אזױ װעגן דעם בעניפיס פון גאלדפאדענען, װעלכער גיט אפ זײן גאנצע האכנאסע לטובת די ניסראפים פון דער שטאט ארענבורג: „מיר דריקן אויס — שרײבט די צײטונג — אונדזער פולער זיכערקײט, אז די ידישע געזעל־שאפט װעט זיך באציען מיט מיטגעפיל צו דעמדאזיקן ספעקטאקל. דורך דעם װעט

זי באַוויזן אירע סימפּאַטיע, ערשטנס—צו איר געליבטן פֿאָלק־דיכטער און שעפֿער פֿון יידישן טעאַטער און צווייטנס—צו די טויזנטער געליטענע פֿאַמיליעס אין אָרענבורג״ 58).

דער דערפֿאָלג, וואָס גאָלדפֿאַדן האָט אין יענער צײַט, גיט אים די מעגלעכקײַט צו איבערגיין פֿון האַנטווערקער־קלוב, אין וועלכן ער האָט פֿריער געשפּילט, אין מאַריען־טעאַטער.

דעם 12־טן מאַי קומט פֿאָר די ערשטע פֿאָרשטעלונג אין מאַריען־טעאַטער. די צײַטונגען מעלדן נאָך דעם, אַז די ספּעקטאַקלען ציִען צו גרויסע מאַסן פֿון פּובליקום. גאָלדפֿאַדן האָט אין אָדעס דערגרייכט גאָר גיך דעם העכסטן פּונקט פֿון דערפֿאָלג. זײַן נאָמען איז באַרימט, זײַן טעאַטער איז אַנערקענט געוואָרן און די צוקונפֿט פֿון דעם טעאַטער הויבט זיך אָן אויסצומאָלן אין ליכטיקע פֿאַרבן.

מיצד דער צענזור און דער מאַכט בכלל באַגעגנט גאָלדפֿאַדן געוויסן שטערונגען, אָבער עס גיט זיך אים איין צו באַזײַטיקן זיי. אין אייניקע כאַדאָשים נאָך דעם, ווי דער טעאַטער האָט שוין געוויכערט זײַן דערפֿאָלג אין אָדעס, האָט זיך פּלוצלינג די דראַמאַטישע צענזור אין פּעטערבורג אַרומגעזען, אַז גאָלדפֿאַדנס פּיעסן זײַנען ניט באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער הויפּט־צענזור־פֿאַרוואַלטונג. זיי פֿלעגן בלויז דורכגעקוקט ווערן דורך דעם אָדעסער יידישן צענזאָר. די פֿאָרשטעלונגען זײַנען פֿאַרבאָטן געוואָרן, אָבער פֿאַר גאָלדפֿאַדענען האָט דערדאָזיקער פֿאַרבאָט געהאַט אַ פֿאַרקערטן רעזולטאַט, ווײַל בעאַיִם דער דעמאָלטיקער הישטאַדלעס זײַנער, צוליב וועלכער ער איז געפֿאָרן קיין פּעטערבורג, האָט ער באַקומען אַ דערלויבעניש צו געבן פֿאָרשטעלונגען ניט נאָר אין אָדעס, נאָר איבער גאַנץ רוסלאַנד 59).

וועגן דעם אַרט שפּילן און וועגן דער טעאַטער־סוויווע אין דעם אָדעסער פּעריאָד פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטער, איז אין די פֿאַראַנענע מאַטעריאַלן קיין סאַך אָנווײַזונגען ניטאָ. דאָס ראָוו אָדעסער רעצענזענטן, וואָס האָבן דעם פֿאַרדינסט פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטער געזען אין די טענדענצן פֿונם רעפּערטואַר, האָבן זיך ווייניק אָפּגעשטעלט אַף דער שפּיל גופֿא. מיר האָבן אויך ניט קיין יעדיעס, אין וואָס עס איז, אייגנטלעך, דעמאָלט באַשטאַנען גאָלדפֿאַדנס טעטיקײַט אַלס רעזשיסאָר, אַלס אָנפֿירער פֿון דעם אַקטיאָרישן קאָלעקטיוו, וואָס האָט די גאַנצע צײַט אין אָדעס ניט אויפֿגעהערט זיך צו באַרײַכערן מיט נײַע קויכעס. מיר ווייסן ניט, ווי אַזוי עס איז פֿאָרגעקומען דער איבערגאַנג פֿון דעם קליינעם האַנטווערקער־קלוב אין דעם גרויסן מאַריען־טעאַטער. צי האָט די צופּאַסונג צו דער נײַער בינע ניט אַרויסגערופֿן אויך אַ געוויסע פֿאַראַנדערונג אין דער שפּיל פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע, כאָטש דער רעפּערטואַר איז פֿאַרבליבן דערזעלביקער אויך אין מאַריען־טעאַטער.

בײַ דעם מאַנגל אין יעדיעס באַקומט אַ געוויסן ווערט אויך אַזאַ, אין פֿלוג ווייניק באַדײַטנדיקע שילדערונג, ווי די, וועלכע עס האָט געגעבן נ. מ. שייקעוויטש (שאָמער).

אין אַ פּעריאָדישן בלעטל אונטערן נאָמען „בילדער פֿון לעבן״, וועלכן שייקעוויטש האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1883 אין אָדעס, פֿירט דער אַרויסגעבער אַ פּעריע בריוו „צו מײַנע שטאָט־לײַט״, וואָס גייען פֿון כוידעש צו כוידעש. אין איינעם

פֿון זײַנע בריװ, דערצײלנדיק װעגן פֿאַרשײדענע מערקװירדיקײטן פֿון דעם „װיסטן אָרעם“, קומט שאַמער אַרױף אַף דער טעמע װעגן ייִדישן טעאַטער און גיט אַ גאַנץ ברײטלעכע שילדערונג פֿון דער פֿאָרשטעלונג „שמענדריק“ אין מאַריען-טעאַטער.

פֿון דעם בריװ צו „די שטאָט-לײַט“ דערװיסן מיר זיך, אַז דער ייִדישער טעאַטער אין אָדעס האָט געהאַט גענוג מיטלען אַף צו רעקלאַמירן זיך. אַף זײַנע אַפֿישעס פֿלעגט „מיט גרױסע געקסיװעטע אױסיעס“ געשריבן װערן דער ייִדישער נאָמען פֿון דער פּיעסע, אַף דער אַפֿישע שטױסט מען זיך אָן באַלד, אַרױסגײענדיק פֿון שול „און אַכאַך ייִדן און ייִדענעס שטײען לעבן דער װאַנט, װאָס אַנטקעגן שול“, און לײענען די אַפֿישן.

שאָמער, װאָס פֿאַרשטעלט זיך אין דעם בריװ פֿאַר אַ ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר, פּרוּװט אױך איבערגעבן די געפֿילן, װאָס האָט געדאַרפֿט איבערלעבן אַזאַ פּאָשעטער ייִד, אָנקומענדיק אין מאַריען-טעאַטער.

דערװיסנדיק זיך, אַז מע דאַרף צאָלן פֿאַר בילעטן — דערצײלט שאמער — האָט ער געװאָלט אַװעקגײן „נאָר, אַז איך האָב דערזען, װי דער אױלעם שפּאַרט זיך אַזױ, װי צו אַ קדושע און אַסאַך אַזעלכע קלױזניקעס, װי איך, צאָלן געלט פֿאַר די פּאַלעטן (בילעטן הײסט דאָס), האָב איך ניט געקאָנט בעשום אױפֿן אַװעקגײן“. ער האָט געקױפֿט אַ בילעט פֿאַר 2 גילדן און געװאָלט אַרײַנגײן אין טעאַטער „װוּהין אַלע זײַנען געגאַנגען, נאָר בײַ דער טיר איז געשטאַנען אַ מענטש אָנגעטאָן אין אַ היטל מיט זילבערנע פּאַסן“. ער זאָגט אים, אַז דאָ איז ניט די גאַלערײַ, װוּהין ער דאַרף אָנקומען, און הײסט אים קריכן „אַף אַ בײדעם“ 60). געקומען אַהין, הײסט מען אים פֿאַרנעמען זײַן אָרט, עס געדױערט אַ קורצע צײַט און דער פֿאָרהאַנג הױבט זיך אױף.

„איך האָב געזען — דערצײלט שאָמער — קעסײדער װענט, געפּלאַסטערט פֿון אױבן ביז אַראָפּ מיט מענטשן, און אַלע האָבן געקוקט אַנטקעגן אַף אַ פֿאָרהאַנג, אַף װעלכן עס זײַנען געװען אױסגעמאָלט מאַלאָכים מיט פֿליגלען. לעבן דעם פֿאָרהאַנג זײַנען געזעסן קלעזמער און האָבן געשפּילט“. עס הױבט זיך אױף דער פֿאָרהאַנג און די פֿאָרשטעלונג פֿון „שמענדריק“ הױבט זיך אָן. „איך האָב געזען אַ גרױסע שטוב, דאָרטן זײַנען געזעסן צװײ מענטשן: אַ ייִד אַ פּאָשעטער, טאַקע אַזאַ ייִד, װי איר און אַזױ װי איך. ער איז אַביסל געראָטן אין אונדזער שױכעט זאָל לעבן. אַנטקעגן אים איז געזעסן אַ ייִדינע דאַפֿקע אַן ערלעכע מיט אַ פּאַריק און אָנגעטאָן ייִדעשלעך. דער ייִד האָט געבעך גערעדט פֿון האַרצן און ער איז געדעכט געװען“ 61).

װײַטער דערצײלט שאָמער דעם סיזשעט פֿון „שמענדריק“ און מע זעט, װי אָט דער ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר, פֿאַר װעלכן שאָמער פֿאַרשטעלט זיך אין זײַן פֿעליעטאָן, װערט צוגעצױגן דורך דער רעאַליסטישער שפּיל, דורך דער האַנדלונג, װאָס איז נאָענט און באַקאַנט אים, דעם ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר, און אױך דורך די געשטאַלטן, װעלכע ער זעט „פּאָשעטע טאַקע אַזאַ ייִד, אַזױ װי איר און אַזױ װי איך“.

עס פֿאַרשטײט זיך, אַז אַזאַ אַרט צושױער, װי דער ייִד, װעלכן עס שילדערט שאָמער, האָט מיטגעבראַכט אין טעאַטער זײַן אײגענעם „געשמאַק“. אױב אין דעם

„וויסטן אָדעס“ איז דער קאָנטראַל פֿון דער רעליגיעזער טראַדיציע, פֿון די קלייקויי-דעש, ניט געווען אַזוי שטאַרק, איז אָבער דער טעאַטער געווען אונטערן דרוק פֿון דעם באַלעבאַטישן געשמאַק, וואָס איז געווען איבערגעפֿלאָכטן מיט פֿאַרגרעבט-קייט און אומקולטורעלקייט, און דאָס דאַרף מען געוויס נעמען אין אַכט, ריידנדיק וועגן גאָלדפֿאַדנס טעאַטער אין אָדעס.

דאָ, אין אָדעס, האָט גאָלדפֿאַדנס טעאַטער געוויס געהאַט אַ שטענדיקן עולם באַזוכער, וואָס האָט זיך פֿאַרבונדן מיט דעם טעאַטער, אַזאַ, ווי ער איז, נאָך ניט פֿאָדערנדיק און נאָר ניט דיקטירנדיק אים.

דער אָדעסער עולם האָט געהאַט אַ שעם פֿון אַ פֿריילעכן עולם.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אַן אָדעסער קאָרעספּאָנדענט אין „ידישעס פֿאָלקס-בלאַט“ פֿון די 80-ער יאָרן האַלט פֿאַר נויטיק דאָס אונטערצושטרייכן.

„די ידישע מאַסע אונדזערע — שרייבט דער קאָרעספּאָנדענט — באַשטייט פֿון אַלערהאַנד-באַלמעלאָכעס, פֿון קליינע פֿאַרשיידענע סאָכרים, פֿון קליינע מעקלער און פֿון סבֿיר-יאָמס, וועלכע אַרבעטן אַף דעם האַפֿן באַ די קוילן, אַף די טווע-שיפֿן און די ווייצן-מאַגאַזינען.

די מייסטע מעלאָכעס, מיט וועלכע אָדעסער ידן פֿאַרנעמען זיך, זיינען געוויינטלעך שוסטעריי און שניידעריי און פֿון די איבעריקע פֿאַרנאָסעס פֿאַרנעמען זיך די היגע געבוירענע ידן מייסטנס דערמיט, וואָס זיי זיינען טאָגלוינער און איזוואָשטשיקעס. יאָ, די אָדעסער ידן גיבן זיך מער אָפּ מיט פֿיזישער אַרבעט אַלס מיט לופֿטיקע געשעפֿטן. שווער און ביטער קומט זיי אָן דער פֿאַרהאָרעוועטער רובל, אָבער זייער גיך ווערט ער באַ זיי פֿאַרשוווּנדן, ווייל בעטעווע איז דער אָדעסער יד ניט קאַרג“ 62).

פֿון דערהאָזיקער פֿאַרשיידנאַרטיקער אָדעסער סוויווע האָט געשטאַמט דער באַזוכער פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטער. מע דאַרף נאָך צוגעבן, אַז דאָ איז אויך געווען ברייט פֿאָרגעשטעלט די אָדעסער ידישע אונטערוועלט, וועלכע האָט זיך אַליין גאַנץ אָפֿט געקאָנט דערקענען אין גאָלדפֿאַדנס העלדן, די קאַבצנזאָנס און הונגערמאַנס מיט זייערע שנאָרערישע האָוואַיעס.

וועגן ערשטן קאָנפֿליקט אין גאָלדפֿאַדנס טרופּע דערוויסן מיר זיך נאָך פֿרי, קימאַט גלייך נאָך גאָלדפֿאַדנס אָנקומען קיין אָדעס.

דעם 26-טן מאַי פֿון יאָר 1879 איז געווען אָפּגעדרוקט אין עטלעכע אָדעסער ציישטונגען אַ נאָטיץ, אין וועלכער די אַרטיסטן ספּיוואַקאָווסקי, טייך, פֿינקעל און שפּייזער האָבן געמאָלדן, אַז זיי נעמען מער ניט קיין אָנטייל אין גאָלדפֿאַדנס טרופּע 63). אַפּאָניס, אַזעלכע קאָנפֿליקטן פֿלעגן פֿאָרקומען ניט זעלטן, אָבער קיין גרויסע פֿאָלגן האָבן זיי ניט געהאַט. גאָלדפֿאַדנס טרופּע האָט שוין געהאַט אַ פֿעסטן קערן, וואָס פֿלעגט ניט צופֿאַלן ווערן אויך דעמאָלט, ווען איינציקע אַקטיאָרן, אַפֿילע פֿון די בעסערע, פֿלעגן פֿאַרלאָזן די טרופּע.

דער קאָנטיגענט פֿון די אַקטיאָרן פֿלעגט זיך שאַפֿן פֿון איין זײַט דורך דער שטענדיקער פֿאַרבינדונג מיט רומעניע *). פֿון דער צווייטער זײַט, האָט גאָלדפֿאַדנס טרופּע באַקומען אַ שטענדיקן צופֿלוס פֿון אַקטיאָרישע קרעפֿטן פֿון דער פּראָווינץ, ווו עס איז שוין צו דער צײַט אַרויסגעפֿאָרן גאָלדפֿאַדנס ברודער נ. גאָלדפֿאַדן.

גאָלדפֿאַדנס טרופּע אין אָדעס ציט צו זיך צו מענטשן פֿון גאַנץ רוסלאַנד, מענטשן, וואָס פֿילן דעם מינדסטן צובונד צום טעאַטער.

אין פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פֿון דאָרעם־רוסלאַנד, ווו מע האָט מיט אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר צוריק געזונגען גאָלדפֿאַדנס יונגעלעכע לידער, ווו דער נאָמען גאָלדפֿאַדן האָט שוין געקלונגען באַקאַנט און באַליבט, האָט מען איצט, מיט נײַגעריקײַט און מיט צוטרוי צום נאָמען גאָלדפֿאַדן, אױפֿגענומען די ידיעה וועגן דעם, אַז ער האָט געגרינדעט אַ ייִדישן טעאַטער. ווער עס האָט געהאַט אַ פֿונק פֿון טעאַטער־ליבע אין האַרצן, האָט שוין אַפֿילע ניט געוואָלט וואַרטן ביז גאָלדפֿאַדנס ברודער וועט ברענגען אין דער פּראָווינץ מיט זיך דעם אָפּגלאַנץ פֿון אָדעסער טעאַטער.

די ליבע צום טעאַטער פֿלעגט ברענגען קיין אָדעס ניט נאָר יענע, ווער עס האָט זיך געגרייט אָפּצוגעבן זײַן לעבן דער בינע, — אויך אַ שטעטלשער באַרבֿן פֿלעגט בײַ גאָלדפֿאַדענען אין אָדעס אָפּלעגן עפּעס פֿאַר זײַן באַרבֿאָנישן שטייגער און אומקערן זיך דערמיט צו זיך אין שטעטל אַרײַן. אַזוי דערוויסן מיר זיך פֿון דער ביאָגראַפֿיע פֿון אַ באַוווּסטן באַרבֿן פֿון באַסלאַוו, מוישע מאַראַבֿאָווסקי. אַ מענטש מיט באַשטימטע טעאַטראַלע פֿעיִקײַטן, אַז איינמאָל האָט ער פֿון זײַנע וואַנדערונגען זיך אומגעקערט אין באָסלאַוו מיט אַלערליי בערד מיט פּייעס און פֿלעגט פּראָווען טעאַטער: „דעם אַלטן טאַטן“ „די ביידע קונעלעמלעך“. „ער איז די צײַט געווען אין אָדעס, אַזוי האָט ער דערציילט, און איז געווען בײַ גאָלדפֿאַדענען אין טעאַטער“ 66).

אַזעלכע פֿאַרבינדונגען מיט די פֿאַרשיידנסטע עקן פֿון רוסלאַנד האָבן געשאַפֿן דאָרטן אַ גינסטיקן באָדן פֿאַר גאָלדפֿאַדנס טרופּע. דעמאָלט האָבן אױסצונוצן דעם באָדן האָט גאָלדפֿאַדן באַשלאָסן נאָך נאָר פֿרי, אין יאָר 1879. נאָך דעמאָלט האָט גאָלדפֿאַדן אויסגעטיילט אַ טייל פֿון זײַן טרופּע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון זײַן ברודער נ. גאָלדפֿאַדן, וועלכער האָט געזאָלט באַזוכן אייניקע שטעט ניט ווייט פֿון אָדעס.

דער ערשטער אַרויספֿאָר פֿון דערדאָזיקער וואַנדער־טרופּע האָט, אַפּאַגים, קיין גרויסן דערפֿאָלג ניט געבראַכט, אַזוי, אַשטייגער, לייענען מיר אין אַן אָדעסער צײַטונג „פּראַוודאַ“ וועגן דעם דורכפֿאַל פֿון גאָלדפֿאַדנס ברודער אין קעשענעוו 67). די זעלבע צײַטונג שרײַבט אין אַנדערהאַלבן כאָדאָשים אַרום, אַז די וואַנדער־טרופּע

*) אַזוי, אַשטייגער, דערוויסן מיר זיך, אַז אין יאַנוואַר פֿון יאָר 1880 האָט זיך אין גאָלדפֿאַדנס טרופּע באַוויזן די אַרטיסטן איינהאָרן, וועגן וועלכער עס ווערט געשריבן, אַז זי האָט געענדיקט ערשט די בוקאַרעסטער קאָנסערוואַטאָריע 64). פּונקט אַזוי ווערט דערציילט אויך וועגן דער אַרטיסטין פֿרידמאַן, וועלכע איז צוגעקומען צו דער טרופּע שוין אַ שטיק צײַט נאָך דעם, ווי גאָלדפֿאַדן האָט זיך געפֿונען אין אָדעס 65).

האָט ניט נאָר קיין קינסטלערישן דערפֿאָלג ניט, נאָר זי איז אויך מאַטעריעל געענגט און קאָן זיך ניט אַרויסראַטעווען פֿון דער שווערער לאַגע 68). שפּעטער, מיט אַ קורצער צייט שרייבט דיזעלבע צייטונג וועגן די גאַסטראָלן פֿון דער וואַנדער־טרופּע אין ניקאָלאַיעוו און ווידער ווערט געגעבן זייער אַ נעגאַטיווע אָפּשאַצונג פֿון יענעם טעאַטראַלן שטייגער, וועלכן גאָלדפֿאַדענס ברודער האָט געבראַכט אין די שטעט אַרום אָדעס 69).

ווי מען זאָל זיך ניט באַציִען פֿאָרזיכטיק צו די רעצענזיעס אין דער צייטונג „פּראַוודאַ“, וועלכע האָט ביקלאַל געהאַט א פֿײַנדלעכע שטעלונג צום יידישן טעאַטער, מוז מען דאָך קאָנסטאַטירן, אַז א. גאָלדפֿאַדענס ברודער מיט זײַן וואַנדער־טרופּע האָט ווייניק וואָס געהאָלפֿן דעם יידישן טעאַטער צו שאַפֿן זיך סימפּאַטיעס אין דער פּראָווינץ. עס זעט זיך, אַז די וואַנדער־טרופּע, ניט האָבנדיק קיין געהעריקע אָנפֿירונג האָט אַריבערגעטראָגן אין אירע פֿאָרשטעלונגען די ערנסטע געוואָנהייטן פֿון דעם פֿרײַקן רומענישן פּעריאָד פֿון יידישן טעאַטער. א. גאָלדפֿאַדן האָט אין זײַן ברודערס וואַנדער־טרופּע פֿיל מער פֿאַרלאָרן איידער געווּנען. סאָנים האָט ער דאָך געהאַט אַסאַך. דאָס זײַנען געווען פֿון איין זײַט — די פֿאַרשטייער פֿון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע, פֿון דער צווייטער זײַט — די יידישע בורזשואַזנע־אַסימילאַטאָרישע אינטעליגענץ. האָבנדיק אין זייערע הענט אַז די פּרעסע, אַז די עפֿנטלעכע מיינונג, מיט אַלע מיטלען פֿון געזעלשאַפֿטלעכן דרוק, האָבן זיי דאָך ניט געקאָנט אויסצורייסן יענע באַליבטקייט צווישן די ברייטע מאַסן, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרומרינגלען גאָלדפֿאַדנס טעאַטער אין אָדעס.

מיר האָבן שוין ציטירט איניקע אָדעסער צייטונגען, קעדיי צו באַווײַזן זייער וואַקלדיקע באַציִונגען צו גאָלדפֿאַדענען. פֿײַנדלעכער פֿון אַלע האָט זיך באַציִען צו גאָלדפֿאַדענס טעאַטער דער אָרגאַן פֿון דער אָדעסער גרויס־בורזשואַזיע „פּראַוודאַ“. אין גראַדע אין דער צייטונג האָט מען מיט אַ באַזונדער אויפֿמערקזאַמקייט נאָכגעשפּירט נאָך דער וואַנדער־טרופּע פֿון גאָלדפֿאַדענס ברודער.

די נאָטיץ וועגן דעם קעשענעווער דערפֿאַל פֿון דער וואַנדער־טרופּע איז געווען אין דער הינזיכט נאָר אַן אָנהייב. דאָס, וואָס עס האָט אָנגעהויבן די „פּראַוודאַ“ אין אָדעס, האָט פֿאָרגעזעצט די יידיש־רוסישע פּרעסע אין פּעטערבורג: „רוסקי יעווריי“ און „ראַסוועט“. מע האָט אויסגענוצט די פֿאָרשטעלונגען פֿון גאָלדפֿאַדענס ברודער, קעדיי אַרונטערצורײַסן א. גאָלדפֿאַדענען אַליין, און מע האָט דערביי ניט געקאַרגט מיט באַשולדיקונגען סײַ ריכטיקע, סײַ באַוווסטזיניק־געפֿעלשטע.

אין דער צײַט איז נאָך א. גאָלדפֿאַדענס דערפֿאָלג אין אָדעס געווען אין זעניט. אָבער אינגיכן האָט אויך גאָלדפֿאַדענס טעאַטער אין אָדעס גופֿע געמוזט זיך באַגעגענען מיט אַ פֿײַנדלעכן קויעך. אָט ווי עס דערציילט זיך וועגן דעם אין אַ פֿעליעטאָן אין אַן אָדעסער צייטונג פֿון יאָר 1880:

„גאָלדפֿאַדענס טרופּע, וואָס האָט באַוויזן דערעסן צו ווערן דעם יידישן אוילעם, איז געווען געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן אָדעס און וואַנדערעוועט איצט אי־

בער די שטעט אין ניי־רוסלאַנד, באַזונדער איבער די יאַריד־שטעט. עס איז אויך געווען אַן אַנדער סיבה, וואָס האָט געצוווּנגען דעם באַוווּסטן ה. גאָלדפֿאַדן צו פֿאַרלאָזן אונדזער שטאָט, נעמלעך, דאָס אָנקומען פֿון אַ נייער ייִדישער טרופּע פֿון ה. מאָגולעסקאָ. דעם לעצטן האָט איינגעלאַדן דער אַנטרעפּרענער פֿון מאַריען־טעאַטער ה. אָמער, וועלכער האָט קאָנטיק זיך מיסקאַנע געווען אין דעם דערפֿאָלג פֿון ה. גאָלדפֿאַדן. די אָדעסער ייִדן, וואָס זיינען ביקלאַל לאָהוט נאָך נייס, האָבן ווירקלעך באַזוכט די פֿאָרשטעלונגען פֿון דער מער אָדער ווייניקער נישקאָשעדיקער טרופּע פֿון מאָגולעסקאָ, ווען מע זאָל זי פֿאַרגלייכן מיט די הינטערוואווּנדיקע אַקטיאָרן פֿון ה. גאָלדפֿאַדנס טרופּע.

אָבער די אָרעמקייט פֿון רעפּערטואַר האָט קאַליע געמאַכט די זאַך. די פֿינף פּיעסן, וואָס האַלטן קוים אויס די קריטיק, זיינען געשפּילט געוואָרן אין מעשעך פֿון 3 כאַדאַשים, זיינען שרעקלעך דערעסן געוואָרן דעם פּובליקום און דער ה. אָמער נעמענדיק אַ מוסטער פֿון גאָלדפֿאַדענען באַגליקט איצט די ייִדן פֿון אַנדערע שטעט מיט די פֿאָרשטעלונגען פֿון ה. מאָגולעסקעס טרופּע. די טרופּע איז איצט אַוועקגעשיקט געוואָרן אין פּאָלטאַווע אויפֿן יאַריד. אַלזאָ ביידע ייִדישע טרופּעס האָבן פֿאַרלאָזן אָדעס, אָבער אַנשטאָט זיי שיקט דאָס מאָל די ייִדן אַ נייע טרופּע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ה. לערנער, וועלכער האָט גענומען אין אַרענדע דעם מאַריען־טעאַטער און וועט שפּילן זיינע אייגענע פּיעסן" (70).

אין דערדאָזיקער נאָטיץ האָבן מיר אַ קורצע סכעמע פֿון די געשעענישן, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אַרום ייִדישן טעאַטער אין אָדעס פֿרילינג און זומער פֿון יאָר 1880. אין פֿרילינג פֿון יאָר 1880 האָט גאָלדפֿאַדן באַקומען אַ דירעקטן שטויס, וואָס האָט אים געצוווּנגען זיך לאָזן וואַנדערן איבער רוסלאַנד. דעם שטויס האָט געגעבן די נייע ייִדישע טרופּע, וואָס האָט זיך באַוויזן אין אָדעס אונטער דער אָנפֿירונג פֿון מאָגולעסקאָ.

ז. מאָגולעסקאָ, וועלכער האָט אין בוקאַרעסטער פּעריאָד פֿון ייִדישן טעאַטער געאַרבעט צוזאַמען מיט גאָלדפֿאַדענען, האָט פֿאַרמאָגט אַ גרויסן אַרטיסטישן קייעך, וואָס האָט אים נאָך דערמאָלט אויסגעטיילט פֿון די איבעריקע אַקטיאָרן פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע. ווי עס ווערט דערציילט, האָט ער מיט זיינע מוזיקאַלישע פֿעיִקייטן מיטגעהאָלפֿן גאָלדפֿאַדענען צו שאַפֿן די אָפּערעטן זיינע פֿון רומענישן פּעריאָד (גאָלדפֿאַדן האָט ניט געוווּסט קיין נאָטן) (71). אָבער נאָך אין זעלביקן רומענישן פּעריאָד האָט שוין מאָגולעסקאָ געפּרוּווט פֿאַנאַנדערגיין זיך מיט גאָלדפֿאַדענען, געפּרוּווט צונויפֿשטעלן אַן אייגענע טרופּע און אַלס אַזאַ גאָלדפֿאַדנס קאָנקורענט האָט ער זיך איצט באַוויזן אין אָדעס.

מאָגולעסקעס טרופּע האָט דעביוטירט דעם 27־טן מאַרט פֿון יאָר 1880 אין מאַריען־טעאַטער (72). מע האָט געשפּילט דעם „דיבוק“ פֿון לאַטיינער. דער רעצענזענט שרייבט, אַז די פּיעסע האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג, אָבער עס זעט

זיך, אַז קיין פֿעסטע שטעלונג צו דער ניי־געקומענער טרופּע האָט נאָך די צייטונג ניט. די זעלביקע צייטונג שרייבט שוין אָבער אין דריי טאָג אַרום: „דער יידישער טעאַטער עקזיסטירט אַפּאַנים נאָך. קעדיי די אונטערנעמער זאָלן מאַכן גוטע געשעפֿטן, אין דעם האָט זיך געקאָנט איבערצייגן יעדער איינער דורך דער פּיעסע וואָס איז געשפּילט געוואָרן אונטערן נאָמען „יענטע פּיפּערנאָטער“ 73).

אין דריי וואָכן אַרום דערציילט די זעלביקע צייטונג שוין אין אַן אַנדער טאָן וועגן דעם דערפֿאָלג פֿון לאַטיינערס פּיעסע „די ליבע פֿון ציון“. און אַזוי וואַקלענדיק, ניט זיכער איז די באַציִונג פֿון דער אָדעסער פּרעסע צו מאַגולעסקעס טעאַטער די גאַנצע צייט 74).

עס קומט אויס מאַמעש צו וווּנדערן זיך, מיט וואָס פֿאַר אַ גרינגן מוט האָט די ניי־אָנגעקומענע טרופּע אָנגעהויבן איר קאָנקורענץ מיט אַזאַ מין באַרימטן קענער, ווי א. גאָלדפֿאַדן. ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז גאָלדפֿאַדן האָט שוין צו יענער צייט געהאַט ניט נאָר אַ פֿעסטע רעפּוטאַציע פֿון אַ גוטן טעאַטער־אָנפֿירער, נאָר אויך דעם אַווטאָריטעט פֿון א פֿאָלק־דיכטער און שעפֿער פֿון יידישן רעפּערטואַר, איז פֿון טבֿילאַס אַן ניט גרינג צו פֿאַרשטיין די סיטואַציע, וואָס האָט זיך באַלד נאָך מאַגולעסקעס אָנקומען געשאַפֿן אַרום גאָלדפֿאַדנס טעאַטער.

מאַגולעסקאַ האָט געבראַכט אַ פּאָר נייע פּיעסן לאַטיינערס און שייקעוויטשעס. די דאָזיקע פּיעסן האָבן אין בעסטן פֿאַל קאָפּירט גאָלדפֿאַדנס רעפּערטואַר. און זיי האָט אָבער געפֿעלט די אוממיטלבאַרקייט פֿון גאָלדפֿאַדנס ערשטע קאָמעדיען, די פּרימיטיווע און אומגעקינסטלטע איינפֿאַכקייט פֿון זיינע ערשטע פּרוּוון. אויך דער אַקטיאָרישער באַשטאַנד פֿון מאַגולעסקעס טרופּע האָט ניט געהאַט מיט וואָס אויסצונעמען אין פֿאַרגלייך מיט גאָלדפֿאַדנס טרופּע. די איינציקע אומפֿאַרגלייכלעכע גרויס צווישן די ניי־אָנגעקומענע אַקטיאָרן איז געווען מאַגולעסקאַ אַליין, אָבער עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז גאָר ניט געווען גענוג, קעדיי צו זיכערן דעם דערפֿאָלג פֿון דער ניי־אָנגעקומענער טרופּע. און דאָך הייבט אָן מאַגולעסקעס טרופּע ביסלעכווייז צו פֿאַרטונקלען גאָלדפֿאַדנס שטערן אין אָדעס.

עס זעט זיך, אַז ניט אומזיסט האָט גאָלדפֿאַדן אין זיין אַווטאָביאָגראַפֿיע פֿאַרגליכן דאָס דעמאָלטיקע פּובליקום מיט אַ קינד. עפּעס קינדעשעס איז ווירקלעך געווען אין דעם אָדעסער אוילעם־באַזוכער, וואָס האָט אַזוי גרינג אָפּגעגעבן זיינע סימפּאַטיעס יעדער ניי־אָנקומענדיקער טרופּע.

די ערשטע צייט שפּילן גאָלדפֿאַדנס און מאַגולעסקעס טרופּעס אין אָדעס פּאַראַלעל. נאָך דעם 12־טן אַפּרעל 1880 האָבן געשפּילט ביידע טרופּעס. מאַגולעסקאַ שפּילט אין מאַריען־טעאַטער „דעם פּוילישן יינגל“ און דעמזעלביקן טאָג שפּילט גאָלדפֿאַדן אין קלוב פֿון די האַנטווערקער „די קישעפֿמאַכערן“ 75). נאָך דעם 12 אַפּריל פֿאַרשווינדן שוין די שפּורן פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע אין אָדעס.

VIII

נאָך אין יאַנואַר כֿודעש פֿון יאָר 1880 האָט זיך אין אַן אָדעסער צײַטונג געוויזן אַ יעדיע, אַז גאָלדפֿאַדענס טרופּע קלײַבט זיך פֿאָרן קיין פּעטערבורג 76). די דאָזיקע יעדיע איז פֿאַר אונדז וויכטיק דערמיט, וואָס זי איז געקומען פֿריִער, איידער עס האָבן זיך געוויזן אין אָדעס גאָלדפֿאַדענס קאָנקורענטן. קאָנטיק, אַז דער פּלאַן צו מאַכן אַ רײַזע איבער פֿאַרשיידענע שטעט פֿון רוסלאַנד האָט דאָך אין אַ געוויסער מאָס געשטאַמט פֿון גאָלדפֿאַדענס אייגענעם ווילן.

די רײַזע האָט זיך אָבער אָנגעהויבן ניט פֿון פּעטערבורג נאָר פֿון אַנדערע קלענערע שטעט. בּיכלאַל איז אין דער רײַזע פֿון גאָלדפֿאַדענס טרופּע ניט צו זען קיין באַשטימטן פּלאַן. מיסטאַמע איז דער מאַרשרוט געווען אָפּהענגיק פֿון פֿיל צופֿעליקע סיבעס. אָבער דאָך, ווען מע באַטראַכט גאָלדפֿאַדענס רײַזע אין מעשעך פֿון די צוויי יאָר 1880—1882 זעט זיך, אַז די רײַזע קאָן מען מיט געוויסע רעכט אײַנטיילן אין צוויי באַשטימטע ריכטונגען. אין דער ערשטער צײַט נאָך זײַן אַרויספֿאָר פֿון אָדעס ביז אַן ערעך דעם סאָף 1880 באַזוכט גאָלדפֿאַדן מיט זײַן טרופּע דאָס ראָוו נאָר די שטעט פֿון דאָרעם-רוסלאַנד. אין 1881 יאָר ציט זײַן וועג מײַסטנס דורך די שטעט פֿון צאָפֿן-מאַירעוו-געגנט.

פֿאָרנדיק איבער דאָרעם-רוסלאַנד אין דער ערשטער צײַט נאָך זײַן אַרויספֿאָר, האָט גאָלדפֿאַדן מער פֿון דער אָנערקענונג, וועלכע ער האָט באַקומען אין אָדעס, אייגנטלעך ניט געהאַט וואָס צו פֿאַרלאַנגען. אָבער די רײַזע האָט געגעבן גאָלדפֿאַדענען די מעגלעכקײַט צו באַגעגענען זיך מיט אַ נייעם אוילעם, וואָס האָט אַרויסגעוויזן ניט נאָר פֿרישע באַגײַסטערונג פֿאַר גאָלדפֿאַדענס טעאַטער, נאָר אויך אַ נייעם מין אָפּשאַצונג פֿון גאָלדפֿאַדענס פֿאַרדינסטן. דערהויפּט האָט זיך דאָס געלאָזט הערן אין כאַרקאָוו.

אָט ווי עס דערציילט וועגן דעם אויפֿנאַם פֿון גאָלדפֿאַדענס טרופּע די צײַטונג „כאַרקאָוו": „דעם 15-טן יול איז אין דראַמאַטישן טעאַטער בײַ אַ באַדײַטנדיק-גרויסן פּובליקום פֿאָרגעקומען אַ פֿאָרשטעלונג פֿון דער ייִדישער טרופּע לעטוויוואַס די נויט-באַדערפֿטיקע סטודענטן-ייִדן פֿון דעם כאַרקאָווער אוניווערסיטעט. אין דעם דאָזיקן אָוונט איז פֿאָרגעשטעלט געוואָרן די 4-אַקטיקע קאָמעדיע פֿון א. גאָלדפֿאַדן „ני בע ני מע ני קוקורעקו" אָדער „קאַמף פֿון ציוויליזאַציע מיט פֿאַנאַטיזם". דער אויסוואַל פֿון דער פּיעסע איז געווען פֿולשטענדיק געלונגען. דער סיזשעט אירער איז

פֿון דער איצטיקער צײַט און טראָגט אין זיך אַן אָפּקלאַנג פֿון דער ייִדישער שמאָלער אָפּגעזונדערטקייט און פֿאַנאַטיזם. די פּיעסע איז אַדורך זייער גוט. אַלע אָנטיילנעמער זײַנען געווען אַף זייערע ערטער און האָבן געשפּילט זייער ניט שלעכט. פֿיל מאָל האָט מען אַלעמען אַרויסגערופֿן, אָבער אַן איינשטימיקער אויסדרוק פֿון אַלגעמיינעם מיטגעפֿיל איז אויסגעפֿאַלן אַפֿן כײַלעק פֿון דעם טאַלאַנטפֿולן ייִדישן שרײַבער א.א. גאָלדפֿאַדן. אין דעמדאָזיקן אָוונט האָט מען אים אַרויסגערופֿן מער ווי געוויינטלעך און נאָכן 3-טן אַקט האָט מען אים צוגעטראָגן אַף אַן אויסגענייטער אַטלעסנער קישעלע אַן אַדרעס, באַדעקט מיט אַ גרויסער צאָל אונטערשריפֿטן. אָט איז דער אינהאַלט פֿון דעם אַדרעס:

„די פֿינסטערע זײַטן פֿון דעם אײַנגעשלאָסענעם ייִדישן לעבן האָבן ניט ווייניקער געשטערט דעם וואוילשטאַנד פֿון אונדזער נאַציע, ווי אירע בלינדע סאָנים און אומפֿרײַנט. קעמפֿן מיט די נאַרישע איבערצײַגונגען פֿון די כסידים, מיט אומגעלומפּערטע מאַיסים פֿון די צאַדיקים און מיט ענלעכע אויסדרוקן פֿון אַמאַראַצעס און פֿאַנאַטיזם איז מעגלעך געווען נאָר דורך עפֿנטלעכער אויסלאַכונג. אַף דעם האַמוין איז בעסער פֿון אַלץ צו ווירקן מיט אָנשוילעכע ביישפּילן, מיט לעבעדיקע בילדער. און איר, געשעצטער הער, האָט דער ערשטער אויסגענוצט די בינע, קעדיי צו אויסלאַכן די פֿינסטערע און שעדלעכע זײַטן פֿון ייִדישן לעבן! איר האָט אַליין געשאַפֿן ניט ווייניק פּיעסן, אין וועלכע איר שילדערט מיט לעבעדיקע פֿאַרבן די שעדלעכקײַט פֿון די דאָזיקע איבערצײַגונגען און האַנדלונגען. דערמיט האָט איר געשאַפֿן אַ באָדן פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק-טעאַטער. האָבנדיק ביז אַ געוויסער מאָס אַ גוטן אויסוואַל פֿון אַקטיאָרן, האָט איר אונדז געגעבן אַ מעגלעכקײַט צו זען בולעט געצייכנטע טיפּן פֿון ייִדן, וואָס זײַנען נאָך פֿאַראַנען אין אַמאַראַצעס. אײַערע ווערק האָבן אַן שום סאָפֿעק אַ גרויסע ווירקונג אַף דער מאַסע, זיי גיבן איר אַ שטויס צו אַנטוויקלונג, זיי צווינגען זי צו פֿאַרוואַרפֿן אירע פֿריערדיקע אָנשויונגען און מיט פֿאַרשטאַנד צוקוקן זיך צום הײַנטיקן בעסערן לעבן, דערלייבט דשע אונדז, מענטשן, וואָס דערוואַרטן בעעמעס דעם אויפֿבלי פֿון דער ייִדישער נאַציע, צו דאַנקען אײַך, פֿיל געערטער אַבראַם אַקימאָוויטש, פֿאַר יענע אומשאַצבאַרע פֿאַרדינסטן, וועלכע איר האָט אין דער זאַך פֿון אויפֿהויבן דאָס מאָראַלישע לעבן פֿון די ייִדן" 77).

אַזאַ אויפֿנעם איז געווען פֿאַר גאָלדפֿאַדענען אַ נײַס, וואָרום דער אַדרעס, וועלכער איז אים צוגעטראָגן געוואָרן אין כאַרקאָוו, האָט מיטאַמאָל גענומען אָפּלייקענען די וויכטיקסטע באַשולדיקונגען, וואָס זײַנען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין דער דעמאָלטיקער רוסיש-ייִדישער פּרעסע.

דידאָזיקע באַשולדיקונגען זײַנען ניט נאָר אויסגעדריקט געוואָרן דורך אַזעלכע אויסגעשפּראָכענע קעגנער פֿון ייִדישן טעאַטער, ווי דער דעמאָלטיקער רוסיש-ייִדישער פּובליציסט ב. בראַנד, זיי האָבן זיך סיסטעמאַטיש איבערגעכאַזערט אין דאָס

דאָ אַרטיקלען און נאָטיצן וועגן גאָלדפֿאַדנס טעאַטער, וואָס פֿלעגן זיך דרוקן אין „רוסקי יעוורייִ“ און „ראַסוועט“. מיר וועלן ברענגען פֿאַר אַ בײַשפּיל, וואָס עס האָט געשריבן פֿון כערסאָן אײַנע אַנאַ בלוּמענפֿעלד:

> „אין דעם ווערק פֿון דעם ה. גאָלדפֿאַדן איז ניטאָ קיין איין טראָפּן לעבעדיקעס, אין זײַן הומאָר קלינגט ניט קיין אייניציקע נאָטע פֿון יענער דערהויבענער ליבע צום פֿאָלק, מיט וועלכער עס דאַרף זײַן דורכגעדרונגען יעדער איינער, וואָס שטראָפֿט די כעסרוינעס פֿון דעם פֿאָלק. אַלע פּערזאָנען און סיטואַציעס אין גאָלדפֿאַדנס קאָמעדיעס זײַנען ניט קיין פּראָדוקט פֿון ייִדישן לעבן. ווו האָט ער אין דעמדאָזיקן לעבן, אַשטייגער, געפֿונען דאָס גלויבן אין קישעף, וועלכן ער פֿירט אַרויס אין די קאָמעדיעס „די קישעפֿמאַכערין“, „מענער־פּרעסערייִ“ (די מומע סאָסיע?) און „ברײַנדעלע קאָזאַק“? ער האָט אוטרירט יעדע שוואַכקײַט פֿון דעם ייִדן ביז **non plus ultra** ער האָט אַרויסגעשטעלט פֿאַנאַטיקער, וואָס האָבן גיט קיין מענטשלעכן אָנזען, וואָס פֿאַרמאָגן ניט אַפֿילע אַזוינע נאַטירלעכע געפֿילן, ווי פֿאָטער ליבע... ניט ער וועט שאַפֿן דעם ייִדישן טעאַטער, צוליב וואָס עס איז נויטיק קאָגען דאָס ייִדיש לעבן אין אַלע זײַנע דערשײַנונגען, קאָגען ריכטיק באַלײַכטן די גוטע און שלעכטע זײַטן, קעגנשטעלן זיי און דערהויפּט דאַרף מען דערצו האָבן אַ באַשטימטע אַנטוויקלונג, וועלכע דער ה. גאָלדפֿאַדן האָט, ווײַזט אויס, ניט. עס וואָלט געווען בעסער, אַז ער זאָל ניט נאַרן קיין מענטשן און ניט אויסנאַרן ביי זיי די פֿאַרדאָרעוועטע גראָשנס 78).

אין דעמזעלביקן טאָן האָט געשריבן פֿון פּאָלטאַווע איינער א. זאַמקאָוואַ:

> „איך האַלט פֿאַר נויטיק צו באַמערקן — שרײַבט ער, — אַז אין די פּיעסן פֿון ה. גאָלדפֿאַדן, וואָס ווערן פֿאָרגעשטעלט אַף דער ייִדישער בינע, געפֿעלט דער מערהייט פֿון אונדזער פּובליקום די שטאַרק־קאָמישע שילדערונג פֿון די נעגאַטיווע זײַטן פֿון ייִדישן לעבן. עמעס, דיזאָזיקע שילדערונג איז אָנגעשטאָפּט מיט זינלאָזע באַלעגאַנערייִ און אָפּגעבאַכישע כיינדלעך. אָבער דער טייל פֿון פּובליקום, וועלכער וואַרט פֿון ייִדישן טעאַטער וואָסערע עס איז נוצן אין קולטורעלן הינזיכט... האָט זיך ענדגילטיק איבערצײַגט, אַז דער גרעסטער טייל פֿון גאָלדפֿאַדנס פּיעסן איז אַן אויסגעשפּראָכענער אַבסורד“ 79).

עס איז קעדאַי צו באַמערקן, אַז פֿון אָדעס האָט אין זעלבן יאָר 1880 אָנגעשריבן אין „ראַסוועט“ אַ גינציקע רעצענזיע וועגן גאָלדפֿאַדנס טעאַטער איינער ג—ן (גאַלפּערן?) און דיזאָזיקע רעצענזיע איז דאַפֿקע געווען גינסטיק פֿאַר גאָלדפֿאַדענען. אָבער די רעדאַקציע האָט צוגעגעבן אַ באַמערקונג פֿון זיך, וועלכע האָט קימאַט ווי אַנולירט די גינסטיקײַט פֿון דער צוגעשיקטער רעצענזיע 80).

אין דער הינזיכט זײַנען בײדע רוסיש־ייִדישע זשורנאַלן פֿון יענער צײַט געווען אייניק. מיר זעען, אַז ווען גאָלדפֿאַדנס טעאַטער ווערט געלויבט אין אַן אָדעסער אַנטיסעמיטישער צײַטונג, דרוקט „רוסקי יעוורייִ“ דאָס נעכן איבער.

אָט די אַלע אָנפֿאַלן אַף גאָלדפֿאַדענס טעאַטער ווערן אין דער רוסיש-ייִדישער פּרעסע געפֿירט אין נאָמען פֿון „עמעסער" פֿאָלק-אויפֿקלערונג און „עמעסן" פּראָגרעס. קעדיי אָבער צו זען דעם ווירקלעכן אינהאַלט פֿון די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען קעגן גאָלדפֿאַדענס טעאַטער, איז קעדאַי צו פֿאַרגלייכן די ערשט געבראַכטע ציטאַטן מיט יענער שטעלונג צו גאָלדפֿאַדנס טעאַטער, וועלכע עס האָבן פֿאַרנומען די ייִדישע אָרטאָדאָקסיש קרייזן. מיר וועלן ברענגען נאָר איין ביישפּיל.

אין דער באַוווּסטער צו יענער צייט רעאַקציאָנער-קלעריקאַלער צייטונג „הישראלי", וואָס האָט דערשיינט אין מאַינץ און האָט געהאַט אירע געברויכער דערהויפּט אין רוסלאַנד, געפֿינען מיר אין יאַנואַר כּודעש פֿון 1881 (№ 25) אַן אַרטיקל, וווּ עס רעדט זיך וועגן גאָלדפֿאַדענס טעאַטער. דער מעכאַבער פֿון אַרטיקל X. Y. Z. גיט איבער, אַז ער האָט זיך אין וואַגאָן פֿון אייזנבאַן באַגעגנט מיט מינסקער טוישווים, וועלכע האָבן מיט גרויס היספּאַיעלעס דערציילט וועגן גאָלדפֿאַדענס פֿאָרשטעלונגען אין מינסק. דער מעכאַבער פֿון דעם אַרטיקל האַלט פֿאַר זיין כּויוו אַרייַנמישן זיך אין דעם שמועס. מיר וועלן לאָזן אים אַליין דערציילן.

„נעמט ניכט פֿאַר אומגוט, וואָס איך וועל אייך פֿרעגן (האָב איך זיך אַרייַנגעמישט אין זייער ראַזגאָוואָר), איהר האָט געלעזין אין „רוסקי יעווריי" דיא קריטיקע אויף גאָלדפֿאַדענס ווערק?" —

„דער „רוסקי יעווריא" איזט דאָך אויך מעהר נישט ווי אַ מענש". — האָט מיר געענטפֿערט דער אַנדערער יונגער מאַן...

— דאָס וועט ער אייך אויך מחה זיין, אַז ער איז ניכט אַ מלאך. מיר רייִדן דאָך אָבער ניכט וועגן אמונה, דער קריטיקער פֿאַן „רוסקי יעווריא פֿערלאַנגט נאָר ניכט אַז מען זאָל איהם גלויבען אויף נאמנות, ער ווייזט דאָך פֿאַקטען" —

דאָ איז בײַ אונס אַוועק געגאַנגען אַ לאַנגער ראַזגאָוואָר וועלכען איך געפֿין ניט פֿיר נייטיג איבער צוא געבין דיא לעזער; ווארום איך בין ניכט אויסן צו קריטיציִרען גאָלדפֿאַדענס ווערקע. — אַם ענדע אַז דער מינסקער האָט זיך שוין בייטאָהע איבערצייגט אַז עס איז ניטאָ, וואָס צו נתפּעל ווערין פֿאַן גאָלדפֿאַדענ'ס בדחנות, האָט ער מיר געגעבין, וויא מען זאָגט, מיט אַ ניבערטאַטאָר אין זייט. —

— אין טהעאַטער געהט מען דאָך ניט צוא הערין מוסר, מען געהט ניט מעהר אים צוא פֿאַרברענגען די צייט, קלייבען פֿערגעניגען מיט וואָס איזט דאָס ערגער אַז פֿילע פֿאַן א'ח'ב'י געהן אין רוססישען טהעאַטער, האָטשי דייא פֿערשטעהען זויא וואָס דאָרטין טהוט זיך, וויא דער האָן אין בני-אדם?"

דאָס האָט איר מיר געקאָנט ענטפֿערין ווען איך וואָלט בײַ אייך פֿרעגען פֿאַר וואָס גייט איר ניט אין בית-מדרש זאָגען תהלים איידער אין טעאַטער. מיר רייִדען דאָך אָבער ניט וועגן די מענשן וואָס באַזוכן זיין טעאַטער מיר רייִדן דאָך וועגן חעם ציל פֿון זיין טעאַטער, אונד דאָס וועט גאָלדפֿאַדען אַליין

ניט זאָגן אַז ער מיינט דערמיט משמח צו זיין יידן, גיכער מיינט ער זיך אַליין משמח צו זיין" *).

אין דעמדאָזיקן שמועס טרעפֿן מיר אַ גאַנץ רירנדיקע אַבֿדעס צווישן די מיטאַרבעטער פֿון פּעטערבורגער „רוסקי יעווריי" און דעם מאַינצער „היִשראלי". עס וואָלט אָבער געווען אַ טאָעס צו מיינען, אַז די דאָזיקע צוויי פֿאַרשיידענע אָרגאַנען זיינען דערביי צוגעגאַנגען פֿון איין און דעמזעלבן שטאַנדפּונקט. פֿאַרקערט, דער זעלביקער אַרטיקל אין „היִשראלי" הויבט זיך אָן מיט אַן אָנפֿאַל אויף די אַפּאָלאָגעטן פֿון דער פֿאָלק־אויפֿקלערונג — די העברעיִשע רעדאַקטאָרן, וואָס ווערן פֿאַרגליכן מיט מאַרק־דיצעקעס „מיט דעם אונטערשייד נאָר, דאָס די ערשטע זאָגן עפֿנטלעך, וואָס זיי מיינען און די רעדאַקטאָרן וויקלען איין די ביינער אין ציוויליזאַציאָן, יודנטום און נאָך אַנדערע הויכע אידעען" עס פֿאַרשטייט זיך, אַז צו די דאָזיקע רעדאַקטאָרן מיט הויכע אידעען האָבן זיך געקענט צורעכענען די טוער פֿון דער פּעטערבורגער רוסיש־יידישער פּרעסע און צווישן זיי און דעם „היִשראלי" האָט אויסערלעך ניט געקענט זיין קיין אַבֿדעס.

די דאָזיקע אַבֿדעס איז אָבער געקומען אין דעם קאַמף מיט גאָלדפֿאַדנס טעאַטער ווען ביידערליי צייטונגען — סיי דער אָרגאַן פֿון דער אַגרעסיוו־בורזשואַזער פּעטערבורגער אינטעליגענץ, סיי דער אָרגאַן פֿון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע — האָבן דערפֿילט, אַז גאָלדפֿאַדנס טעאַטער העלפֿט מיט דער יידישער מאַסע צו באַפֿרייען זיך פֿון זייער געמיינזאַמער ווירקונג.

עס איז קעדאַי צו דערמאָנען, אַז אין זעלבן פּעריאָד פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטראַלער טעטיקייט האָט מען אין דעמזעלבן טאָן געשריבן וועגן אים אויך אין אויסלאַנד. אין יאָר 1881 האָט מען צו אַ ביכל, וואָס איז דערשינען אין בוקאָווינע, געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו שרייבן אין דער פֿאָרעדע: „ליבע לעזער, מיינע לידער זיינען ניט, ווי דעם ה. גאָלדפֿאַדנס טעאַטער שטיקע, וועלכע אָהנע טענדענץ אויך אָהנע זינען. גאָלדפֿאַדן פֿערשפּאָטעט דאָס יודנטום אין זיינע לידער, אַהנט דעם יודנטום זאָלכע אַפּשוילעכע זאַכען (ווי גנייווע, רעציכע, שיקרעס). עס איסט נאָר איין בושע, ווי מאַן זיינע אייגענע נאַציאָן פֿערדעכטיקט און פֿערשפּאָטעט" 81).

ווען מע נעמט אין אַכט דאָס אַלץ, וואָס עס האָט זיך געדרוקט אין דער דאָזיקער צייט וועגן גאָלדפֿאַדענען (אין יאָר 1880 און 1881) מוז מען קומען צום באַשלוס, אַז דאָס איז געווען אַן אָרגאַניזירטער סיסטעמאַטישער קאַמף, אויב ניט קעגן דעם יידישן טעאַטער אינגאַנצן גענומען, איז לעכאָלאַפּאָכעס קעגן גאָלדפֿאַדענען, אַלס אַ שעפֿער פֿון יידישן רעפּערטואַר.

נאָך אַזעלכע אָנפֿאַלן ווערט פֿאַרשטענדלעך די באַדייטונג פֿון דעם אַדרעס, וועלכן מע האָט גאָלדפֿאַדענען צוגעטראָגן אין כאַרקאָוו. דאָ האָט מען צום ערשטן

*) די ציטאט פֿון „היִשרא׳ל" איז געגעבן געווארן לויט דער ארטאגראפֿיע פֿונם אריגינאל.

מאָל גענומען אָפּלייקענען די באַשולדיקונג, וואָס איז קעגן גאָלדפֿאַדענען אַרויסגערוקט געוואָרן.

מיר זעען אין דעם אַדרעס, אַז גאָלדפֿאַדנס פֿאַרדינסט אַלס שעפֿער פֿון רעפּערטואַר ווערט אָנערקענט. עס ווערט באַטאָנט, אַז זיינע פּיעסן זיינען ניט אָפּגעריסן פֿון לעבן, אַז זייער ווירקונג אַף דעם צושויער־אוילעם איז דערציעריש־נוצלעך. עס איז קלאָר, אַז באַקומען אַזאַ אָנערקענונג כאָטש פֿון אַ טייל פֿון דער אינטעליגענץ (פֿון דער באַרקאָווער) האָט פֿאַר גאָלדפֿאַדענען געוויס עפּעס באַדייט. אָבער אויסער דערדאָזיקער באַגעגעניש מיט דער אינטעליגענץ האָט גאָלדפֿאַדן אין זיין רייזע איבער רוסלאַנד געמוזט אַף דאָס ניי זיך באַגעגענען מיט דעם ברייטן אוילעם, וועלכער איז פֿון שטענדיק אָן געווען דער שטיץ־פּונקט פֿון זיין טעאַטער.

עס איז קלאָר, אַז בעאיים דער רייזע, וואָס האָט געבראַכט גאָלדפֿאַדענען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט אַזאַ אומגעהויער־ברייטער אַודיטאָריע, איז דער וועזן פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטער ניט געבליבן אומפֿאַרענדערט, פֿאַרגליווערט. שוין דער פֿאַקט אַליין, וואָס אין פֿאַרלויף פֿון דער רייזע פֿלעגן אין פֿאַרשיידענע שטעט צוקומען נייע אַקטיאָרן, אַלפּיראָוו פּאָשעטע פֿאָלק־מענטשן, מיט אָרגאַנישער פֿאָלקסטימלעכער באַציונג צו טעאַטער־שפּיל, מיט פֿרישע נאָך ניטאַנטפּלעקטע טעאַטער־אינסטינקטן — דאָס אַליין האָט געמוזט ווירקן אַף גאָלדפֿאַדנס טעאַטער.

מע קאָן אַף זיכער זאָגן, אַז בעאיים דער רייזע איבער רוסלאַנד, האָט גאָלדפֿאַדן ניט נאָר געווירקט, נאָר ער איז אויך באַווירקט געוואָרן פֿון די געשמאַקן, סימפּאַטיעס און אינטערעסן פֿון די ברייטע יידישע פֿאָלק־מאַסן. עס איז אָבער געווען נאָך איין צוציונג־פּונקט אין דעם מאַרשרוט פֿון גאָלדפֿאַדנס רייזע. סאָפֿקאָלסאָף האָט דאָך גאָלדפֿאַדענען געמוזט ציען צו באַגעגענען זיך מיט דער סוויווע פֿון די פּעטערבורגער און מאָסקווער מעפֿונאָקים, וואָס האָבן שוין עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד מיט אומצוטרוי און גרינגשעצונג צוגעזען דעם טריומף פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטער.

נאָך אין זעלביקן יאָר 1880, נאָך דעם, ווי ער האָט באַזוכט אַ ריי שטעט פֿון דאָרעם־רוסלאַנד, באַזוכט גאָלדפֿאַדן מאָסקווע. ווערטפֿולע מאַטעריאַלן פֿון דער מאָסקווער דעמאָלטיקער רוסישער פּרעסע, וואָס האָט פֿיל געשריבן וועגן גאָלדפֿאַדנס טעאַטער, האָט פּובליקירט א. גורשטיין אין „עמעס“. מיר ברענגען פֿון דאָרטן אַן אויסצוג:

„דאָ אין מאָסקווע האָט די טרופּע אַרויסגערופֿן אַן אַלגעמיינעם אינטערעס. די עקזאָטישקייט, די אומדערוואַרטקייט פֿון אַ יידישן טעאַטער האָט צוגעצויגן צו זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון פֿאַרשיידענע גרופּן פֿון דער מאָסקווער באַפֿעלקערונג. דאָס איז צו זען פֿון די פֿילצאָליקע אַרטיקלען און נאָטיצן אין דער דעמאָלטיקער מאָסקווער פּרעסע, וועלכע גיבן אונדז אַגעוו די מעגלעכקייט אויפֿצושטעלן אַ גאַנץ בולעט בילד פֿון גאָלדפֿאַדנס זיין אין מאָסקווע.

„די מאָסקווער יידן זייען אין התפּעלות, האָט געשריבן „רוסקי קוריער“ (1880 נומ. 214). די ווייכמוערדיקע הויפּטשטאָט האָט באַזוכט גאָלד=

פֿאַדנס ייִדישע אָפּערעטן-טרופּע... דעם גרעסטן דערפֿאָלג אין דער טרופּע. האָט דער קאָמיקער צוקערמאַן. די אָפּערעטן גייען ביכלאַל מיט אַ גרויסן אַנסאַמבל, און אַדאַנק די אַרייַנגעשטעלטע אין זיי וואַריאַציעס אַף ייִדישע פֿאָלק-מאָטיוון שטעלן זיי פֿאָר אַ געוויסן אינטערעס אַפֿילע אויך פֿאַר די, וועלכע זייַנען ניט באַהאַוונט אין די סוידעס פֿון זשידאָוויש-דייַטשישן זשאַרגאָן".

שוין די דאָזיקע ערשטע נאָטיץ וועגן אַ. גאָלדפֿאַדנס טרופּע, ווי דורך שפּאָט און פֿאַראַכטונג צום „זשידאָוויש-דייַטשישן זשאַרגאָן" קלינגט די אַנערקענונג פֿון אַן „אַנסאַמבל" פֿון אַן אָרגאַניזירטן טעאַטער-קיבעץ, גיט אונדז פֿיל צו זאָגן וועגן דער מאַדרייגע פֿון אַ. גאָלדפֿאַדנס טעאַטראַלער קונסט.

און אינגיכן געפֿינען מיר אין דער אָנגעזעענסטער מאָסקווער ליבעראַלער צייַטונג „רוסקיע וועדאָמאָסטי" (1880 נומ. 205) אין דעם אָרדנטלעכן פֿעליעטאָן „מאָסקווער בלעטל", געכאַסמעט „10" אַ גענויעם באַריכט וועגן דער פֿאָרשטעלונג פֿון אַ. גאָלדפֿאַדנס פּיעסע „דער פֿאַנאַטיק" (מער באַוווּסט אונטערן נאָמען „די ביידע קוני-לעמלעך").

„... איר וועט עפּשער מיינען, שרייַבט דער מעכאַבער פֿונם פֿעליעטאָן, דאָס איז אַן אָפּערעטע פֿונם ייִדישן לעבן, און ניט מער? אין דעם באַשטייט אָבער די זאַך, אַז ניין: דאָס איז „אַ—לאַ לעטר" (בוכשטעבלעך) אַ ייִדיש ווערק, אָנגעשריבן אַף יענעם זעלבן לאָשן, וועלכער קלינגט העכער פֿאַר אַנדערע אין שקלאָוו, זשיטאָמיר, באַרדיטשעוו א.אַ.וו. און געשפּילט דורך די ריין-בלוטיקע ירושאָלאַיִמער אַדל-לייַט. ווי אַן אומגעהערטער קוריאָז האָט „דער פֿאַנאַטיק" צוזאַמענגעקליבן זייער אַ גרויסן אוילעם, צווישן וועלכע עס האָבן געוויס געוועלטיקט אין צאָל די אייַנוווינער פֿון „האַריאַדיע" מיט זייערע מישפּאָכעס. די פּיעסע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פֿייערלעכן באַ-טיש-געזאַנג (די פּיעסע הייבט זיך אָן מיט אַ „מלאַווע-מאַלקע". א.ג.), אויסגעפֿירט זייער ניט שלעכט און קאָן זייַן אַפֿילע אָריגינעל... דערנאָך זייַנען מיר מיט אַמאָל אַרייַנגעפֿאַלן צווישן קוילעס: גוואַלד, ווי מיר א.אַ.וו. מיר הערן זיך אייַן און כאָטש אַ וואָרט זאָלן מיר פֿאַרשטיין. מיר האָבן זיך געוווּנדערט צו די שכייִנים, און פֿון אַלע זייַטן, איבערשלאָגנדיק אייַנער דעם אַנדערן, האָט מען אונדז אָנגעהויבן פֿרייַנדלעך פֿאַרטייַטשן".

און דאָ גיט איבער דער מעכאַבער גאַנץ גענוי דעם אינהאַלט פֿון דער פּיעסע. ער פֿאַרצייכנט „זייער פֿרייַלעכע, קונציק-געבויטע" „קווי-פּראָ-קוואָ" (קאָמישע אומ-פֿאַרשטענדלעכקייטן) און דערציילט, אַז די האַנדלונג, רופֿט אַרויס אַ האָמערישן געלעכטער באַם ניט פּרעטענציעזן אוילעם.

צום סאָף גיט דער פֿעליעטאָניסט פֿון „רוסקיע וועדאָמאָסטי" אַזאַ אָפּשאַצונג דער פֿאָרשטעלונג:

„... אַלס אַ פֿאָרשטעלונג פֿאַרן פֿאָלק, איז די דאָזיקע אָפּערעטע ניט אָן אַלע מאַילעס: עס ווערן אין איר בייסנדיק, פֿאַרן שלעכטן מענטשן זייער אָנשוילעך, אויסגעלאַכט די מעשוגעדיקע פֿאַרורטיילן, דער ווילדער פֿאַנאַטיזם

פֿון אַן אַבסקוראַנט (פֿינסטערן מענטשן), וועלכער זעט נאָר די יעשיווע און אָפּהיטן די מינהאָגים פֿון פֿאַרצײַטנס, וועלכער אָנערקענט ניט קיין וויסנשאַפֿט, ניט קיין מענטשלעכע אַנטוויקלונג, וועלכער האַסט אַלץ דאָס נײַע, פֿרישע... געשפּילט האָט מען די פּיעסע זייער אַבֿדעסריק. באַזונדערס האָט זיך אײַנגעגעבן דאָס צווייטע בילד פֿון 3-טן אַקט „די טויטע אײַדעס" (דאָס בילד הייסט אין דער פּיעסע „די מייסים" א. ג.), ווו עס ווערט זייער בײַז אויסגעלאַכט דער פֿאַנאַטיקער פּינכעסל. ווי אַף די בעסטע אַקטיאָרן פֿון דער טרופּע, ווען מיר אָנווײַזן אַף די ה"ה שראַגאַ (מאַקס), צוקערמאַן (קונילעמל), וועלכער האָט מיט גרויס קאָמיזם דורכגעפֿירט זײַן ניט גרינגע ראָלע, פּינקעל (פּינכעסל) און די פֿרויען ווײַנשטײַן (כאַיקעס מוטער) און פּינקעל (כאַיקע). קיין סאַך מעלאָדיעס איז אין דער אָפּערעטע ניטאָ, דערפֿאַר אָבער זײַנען זיי אַלע אָריגינעל; אײַניקע פֿון זיי געהערן פּאָשעט צו די פֿאָלקטימלעכע יידישע ניגונים. מיטן כאָר איז אין דער אָפּערעטע שוואַך... כאָטש אויליעס (אָבער) רופֿן דידאָזיקע כאָכמעס אַרויס דעם סאַמע באַגײַסטערטן געלעכטער".

די טרופּע, וואָס איז געקומען קיין מאָסקווע נאָך אין דעם זומער-סעזאָן, האָט זיך אײַנגעאָרדנט לעבֿאַטבילע אין פּעטראָווער פּאַרק, אין דעם זומער-טעאַטער פֿון מאָסקווער דײַטשישן קלוב.

גאָלדפֿאַדנס טרופּע האָט געשפּילט אין מאָסקווע אין משך פֿון אַגרעדאַלבן כאָדאָשים, פֿון 3 (15) אַגוסט ביז 16 (28) סענטיאַבר 1880 82).

וועגן די סיבעס, וואָס האָבן באַוואויגן גאָלדפֿאַדנען צו פֿאַרלאָזן מאָסקווע, האָט א. גורשטיין, קאָנטיק, קיין נײַע מאַטעריאַלן ניט געפֿונען. ער ציטירט נאָר ב. גאָרינען, וועלכער באַהויפּטעט, אַז גאָלדפֿאַדן איז געצוווּנגען געווען צו פֿאַרלאָזן מאָסקווע צוליב דער אויפֿרעגונג פֿון די מאָסקווער יידישע טוישווים, וואָס האָבן זיך אַרומגעקוקט, אַז גאָלדפֿאַדנס אָפּלאַכן פֿון די יידן איז צופֿיל געפֿעלן די מאָסקווער אַנטיסעמיטן. מיר צווייפֿלען ניט אין דעם, אַז די אויפֿרעגונג, אַף וועלכער עס ווײַזט אָן ב. גאָרין, האָט געקאָנט ווירקן אַף גאָלדפֿאַדענען. מיר ווילן אָבער דאָ אָנווײַזן אַף אַ פֿאַקט, וואָס איז קאָנטיק ביז אַהער ניט באַוווּסט געווען. נאָך אין 26-טן אַגוסט ד.ה. אַ פּאָר וואָכן נאָך דעם, ווי גאָלדפֿאַדן האָט אָנגעהויבן שפּילן אין מאָסקווע, האָט אַן אָדעסער צײַטונג געשריבן:

„די „פּעטערבורגסקאַיאַ גאַזעטאַ" טיילט מיט, אַז אינגיכן וועט אין פּעטערבורג אָנקומען אַ גרויסע טרופּע יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וועלכע האָט בעדייע צו געבן אַ גאַנצע ריי פֿאָרשטעלונגען, וואָס באַשטייען פֿון היסטאָרישע פּיעסן, אָנגעשריבענע אין פּראָזע און לידער אַף דעם יידישן זשאַרגאָן. דידאָזיקע טרופּע האָט בעדייע קריגן אַ דערלויבעניש אויסצובויען אין פּעטערבורג אַ צײַטווײַליקע הילצערנע טעאַטער-געבײַדע, ווו זי רעכנט געבן אירע

פֿאָרשטעלונגען. אין רעשוס פֿון דער טרופּע געפֿינט זיך אַ גרויסע צאָל קאָסטיומען, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט אַ מערקווירדיקער היסטאָרישער ריכטיקייט. דער אָנקום פֿון דער טרופּע ווערט דערוואַרט אין נאָיאַבר פֿון הייַנטיקן יאָר. דאָס איז די טרופּע פֿון דעם אין אָדעס באַקאַנטן גאָלדפֿאַדן, וועלכע גיט איצט אירע פֿאָרשטעלונגען אין מאָסקווע" 83).

די דאָזיקע נאָטיץ באַווייַזט, אַז נאָך גלייַך בײַ זיין קומען קיין מאָסקווע, האָט גאָלדפֿאַדן געהאַט בעדייע ניט צו פֿאַרבלייַבן דאָרטן לאַנג. אים האָט געצויגן אין דער הויפּטשטאָט — פּעטערבורג. דאָ ווערט אָנגעוויזן, אַז שוין אין מאָסקווע זייענדיק האָט גאָלדפֿאַדן געהאַט צוגעגרייט היסטאָרישע פּיעסן. עס ווערט אַפֿילו דערציילט וועגן די פֿאַרטיקע היסטאָרישע קאָסטיומען צו די פּיעסן. פֿאַר וואָס האָט גאָלדפֿאַדן ניט באַוויזן די היסטאָרישע פּיעסן אין מאָסקווע? קיין ענטפֿער דערויף האָבן מיר דערווייַל ניט. עס איז אָבער אַ פֿאַקט, אַז אויב ער האָט אַפֿילו געהאַט אָנגעשריבן די היסטאָרישע פּיעסן, זייענדיק אין מאָסקווע, האָט ער זיך דאָך ניט אַנטשלאָסן דאָ אופֿצופֿירן זיי. ער האָט זיי ניט אופֿגעפֿירט אויך אַ היפּשע צייַט נאָך דעם ביז 1881, ווען ער איז געקומען קיין פּעטערבורג.

דער מאַרשרוט פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע אין דעם ערשטן רייַזע־יאָר איז געווען, זעט אויס, פֿאָלגנדיקער:

די ערשטע שטאָט, וועלכע א. גאָלדפֿאַדנס טרופּע האָט באַזוכט, אַרויס־פֿאָרנדיק פֿון אָדעס, איז געווען פּאָלטאַווע. דאָס איז קאָנטיק געווען אין מאַרט פֿון 1880. נאָר אינגיכן, אין אַפּריל כּוידעש, קומט די טרופּע צוריק קיין אָדעס. אָבער דאָסמאָל שוין ניט אַף לאַנג. אין מאַי־כּוידעש זעען מיר גאָלדפֿאַדנס טרופּע אין ראָסטאָוו אַפֿן דאָן. דאָרט פֿאַרבלייַבט זי ביז דער מיט פֿון יון כּוידעש. דעם 20־טן יון איז שוין גאָלדפֿאַדן אין כאַרקאָוו און דעם 3־טן אַווגוסט איז ער שוין אין מאָסקווע. סאָף סענטיאַבר פֿאָרט אַ טייל פֿון דער טרופּע קיין מינסק *). אַ צווייטער טייל מיט

*) וועגן די גאַסטראָלן פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע אין מינסק, זייַנען לעצטנס צוגעקומען איי־ניקע גענויערע ידיעס אַזוי ווערט דערציילט אן אין אַרטיקל „גאָלדפֿאַדנס פֿאָרשטעלונגען אין מינסק" פֿאָלגנדיקעס:

„אין דער מינסקער רוסישער פּרעסע פֿון יענער צייט געפֿינען מיר אייניקע שטעלן, וועלכע כאַראַקטעריזירן בוילעט דעם גרויסן רושעם, וואָס האָבן געמאַכט די גאַסטראָלן פֿון דער יידישער טרופּע און דעם אינטערעס וועלכן עס האָט אופֿגעוועקט צו זיך אַפֿילו מיצאַד דער רוסישער געזעלשאַפֿט.

איין נאָטיץ געפֿינען מיר אין אַ קליינער ביילאַגע, וועלכע גייט אַרויס אַלס ניט אָפֿיציעלער טייל פֿון דער צייטונג „מינסקיע גובערנסקיע וועדאָמאָסטי", נומ. 42, פֿון 18 אָקטיאַבר 1880 וועלכע זאָגט פֿאָלגענדעס: „אינגיכן נאָכן אָפּפֿאָרן פֿון טשיניזעליס צירק נעמלעך, מיט צוויי וואָכן צוריק, איז אָנגעקומען קיין מינסק אַ טרופּע יידישע אַקטיאָרן, וועלכע גיט אירע פֿאָרשטעלונגען אַף דער יידישער שפּראַך. מען מוז מודיע זיין, אַז פֿיל פֿון די אַרטיסטן זייַנען טאַלאַנטפֿולע שפּילער. סיווערן געשטעלט קאָמישע אָפּערעטן, הויפּטזעכלעך פֿון יידישן פֿאָלק־שטייגער. באַזונדער גוט איז דער מוזיקאַלישער טייל. בעסער פֿון דעם ווי די מענער־כאָרן פֿילן אויס די נאַציאָנאַלע מאָטיוון, קאָן מען ניט פֿאַרלאַנגען, און סיאיז נאָר צו באַדויערן, וואָס די שפּראַך איז ניט פֿאַר־

גאָלדפֿאַדענען בעראָש פֿאָרט קײַן באַרדיטשעוו. סאָף יאָר 1880 און אין אָנהויב פֿון יאָר 1881 זעען מיר גאָלדפֿאַדנס טרופּע אין באַלטע און דערמיט פֿאַרענדיקט זיך גאָלדפֿאַדנס רײַזע איבער די דאָרעם־שטעט 85).

אויב אַפֿילו איינציקע שטעט זאָלן צו דער רעשימע נאָך צוקומען, זעט אָבער אויס, אַז די טענדענץ פֿון גאָלדפֿאַדנס רײַזע איז די ערשטע צײַט געווען צו באַזוכן די דאָרעם־שטעט (מיטן אויסנאַם פֿון מאָסקווע און מינסק). מיר ווייסן ניט וועלכע סיבעס האָבן אַזוי לאַנג אָפּגעהאַלטן גאָלדפֿאַדענען פֿון באַזוכן די ליטווישע שטעט. עס קאָן זײַן, אַז דאָ האָט מיטגעווירקט דאָס, וואָס דער דיאַלעקט, אַף וועלכן עס האָבן גערעדט גאָלדפֿאַדנס אַרטיסטן און גאָלדפֿאַדן אַליין אויך, איז געווען דער דאָ־רעם־דיאַלעקט, וואָס האָט געקאָנט אין דער ליטע שטערן דעם טעאַטראַלן עפֿעקט. אָבער אינגיכן זײַנען געקומען געשעענישן, וועלכע האָבן געצוווּנגען גאָלדפֿאַדענען אָפּ־צוזאָגן זיך פֿון זײַן מאַרשרוט איבער דאָרעם־רוסלאַנד.

שטענדלעך. די טרופּע, ווי מען זאָגט, וועט דאָ פֿאַרבלײַבן ביזן 1-טן נאָיאַבר. דער טעאַטער איז שטענדיק פֿאַרפֿולט הויפּזעכלעך מיט ייִדן.

אין אַ צווייטן אָרט פֿון דערזעלבער בײַלאַגע צום נומ. 51 „מינסקיע וועדאָמאָסטי" פֿון 20-טן יאָר געפֿינען מיר ווידער וועגן דיזעלבע ז גאַסטראָלן. אין אַ מין לייט-אַרטיקל אונטער קעפּל „מינסקער כראָניק", אין וועלכן דער אַוטאָר באַווייזט דעם טרויעריקן צושטאַנד פֿון מינסקער בינע—דערציילנדיק וועגן די גאַסטראָלן פֿון דער רוסישער דראַמאַטישער טרופּע אונטער דער אָנ-פֿירונג פֿון מעטאַלאָוון—ווערט געזאָגט: „דאָס איז באַזונדערס מעשונעדיק, נאָך מער באַליידיקנדיק פֿאַרן רוסישן נאַציאָנאַלן געפֿיל, ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז סאַכאַקל מיט צוויי כאַדאַשים צוריק האָט צוקערמאַנס טרופּע, וועלכע האָט טאַלאַנטפֿול קאַריקאַטורירט די שטריכן פֿון דער אַלטפֿרענ-קישער ייִדישער סוויווע, צוגעצויגן מאַסן פֿון פּובליקום. די ווענט פֿון טעאַטער האָבן געציטערט פֿון אַפּלאָדיסמענטן, באַגייסטערונג און צופֿרידנהייט; דער גאַלערייע האָט געדראָט אײַנצופֿאַלן אונטערן אָנגריף פֿון נייגעריקן „האַמוין." 84)

דער גרויסער דערפֿאָלג פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע אין מינסק ווערט באַשטעטיקט דורך די מינד-לעכע זיכרוינעס פֿון עלטערע מינסקער טוישאָווים. (איבערגעגעבן דורך ל. דושמאַן אין „אָקטיאַבר" 1926).

XI

אין אַפּריל 1881 האָט זיך אויפֿגעהויבן אין דאָרעם־רוסלאַנד די פּאָגראָם־כוואַליע, פֿון וועלכער עס האָבן געליטן דערהויפּט די אָרעמסטע שיכטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. דאָס האָט געמוזט שטעלן אונטער אַ געפֿאַר די עקזיסטענץ פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטער. גאָלדפֿאַדנס טעאַטער, וואָס האָט אַלע מאָל געהאַט די לעבעדיקסטע באַהעפֿטונג מיט די אָרעמסטע שיכטן, האָט גלײַך געמוזט דערפֿילן די אָנגעקומענע פֿאַראָרעמונג און רויִנירונג פֿון די ייִדישע מאַסן.

אָבער דאָרעם איז ניט געבליבן קיין אָרט פֿאַרן ייִדישן טעאַטער. גאָלדפֿאַדנס טרופּע ציט זיך איבער אין יענע געגנטן, וועלכע זײַנען געווען מער געזיכערט פֿון דער פּאָגראָם־כוואַליע, און אין יול 1881 זעען מיר שוין גאָלדפֿאַדנס טרופּע אין פּעטערבורג. מיר ווייסן שוין, אַז פּעטערבורג האָט פֿון לאַנג אָן געהאַט אַ באַזונדער ציִונג־קראַפֿט פֿאַר גאָלדפֿאַדענען. גאָלדפֿאַדן האָט ניט אומזיסט אַזוי געגרייט זיך צו זײַנע גאַסטראָלן אין פּעטערבורג. פֿון דאָרטן, פֿון פּעטערבורג, איז אין יענער צײַט געגאַנגען דורך דער רוסיש־ייִדישער פּרעסע יענער ייִדישלעך־אַריסטאָקראַטישער „באָנ־טאָן", פֿאַר וועלכן עס האָבן אַזוי אָפֿט געמוזט ווייצע זײַן ניט נאָר דער ייִדישער טעאַטער, נאָר אויך די ייִדישע ליטעראַטור.

מ. ספּעקטאָר דערציילט אין זײַנע זיכרוינעס וועגן שאָלעם־אַליכעמען, ווי שווער עס איז זיי ביידן — ספּעקטאָרן און שאָלעם־אַליכעמען — געווען אין יענער צײַט לערעך צו דערשלאָגן זיך, אַז אַף די שפּאַלטן פֿון דער פּעטערבורגער רוסיש־ייִדישער פּרעסע זאָל אָנערקענט ווערן די עקזיסטענץ פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור 86).

דאָס מאָל האָט זיך גאָלדפֿאַדענען געדאַכט, אַז עס גייט אין דער עקזיסטענץ פֿון דעם ייִדישן טעאַטער, וואָרום פֿאַרבלײַבן מיט דער אָנערקענונג פֿון דער פּראָווינץ, בעאייס אים האָט פֿאַרפֿאָלגט די איראָנישע און נעגאַטיווע באַציִונג מצד דער טאָנגעבנדיקער פּעטערבורגער פּרעסע, האָט שוין ווײַטער גאָלדפֿאַדנס טעאַטער ניט געקאָנט.

דערפֿאַר האָט גאָלדפֿאַדענען, גלײַך נאָכן אַרויספֿאָר פֿון אָדעס, אין יאָר 1880, אָנגעהויבן ציִען קיין פּעטערבורג. איצט, שוין צום סאָף פֿון 1881 יאָר, איז זײַן ווונטש פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. אָבער ווען גאָלדפֿאַדן איז געפֿאָרן קיין פּעטערבורג,

איז ער אַליין שוין ניט געווען ענלעך צו דעם גאָלדפֿאַדן, וואָס איז מיט אַ יאָר צוריק אַרויסגעפֿאָרן פֿון אָדעס. ווי מיר ווייסן, האָט די פּאָגראָם-צייט דורכגעפֿירט אַ געוויסן גרענעץ אין גאָלדפֿאַדנס ליטעראַרישער טעטיקייט. פֿון די לידער און פּיעסן זיינע, וואָס האָבן דירעקט באַהאַנדלט דעם פּאָגראָם-סיוזשעט, זעט מען, ווי די פּאָגראָם-צייט האָט אומגעביטן גאָלדפֿאַדנס געדאַנק און געשטויסן אים צו גיין אַפֿן וועג פֿון כיבאַס-ציען. עמעס, אין די ערשטע כאַדאָשים נאָך די פּאָגראָמען איז נאָך גאָלדפֿאַדן אַזוי ווייט ניט געגאַנגען, אָבער אַ געוויסע ענדערונג אין זיינע שטימונגען האָט זיך דאָך געלאָזט וויסן שוין דאַן, ווען ער איז געקומען קיין פּעטערבורג. אין אַן אינטערוויו, וואָס ער האָט דעמאָלט געגעבן אַ פֿאָרשטייער פֿון „ראַסוועט“, האָט ער שוין גענומען ריידן מיט אַ באַזונדערער גרינגשעצונג וועגן זיינע פֿריִקע ווערק. דער פֿאָלקס-טימלעכער קאָמיזם פֿון זיינע פֿריִקע פּיעסן, וואָס גייען אַזוי גרינג איבער פֿון סאָציאַלער סאַטירע צום וואָדעוויל און פֿאַרס, די אויסלאַכונג פֿון די נעגאַטיווע געשטאַלטן פֿון יידישן לעבנשטייגער, וואָס איז ביז אַהער געווען דער לעבעדיקער נערוו פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטער-שפּיל, — דאָס אַלץ האָט איצט גלייך ווי אָנגעוואָרן אין גאָלדפֿאַדנס אויגן די באַרעכטיקונג. יעדנפֿאַלס אַזוי האָט ער געוואָלט דאָס אויסמאָלן אין זיין אינטערוויו 87).

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז עס וואָלט זיין ניט ריכטיק אָנצונעמען, אַז די מיינונגען, וואָס גאָלדפֿאַדן האָט אין דעם אינטערוויו אַרויסגעזאָגט, זיינען געווען פֿריי פֿון דער ווירקונג, וואָס אויף אים האָט געהאַט די פּעטערבורגער „אויפֿגעקלערטע“ סוויווע. אָבער כוץ דעם איז אין דעם אינטערוויו געווען אַ סימפּטאָם פֿון דער ענדערונג, וואָס האָט זיך צו דער צייט אָנגעהויבן אין גאָלדפֿאַדנס שאַפֿן. אין גאָלדפֿאַדנס טעאַטער האָט זיך עס לעכאַטכילע ניט געלאָזט מערקן מיט גאָרנישט.

די פּעטערבורגער רוסישע פּרעסע גיט די מעגלעכקייט אויפֿצושטעלן דאָס גאַנצע בילד פֿון גאָלדפֿאַדנס גאַסטראָלן אין פּעטערבורג און אויף אייניקע עפּיזאָדן פֿון דער צייט וועלן מיר זיך אָפּשטעלן גענויער.

די ערשטע יעדיעס וועגן גאָלדפֿאַדנס אָנקום קיין פּעטערבורג באַקומען מיר נאָך מיט אייניקע וואָכן פֿריער פֿאַר דעם אָנהויב פֿון זייגע טעאַטער-פֿאָרשטעלונגען. אַזוי טרעפֿן מיר שוין אין אייניקע פּעטערבורגער צייטונגען פֿון 10-טן און 11-טן יולי 1881 אַ קורצע נאָטיץ וועגן דעם, אַז אין פּעטערבורג איז דעם 9-טן יולי אָנגעקומען „די יידישע וואַנדערנדיקע אָפּערעטישע טרופּע פֿון ה. גאָלדפֿאַדן“ *). שפּעטער מיט אַ וואָך, דעם 18-טן יולי, ווערט שוין אין די צייטונגען געמאָלדן, אַז די פֿאָרשטעלונגען פֿון דער יידישער אָפּערעטע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון גאָלדפֿאַדן וועלן זיך אָנהויבן אינגיכן אין קרעסטאָווסקער גאָרטן **). ווי עס זעט זיך, האָבן די

*) „Петербургская газета“ № 160, 1881. «Порядок» № 188, 1881.

**) „Петербургская газета“ № 167, 1881. «Петербургский Листок» № 1881, 18-го июля.

האַכֿאָנעס געדויערט באַ אַ פּאָר וואָכֿן און די ערשטע פֿאָרשטעלונג איז פֿאָרגעקומען דעם 23-טן יולי פֿון 1881 יאָר.

דער רוישעם פֿון די ערשטע פֿאָרשטעלונגען פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע איז געווען אַזוי, אַז סאַי די גרעסטע דעמאָלטיקע צײַטונגען ווי „Новое Время" און „Петербургская газета" סאַי די קלענערע צײַטונגען, ווי "Новости" האָבן גלײַך אַף מאָרגן אָפּגעדרוקט ברייטערע רעצענזיעס.

די צײַטונג „פּעטערבורגסקאַיאַ גאַזעטאַ" *) — אַ טיפּישער בלאַט פֿון דער „קלײנער פּרעסע" — הויבט אָן די רעצענזיע מיט דער סענסאַציאָנעלער ידיִעָ, אַז „אין דער פּעטערבורגער טעאַטער-וועלט האָט זיך באַוויזן אַ נײַס" — די ייִדישע טרופּע. נאָך אַ לאַנגן אַרײַנפֿיר וועגן דעם, צי מעג גאָלדפֿאַדנס טרופּע הייסן אַן אָפּערעטן-טרופּע, ווי זי גיט זיך אָן, אָדער ניט, (דער רעצענזענט מיינט, אַז ניין) גייט ער איבער צו דער פֿאָרשטעלונג פֿון „שמענדריק", גיט איבער דעם סוזשעט פֿון דער פּיעסע און פֿאַרענדיקט:

„... די הויפּטקע גאַנצע אינטעלעקטועלקייט איז צוגעפּאַסט מיט קאָמישע סיטואַציעס פֿון דריי פּערזאָן: אַן אַרענדאַרקע, וועמעס ראָליע עס האָט גאַנץ ניט שלעכט אויסגעפֿילט דער מאַנספּערזאָן ה. פּישקינד, איר זון שמענדריק גאַנץ טיפּיש אויסגעפֿילט פֿון צוקערמאַנען און שימין, שמענדריקס פֿעטער, ה. שראַגאַ. מער פֿון אַלץ איז דעם פּובליקום געפֿעלן געוואָרן אַ ייִדישער טאַנץ און אַ דועט, אַ גאַנץ אָריגינעלער און מעלאָדישער.

ניט געקוקט אַפֿן שלעכטן וועטער האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַ גרויסער אוילעם" **).

אין זעלביקן טאָן נאָך מיט עטוואָס מער שאַרפֿקייט האָט געשריבן דער רעצענזענט פֿון „נאָוואָיע ווֹרעמיאַ" וועגן דעם צווייטן דעביוט פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע אין פּעטערבורג.

„שאַבעס דעם 25-טן יולי — דערציילט די הויפּטקע צײַטונג — האָט זיך אין קרעסטאָווסקער פּאַרק אויפֿגעקליבן אַ גרויסער אוילעם הויפּטזעכלעך פֿון ייִדן. עס איז פֿאָרגעשטעלט געוואָרן „דער פֿאַנאַטיק".

---

*) „Петербургские газеты" № 173, 1881.

**) וועגן ערשטן דעביוט פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע ווערט דערציילט אויך אין דער צײַטונג С. Петербургские Ведомости № 172 אָנווייזנדיק ווי אויך דער ערשט-דערמאָנטער רעצענזענט אַף דעם שלעכטן וועטער פֿון דעם טאָג, באַמערקט די צײַטונג, אַז עס האָט זיך דעם אָוונט אויפֿגעזאַמלט אַזאַ גרויסער אוילעם, וועלכן מע האָט ניט געזען אין קרעסטאָווסקער גאָרטן פֿון זינט ער איז געעפֿנט געוואָרן. די צײַטונג גיט אַ גינסטיקע אָפּשאַצונג פֿון דער אַקטיאָרישער שפּיל אין „שמענדריק" צוגעבנדיק, דערבײַ, אַז די אַפּלאָדיסמענטן זײַנען טיילווייז געווען באַשטימט פֿאַרן אַווטאָר. אַזאַ אָפּשאַצונג וואָלט עפּשער געהאַט פֿאַר אונדז אַ געוויסן ווערט, ווען ניט דער פֿאַקט, אַז די אָנגערופֿענע צײַטונג—אַמאָל אַ גאַנץ ערנסטע צײַטונג—איז גראַדע אין דער צייט אַרײַנגעפֿאַלן אין פֿאַרדאָרבענע הענט. אַגעוו ווערט אין דער זעלבער צײַטונג (№ 170) געמאָלדן, אַז גאָלדפֿאַדנס טרופּע איז געקומען קיין פּעטערבורג אין באַשטאַנד פֿון „העכער דרייסיק מאַן", וואָס האָט דעמאָלט אַפֿילע פֿאַר פּעטערבורג, ווי עס ווערט דערבײַ אָנגעוויזן, געהייסן אַ גאַנץ גרויסע טרופּע

דער רעצענזענט ווײַזט אָן, אַז די אָפּערעטע פֿאַרמאָגט ניט קיין קאָמישן עלעמענט, די טרופּע איז צו קלײן, דער אָרקעסטער — אַ קלאָגעדיקער, די קאָסטיומען און דער גרים אויך שלעכט און ער קומט צום אויספֿיר, אַז בײַ אַזאַ שלעכטן באַשטאַנד און בײַ דער קלאָגעדיק־אָרעמער אויסשטאַטונג וועט די טרופּע ניט האָבן קיין דערפֿאָלג.

ווי אַ באַווײַז ברענגט דער רעצענזענט דעם פֿאַקט, אַז שוין נאָך דעם ערשטן אַקט פֿון דער פֿאָרשטעלונג האָט „אַ העלפֿט ייִדן פֿאַרלאָזט דעם גאָרטן" *).

אַנטקעגן די צוויי געבראַכטע רעצענזיעס קלינגט ווי אַ דיסאָנאַנס די דריטע גרעסערע רעצענזיע, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דעמזעלבן טאָג אין דער צײַטונג „נאָוואָסטי". ניי איז אין דער דאָזיקער רעצענזיע ניט די אָפּשאַצונג פֿון דער קינסטלערישער זײַט פֿון גאָלדפֿאַדנס פֿאָרשטעלונגען, נאָר דער צוגאַנג צום ייִדישן טעאַטער, ווי צו אַ באַדײַטנדיקן קולטורעל־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַקטאָר.

„שטרענג גערעדט — שרײַבט דער רעצענזענט — קענען מיר ניט ניט באַגריסן דעם פֿאַקט פֿון אזינע פֿאָרשטעלונגען. פֿון שטאַנדפּונקט פֿון קונסט האָבן די פֿאָרשטעלונגען קיין באַדײַטונג ניט. מיר האָבן געזען באַרימטע אַרטיסטן; וואָס זשע קאָן געבן אַ וואַנדערנדיקע אָרעמע טרופּע? אָבער דער דאָזיקער קריטערי איז ניט אײַנגאַנצן פּינקטלעך. די ייִדן קאָנען ניט געבן קיין גוטן טעאַטער מיט איין מאָל. די זאַך פֿון טעאַטער איז אַ נײַע זאַך פֿאַר זיי און באַשאַפֿנדיק דעם טעאַטער, האָט גאָלדפֿאַדן געדאַרפֿט אָנהייבן Ab ovo. ער האָט געדאַרפֿט פּאַטערן ניט ווייניק מי און ענערגיע, קעדיי צו געפֿינען דרײַסטע און אַנטשײַדענע מענטשן, וואָס האָבן קיין מורא ניט, אַז פֿאַר זייער טעטיקייט וועט מען זיי אַרײַנלייגן אין חרם. נאָכדעם האָט מען די דאָזיקע מענטשן געדאַרפֿט לערנען, מע האָט געדאַרט אַליין שרײַבן פּיעסן, צוקלײַבן מוזיק און אַזוו. דאָס אַלץ, פֿאַרשטייט זיך, איז שווער געווען און מיט איין מאָל האָט עס זיך מיט אַ דערפֿאָלג ניט געקענט באַקרוינען. אָבער דאָס איבעריקע וועט שוין דערטאָן די צײַט און די אַרבעט; דערווייל איז אָבער וויכטיק די אידייע. די אידייע פֿון ה. גאָלדפֿאַדן איז דער קאַמף מיטן פֿאַנאַטיזם דורכן טעאַטער. ער פֿירט דעם דאָזיקן קאַמף ענערגיש און שפּילט דעריבער זשאַרגאָן, קעדיי צו זײַן צוטריטלעך דער מאַסע פֿון פעבל (Массе черни).

אָפּשטעלנדיק זיך נאָך גענויער אויף די אויפֿקלער־טענדענצן פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע, קומט דער רעצענזענט צום באַשלוס, אַז „אין די ערטער, ווו דער קאָנטינגענט פֿון ייִדנטום איז גרויס, קאָן אַזאַ טרופּע האָבן אַ נוצלעכע און לעבעדיקע באַדײַטונג. פֿון דעם שטאַנדפּונקט קענען מיר ניט ניט באַגריסן אַזעלכע שױשפּילן" **).

---

*) «Новое Время» № 1943, 1881.

**) «Новости и Биржевая газета» № 196, 1888.

אַזאַ אַנערקענונג פֿון דער קולטור־געזעלשאַפֿטלעכער באַדײַטונג, וואָס עס האָט געהאַט גאָלדפֿאַדנס טעאַטער, האָט אין אַ דעמאָלטיקער פּעטערבורגער צײַטונג געמוזט קלינגען גענוג איבערצײַגנדיק און דער אָביעקטיווער טאָן פֿון דער רעצענזיע האָט געמוזט אָפּשוואַכן די פֿאַרגיפֿטנדיקע אָפּשאַצונגען פֿון די פֿריער־ציטירטע פּעטערבורגער צײַטונגען. קאָנטיק, אַז קעדײַ נאָך מער צו פֿאַרשטאַרקן זײַן פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פֿון גאָלדפֿאַדנס טרופּע, שרײַבט דער רעצענזענט פֿון „נאָוואָסטי“: „אין טעאַטער זײַנען געווען אַכטאַך ייִדן, וואָס האָבן געהערט צום אינטעליגענטן קלאַס. אַלע האָבן געלאַכט פֿון פֿולן האַרצן. דער ספּעקטאַקל איז אַפּאָנים געפֿעלן געוואָרן“.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז די דרײַ רעצענזיעס, וואָס מיר האָבן געבראַכט, האָבן אָפּגעשפּיגלט די אַלגעמײַנע געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישע טענדענצן פֿון דער אָדער יענער צײַטונג. פֿאַר דער צײַטונג „נאָוואָסטי“, וואָס האָט געהאַט אַ געוויסע ליבעראַלע שטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, איז דער אָביעקטיווער טאָן פֿון דער רעצענזיע געווען מער נאַטירלעך, איידער פֿאַר דער צײַטונג „נאָוואָיע וורעמיאַ“, וואָס האָט שוין צו יענער צײַט גענומען אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם אויסערלעכן לעוויש פֿון פּראָגרעסיווע אַנשויונגען. עס איז אָבער קעדאַי צו באַמערקן, אַז אויך די צײַטונג „נאָוואָיע וורעמיאַ“ האָט שפּעטער גענומען אַן אַנדער שטעלונג צו גאָלדפֿאַדנס טעאַטער. נאָך דאָס איז געקומען מיט עטלעכע כאָדאָשים שפּעטער נאָכדעם, ווי גאָלדפֿאַדנס טרופּע האָט דורכגעמאַכט שוין אַ געוויסן עטאַפּ אין פּעטערבורג.

ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, זײַנען די ערשטע פֿאָרשטעלונגען פֿאָרגעקומען אין קרעסטאָווסקן גאָרטן. אַפּאָנים, אַז אין דער צײַט האָט גאָלדפֿאַדנס טרופּע, ניט ווײַסנדיק נאָך, ווי לאַנג זי וועט פֿאַרבלײַבן אין פּעטערבורג, דורכגעפֿירט די פֿאָרשטעלונגען מיט אַ קנאַפּער אָנשטרענגונג. כוץ דעם מאַנגל אין אויסשטאַטונג און קאָסטיומען האָט אויך געפֿעלט אַן אַנשטענדיקער אָרקעסטער, וואָס רופֿט אַרויס אײַנשטימיקע פֿאָרוואָרפֿן מיצאַד אַלע פּעטערבורגער רעצענזענטן. „די דעביוטן פֿון דער ייִדישער טרופּע — שרײַבט דער רעצענזענט פֿון יענער צײַט — ווערן פֿאָרגעזעצט אין טעאַטער פֿון קרעסטאָווסקן גאָרטן בײַ אָרעמע דעקאָראַציעס, בײַ אַ שלעכטער אויסשטאַטונג און אַן אומעגלעכן אָרקעסטער, אין וועלכן די אָרעמקייט פֿון די סטרונע־אינסטרומענטן, די העפֿקערדיקע טרומייטערײַ פֿון די טרובעס און דאָס דונערן פֿון דעם מאָנומענטאַלן טערקישן פּויק (נאָך מיט טאַצן דערצו!) דערמאָנען אין די סימפֿאָנישע איבונגען פֿון די ברודער זעמעל און די קלאָונעס אָזאַרני“ *).

פּונקט אַזוי ווערט אויך בײַ אַלע רעצענזענטן אָנגעוויזן אַף דער שוואַכקייט פֿון פֿרויען־פּערסאָנאַל אין גאָלדפֿאַדנס טרופּע.

ווי עס זעט זיך, האָט גאָלדפֿאַדן דאָס אַלעס געמוזט נעמען אין אַכט און ווי נאָר עס איז קלאָר געוואָרן, אַז ער פֿאַרבלײַבט אין פּעטערבורג אַף אַ לענגערע צײַט,

*) „Петербургский Листок“ № 146, 1881.

האָט ער גלייך גענומען זאָרגן וועגן פֿאַרבעסערן דעם באַשטאַנד פֿון דער טרופּע. אָנהייב אָקטיאַבער פֿון יאָר 1881 לייענען מיר שוין אין דער צייטונג „נאָוואָסטי" פֿאָלגנדיקע נאָטיץ: „אונדז ווערט געמעלדעט, אַז די ייִדישע אָפּערעטן-טרופּע פֿון די ה. ה. גאָלדפֿאַדען און צוקערמאַן בלייבט אין אונדזער הויפּט-שטאָט אויף אַ גאַנצן ווינטער, דערויף האָט זי שוין באַקומען אַ דערלויבעניש פֿון פּעטערבורגער אָבער-פּאָליצמייסטער גענעראַל-מאַיאָר קאָזלאָוו. די פֿאָרשטעלונגען וועלן געגעבן ווערן אין זאַל פֿון ביליקע דירעס, אין איזמאַילאָוו-פּאָלק. באַ היינטיקן טאָג איז מען שוין צוגעטראָטן צו דער נויטיקער רעמאָנטירונג פֿון דער סצענע און עס זיינען שוין באַשטעלט געוואָרן נייע דעקאָראַציעס. דער ה. צוקערמאַן איז אָפּגעפֿאָרן קיין אדעס, קעדיי צו אַנגאַזשירן אייניקע פּרימאַדאָנעס" *). דער איבערגאַנג אין זאַל פֿאַר ביליקע דירעס, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין אָקטיאַבער פֿון 1881 האָט קאָנטיק געבראַכט אַ געוויסע פֿאַרבעסערונג אין די פֿאָרשטעלונגען פֿון גאָלדפֿאַדענס טרופּע און עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס גלייך נאָכדעם טרעפֿן מיר אין „נאָוואָיע ווּרעמיאַ" שוין אַ גינסטיקע רעצענזיע וועגן גאָלדפֿאַדענס טעאַטער.

„די ייִדישע טרופּע פֿון ה. גאָלדפֿאַדען — שרייבט דער רעצענזענט — האָט געפֿונען אַ מאָקעם-מעגוכע אין דעם ניט גרויסן און וויטן פֿון צענטער זאַל פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַר ביליקע דירעס. דיזאָזיקע טרופּע גיט אירע פֿאָרשטעלונגען יעדער טאָג און ציט צו אַ גאַנץ פֿיל-צאָליקן און דערביים איינגאַרטיקן עולעם. צוויי מאָל האָט זיך מיר איינגעגעבן צו זיין אויף דיזאָזיקע ספּעקטאַקלען. ביידע מאָל האָב איך געטראָפֿן אָפּערעטן-פֿאָרשטעלונגען און ביידע מאָל איז דער זאַל געווען געפּאַקט.

די קליינע סצענע, דער אומבאַקאַנטער זשאַרגאָן, דער שוואַכער אָרקעסטער — דאָס זאָלן מאַכן לעכאַטשילע אַ ניט-אַנגענעמען איינדרוק, אָבער נאָכדעם געוואוינט איר זיך ביסלעכווייז צו צו דערזאָזיקער סוויווע און סאָפּקאָלכאָף קומט איר צו דער איבערצייגונג, אַז די פֿאָרשטעלונגען פֿון דער ייִדישער טרופּע זיינען גאַנץ אָריגינעל, אַז אין דער צאָל פֿון די אַקטיאָרן זיינען פֿאַראַן גאַנץ מאַלאַנטפֿולע פּערזאָנען און אַז אין אַלגעמיין האָבן די ספּעקטאַקלען אַסאַך געמיינזאַמעס מיט די דייטשישע פֿאָרשטעלונגען, דיזעלביקע אָפּטמאָל אומנאַטירלעכע דעקלאַמאַציע און דערזעלביקער שיק באַם אויספֿילן די קופּלעטן.

ווייטער שטעלט ער זיך אָפּ אויף דעם אַקטיאָרן-באַשטאַנד, טיילט אויס אייניקע פֿון זיי (פֿישקינד און צוקערמאַן) און באַמערקט דערביי: „די אויסשטאַטונג איז אַ גאַנץ אָנשטענדיקע" **).

דאָס איז שוין געווען אין יאַנוואַר פֿון 1882 אַ קורצע צייט פֿאַר דעם ווי גאָלדפֿאַדען האָט פֿאַרלאָזן פּעטערבורג.

ווי זשע איז געווען די באַציונג צו גאָלדפֿאַדען מיצאַד די טאָן-געבער פֿון דער פּעטערבורגער ייִדישער געזעלשאַפֿט אין מעשעך פֿון דער צייט, ווען גאָלדפֿאַדען האָט

*) «Новости и Биржевая Газеты» 263. 1881.
**) „Новое Время" № 2111, 1882.

גאַסטראָלירט אין פּעטערבורג? די רוסיש־ייִדישע פּרעסע האָט גאַנץ אויפֿמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך גאָלדפֿאַדנס גאַסטראָלן אין פּעטערבורג. מיר האָבן אין „רוסקי יעווריי“ אַ גענויעם אַרטיקל־באַריכט וועגן גאָלדפֿאַדנס ערשטער פֿאָרשטעלונג אין פּעטערבורג.

אין דעם אַרטיקל איז פֿריִער פֿאַר אַלץ אינטערעסאַנט פֿאַר אונדז דאָס, וואָס, ניט געקוקט אַף דער אַלגעמיינער נעגאַטיווער באַציִונג צו גאָלדפֿאַדנס טעאַטער, ווערט דאָך אָנערקענט, אַז די אַקטיאָרישע שפּיל איז געווען אַף אַ געוויסער הייך. די אַקטיאָרן ווערן געלויבט, דערפֿאַר אָבער ווערט שוין גאָרניט געלויבט אַ. גאָלדפֿאַדן, דער פֿאַרפֿאַסער פֿון „שמענדריק“, וואָס איז דאָ אויפֿגעפֿירט געוואָרן. דער רעצענזענט זעט אין „שמענדריק“ נאָר עפּעס אַ פֿאַנטאַזיע „ניט פֿון דער וועלט“, אַן אָפּקלאַנג פֿון אַ ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט. ער זעט ניט אין דער פּיעסע קיין ענטפֿער אַף קיין איינציקער צייט־פֿראַגע. ער וויל אין דער פֿאָרשטעלונג ניט אָנערקענען קיין לעבנשטייגער. ער וויל ניט אָנעמען די געשטאַלטן פֿאַר טיפּן פֿון ייִדישן לעבן, אָבער מער פֿאַר אַלץ פֿאַרדריסט אים, וואָס אין „שמענדריק“ איז ניטאָ קיין קינסטלערישער טאַקט, קיין געפֿיל פֿון מאָס, וואָס איז דער sine qua non פֿון פּאָעטישן שאַפֿן 88). אָט אַזוי ווערט אין פּעטערבורג באַגעגנט גאָלדפֿאַדנס טרופּע.

די ערשטע פֿאָרשטעלונג, ווי גאָלדפֿאַדן האָט באַוויזן זיך פֿאַר די ייִדישע קריטיקער מיט זיין געוויינטלעכן רעפּערטואַר, האָט בײַ דער קריטיק ניט אויסגענומען. אָבער דאָסמאָל האָט עס גאָלדפֿאַדענען ווייניק וואָס געדאַרפֿט שרעקן, ווײַל אַליין גאָלדפֿאַדן האָט שוין געדאַרפֿט פֿילן, אַז ער איז גרייט צו גיין אַנטקעגן די פֿאָדערונגען פֿון זײַנע ייִדישע קריטיקער.

ש. אַנסקי, וועלכער האָט געוויס באַקומען זײַנע ידיעות פֿון מענטשן, וואָס זײַנען אין דער צײַט געשטאַנען נאָענט צו גאָלדפֿאַדענען, דערציילט וועגן גאָלדפֿאַדנס איבערגאַנג צו זײַנע היסטאָרישע פּיעסן אַזוי:

„דער מער אויפֿגעקלערטער טייל פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ טיפֿער אַכטונג צום געדרוקטן וואָרט, איז געווען שאָקירט פֿון דעם לייכטזיניקן כאַראַקטער פֿון רעפּערטואַר פֿונם ייִדישן טעאַטער, און גאָלדפֿאַדן, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צו די מיינונגען פֿון דער אינטעליגענץ, האָט גענומען שרײַבן נאַציאָנאַלע דראַמען אַף היסטאָרישע טעמען“ 89).

דאָסזעלבע ווערט דערציילט אויך אין אַרטיקל „וועגן ייִדישן טעאַטער“ אין „יוד“. „כאַראַקטעריסטיש איז — שרײַבט אין „יוד“ י. גרינבוים — אַז די לעבנס־בילדער האָט מען אין פֿיל ערטער געפֿונען פֿאַר באַליידיקנדיקע פֿאַר דאָס גאַנצע ייִדישקײַט, פֿאַר אַנטיסעמיטישע. דאָס האָט געצוווּנגען גאָלדפֿאַדענען צו פֿאַרפֿאַסן זײַנע פּאָפּולערסטע שטיק: „באַר־קאָכבאַ“, שולאַמיס“, „ד״ר אַלמאַסאַדאַ“ 90).

נאָר איניִכן, נאָך גאָלדפֿאַדנס קומען אין פּעטערבורג, באַווײַזן זיך מעלדונגען וועגן גאָלדפֿאַדנס היסטאָרישע פּיעסן און דער מאָן פֿון דער פּרעסע ענדערט זיך

פּונקט אַף אַזוי פֿיל, אַף וויפֿל גאָלדפֿאַדן ענדערט אין זיינע היסטאָרישע פּיעסן דעם אינהאַלט פֿון זיין שאַפֿן.

אַזוי לייענען מיר אין „רוסקי יעווריי" וועגן דער ערשטער פֿאָרשטעלונג פֿון דער היסטאָרישער אָפּערעטע „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאַ" *):

„די אויפֿפֿירונג פֿון דער נייער פּיעסע באַגריסן מיר אַלס אַ שריט פֿאָרויס אין לעבאָלאָפּאָבעס אַלס אַ פֿריידיקע דערשיינונג אין דער געשיכטע פֿון יונגן יידישן טעאַטער. דער יידישער טעאַטער, וואָס עקזיסטירט אַזאַ קורצע צייט, האָט שוין געמוזט אויסהערן אַזוי פֿיל פֿאָרוואורפֿן, אַז עס האָט זיך שוין גענומען שאַפֿן וועגן דעם אַ גאַנצע ליטעראַטור. דער יידישער טעאַטער פֿאַרדאַרבט דעם געשמאַק, ער פֿאַרשפּרייט לייכטזיניקייט — זאָגן איינע, פֿון דער צווייטער זייט האָט מען געהערט קלאָגן זיך אַף דעם פּובליקום, אַז עס האָט בלויז נאָר צו קאָמישע סיטואַציעס. קאָן זיין, אַז גערעכט זיינען אי דער אי יענער צד, אַלנפֿאַלס, האָט א. גאָלדפֿאַדן מיט דער אויפֿפֿירונג פֿון דער נייער פּיעסע... געטאָן זייער גוט, ווייל ער האָט זיך גענומען עקספּלאָאַטירן די יידישע געשיכטע. אויב פֿון דער אויספֿירונג האָט מען געקאָנט פֿאַרלאַנגען עפּעס בעסערס, האָט אָבער די פּיעסע אַליין געמאַכט אַפֿן פּובליקום אַ גוטן איינדרוק. עס איז לאַנג שוין צייט אַוועקצוואַרפֿן די פֿריילעכע סיטואַציעס, אָט די אַלע „שמענדריקעס", דאָס אויסלאַכן און שטראָפֿן אַף אַ פֿאַרשפּעטיקטן אופֿן די ניט-עקזיסטירנדיקע געשפּענסטער" 91).

נאָך אַזאַ רעצענזיע האָט א. גאָלדפֿאַדן געקאָנט רעכענען, אַז דער ציל פֿון זיין רייזע קיין פּעטערבורג איז דערגרייכט, אָבער ווי געזאָגט זיינען די היסטאָרישע פּיעסן געשריבן געוואָרן ניט נאָר קעדיי צו געפֿעלן די יידישע קריטיקער, דאָס גאַם אויך דאָס איז געשטאַנען ניט אַפֿן לעצטן אָרט בא גאָלדפֿאַדענען. די היסטאָרישע פּיעסן הויבן אָן איצט אָנמערקן אַ נייעם עטאַפּ אין גאָלדפֿאַדנס דראַמאַטישן שאַפֿן **). דאָס כאַראַקטעריסטישע פֿאַר גאָלדפֿאַדענען אין דעמדאָזיקן עטאַפּ איז דאָס, וואָס ער שטרעבט אין זיינע פּיעסן אַריינצוטראָגן אַן עלעמענט פֿון אידעאַלי-

---

*) וועגן דעם דערפֿאָלג פֿון ד״ר „אלמאסאדא" אין פּעטערבורג הערן מיר פֿון גאָלדפֿאַדן אַליין צו דערציילן אין זיין לידער-זאַמלונג: „ייסראָליק", ווו עס ווערט צו איינעם „פֿון די לידער געגעבן אַזאַ באַמערקונג: „דאָס באַליבטע ליד האָב איך פֿאַרפֿאַסט צו מיין פּיעסע „אַלמאַסאַדאָ", וואָס איז צום ערשטן מאָל אויפֿגעפֿירט געוואָרן אַף פּעטערבורגער בינע דעם 12 יאַנוואַר 1888 יאָר און גרויס פֿוראָר געמאַכט".

**) וועגן גאָלדפֿאַדנס היסטאָרישע פּיעסן איז ביז אַהער נאָך זייער ווייניק געשריבן געוואָרן. בא אַ גענויער באַהאַנדלונג האָט מען געקאָנט פֿעסטשטעלן, ווי אַזוי גאָלדפֿאַדן האָט אַהער, אין דעם נייעם „היסטאָרישן" זשאַנער אַריבערגעטראָגן אייניקע עלעמענטן פֿון זיינע פֿריערדיקע שטייגער-קאָמעדיעס און פֿאַרסן און וואָס עס איז אין דידאָזיקע היסטאָרישע פּיעסן געווען נייס פֿאַר גאָלדפֿאַדענען. עס קאָן אָבער קיין צווייפֿל ניט זיין, אַז אין אַלגעמיינע שטריכן האָבן די היסטאָרישע פּיעסן אָפּגעשפּיגלט גאָלדפֿאַדנס נייע שטימונגען, וואָס זיינען געקומען נאָך דער פּאָ-

זאַציע פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. עס ווערן דעמאָלט צום ערשטן מאָל אויפֿגעפֿירט „דאָקטער אַלמאַסאַדאַ“, „באַר־קאָכבאַ“ און גאָלדפֿאַדנס פֿאַרלאַנג נאָך היסטאָרישע סיוזשעטן איז אַזוי גרויס, אַז ער גרייט צום ערשטן מאָל אַרײַנצונעמען אין זײַן רעפּערטואַר אַ ווערק פֿון אַן אַנדערן מחבר. מיר דערוויסן זיך פֿון „פֿאָלקס־בלאַט“, אַז גאָלדפֿאַדן גרייט צו די אויפֿפֿירונג פֿון גוצקאָווס „אוריעל אַקאָסטאַ“ — אין זײַן אייגענער באַאַרבעטונג 92).

גאָלדפֿאַדן פֿאַרבלײַבט אין פּעטערבורג העכער אַ האַלב יאָר און פֿאַרלאָזט אים ערשט אין פֿעברואַל פֿון 1882 יאָר.

צו דער צײַט ווען גאָלדפֿאַדן האָט פֿאַרלאָזן פּעטערבורג, ד. ה. אין אָנהייב פֿון 1882 יאָר, איז דער צושטאַנד פֿון יידישן טעאַטער אַף אַזוי פֿיל פֿאַראַנדערט געוואָרן, אַז גאָלדפֿאַדן האָט געמוזט זיך שוין רעכענען דערמיט. גאָלדפֿאַדן האָט געמוזט איינזען, אַז ער הערט בכלל אויף צו זײַן דער איינציקער הערשער פֿון דער יידישער בינע אין רוסלאַנד. אין 1881 יאָר האָט גאָלדפֿאַדן געהאַט אויסצושטיין אַ קאָנקורענץ בלויז אין אָדעס גופֿא. אַרויספֿאָרנדיק פֿון אָדעס האָט ער געקענט פֿריי אויסקלייבן זיך אַ מאַרשרוט, פֿאַרבלײַבן אין יעדער שטאָט וויפֿל ער האָט געוואָלט, און בכלל פֿילן זיך פֿריי פֿון יעטווידער קאָנקורענץ. אין 1882 און 1883 יאָרן איז די לאַגע געוואָרן אַנדערש. גאָלדפֿאַדנס קאָנקורענטן (די טרופּעס פֿון לערנער, מאַגילעסקאַ) האָבן שוין אָנגעהויבן באַזוכן אויך אַנדערע שטעט ביז אָדעס (פּאָלטאַווע, קעשענעוו און אַנד.). אין אָדעס גופֿא האָבן זיך גאָלדפֿאַדנס קאָנקורענטן שוין אַוואַדע פֿאַרפֿעסטיקט. איצט דאַרף גאָלדפֿאַדן אָדער אָנהייבן אַ פֿאַרביטערטן קאַמף מיט זײַנע קאָנקורענטן, אָדער מאַכן מיט זיי שותּפֿעס.

ווען מע קוקט זיך צו צו גאָלדפֿאַדנס טעטיקייט אין די יאָרן 1882—1883, זעט מען, אַז גאָלדפֿאַדן שטעלט זיך ניט אָפּ פֿעסט אַף איינעם פֿון די דאָזיקע צוויי וועגן.

גאַנץ אָפֿט קומט עס צו פֿיינטלעכע צוזאַמענשטויסן מיט זײַנע קאָנקורענטן, עס טרעפֿט אָבער אויך, אַז גאָלדפֿאַדן אַנערקענט די מאַכט פֿון זײַנע קעגנער און גייט איין צו מאַכן שותּפֿעס אַף אַ צײַט. אַזאַ שותּפֿעסדיקע טרופּע פֿון גאָלדפֿאַדנס און לערנערס אַקטיאָרן האָט געשפּילט אין אָדעס סאָף 1882. אָבער שוין אין די ערשטע טעג פֿון יאַנוואַר חודש 1883 לייענען מיר אין אַ אָדעסער צײַטונג פֿאָלגנדיקעס:

גראָם־צייט, די שטימונגען פֿון אַ מענטן, וואָס וויל אין עפּעס טשוועט טאָן, וויל פֿאַרבייטן דעם דעם עפֿעקט פֿון זיין פֿריערדיקער בייסנדיקער סאַטירע אַף דער אידעאַליזאַציע פֿון טראַדיציאָנעלע יידישע פֿיגורן. דידאָזיקע ווענדונג אין גאָלדפֿאַדנס שאַפֿן האָט זיך בולעט אַרויסגעוויזן אין פּעטערבורג. אויב מיר האָבן נאָך פֿאַר פּעטערבורג געהאַט יעדיעס וועגן גאָלדפֿאַדנס פּרוּוו צושרייבן היסטאָרישע פּיעסן, איז עס אָבער דעמאָלט נאָך געווען ניט מער ווי אַן עפּיזאָד. אין פּעטערבורגער פּעריאָד ווערט די באַאַרבעטונג פֿון היסטאָרישע סיוזשעטן פֿאַרוואַנדלט בײַ גאָלדפֿאַדענען אין אַ סיסטעם, וואָס אַנטשפּרעכט זיין נייעם געדאַנקען־גאַנג.

„דער אַנטרעפּרענער פֿון דער יידישער טרופּע ה. גאָלדפֿאַדען האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעטיילט פֿון זיין קאָמפּאַניאָן ה. לערנער און האָט איבערגעטראָגן זיינע פֿאָרשטעלונגען אינם האַנטווערקער-קלוב, ווו עס איז שאַבעס, דעם ערשטן יאַנואַר געגעבן געוואָרן די ערשטע פֿאָרשטעלונג מיטן אָנטייל פֿון די הערן שיינגאָלד און צוקערמאַן. ווי עס באַווייזט זיך די יידישע געזעלשאַפֿט צום ה. גאָלדפֿאַדען, האָט מען געקענט זען פֿון דעם, וואָס דער זאַל איז געווען איבערפֿול מיט אוילעם, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס די פּיעסע „דוואָסיע די פּליאָטקע-מאַכערין" איז ניט קיין נייע זאַך" 93).

אין אַזאַ פֿאַל ווען גאָלדפֿאַדען איז זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען מיט זיינע שותּפֿים, האָט עס באַטייט דעם אָנהויב פֿון אַ פֿאַרביטערטער העצע, וועלכע לערנער האָט מיט אַלע מיטלען געפֿירט קעגן גאָלדפֿאַדענען *). ווי עס ווערט דערציילט אין איניקע ערטער, האָט צווישן די קאַמף-מיטלען קעגן גאָלדפֿאַדענס טעאַטער באַזונדערס געגאָלטן די מעסירע. צו דעם אויסגעפּרוּווטן מיטל פֿלעגן אָנקומען ניט נאָר גאָלדפֿאַדענס קאָנקורענטן.

גאָלדפֿאַדענס טעאַטער האָט געהאַט נאָך פֿאַרביטערטע סאָנים, וואָס האָבן מיט פֿאַרייניקטע קוילעס געקעמפּט קעגן אים. דאָס זיינען געווען פֿריער פֿאַר אַלץ די פֿאָרשטייער פֿון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע צוזאַמען מיט דער יידישער געלט-אַריסטאָקראַטיע. פֿון פֿאַרשיידענע קוועלן **) הערן מיר, אַז מעסירעס אַף דעם יידישן טעאַטער האָבן באַזונדערס געשטאַמט פֿון „אונדזערע גרויסע באַנקירן, די פֿאָנען-טרעגער פֿון דער אָפֿיציעלער האַסקאָלע און פֿון דער אידעע פֿון אַסימיליאַציע" 95). אויב אין די פֿריערדיקע צייטן האָבן די אידעאָלאָגן פֿון דער יידישער רעאַקציע באַנוגנט זיך מיט אַ העצע-קאַמפּאַניע אין דער רוסיש-יידישער פּרעסע, איז דאָס איצט שוין, קאָנטיק, געווען ווייניק פֿאַר זיי. זייער פֿאַרלאַנג איז געווען צו אַרויסרופֿן אַ דירעקטן פֿאַרבאָט פֿון יידישן טעאַטער. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿאַר דער צאַרישער רעגירונג איז די העצע קעגן גאָלדפֿאַדענען געווען נאָר צום האַנט און זי האָט נאָר געוואַרט אַף אַ געלעגנהייט, קעדיי צו מאַכן אַ סאָף צו דער עקזיסטענץ פֿון יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד.

גאָלדפֿאַדענס טרופּע האָט דערווייל מיט דערפֿאָלג געשפּילט (דאָסמאָל שוין אָן שותּפֿים) אין אָדעס. נאָך אין פֿעברואַל כוידעש פֿון 1883 גייט גאָלדפֿאַדען ווידער איבער

*) צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון די מיטלען, צו וועלכע לערנער פֿלעגט אָנקומען אין דער טעאַטער-רעקלאַמע, איז קעדאַי אָנצוווייזן: אין 1883 האָט אַן אָדעסער צייטונג, געבנדיק אַ מעלדונג וועגן דער טרופּע פֿון לערנער, געשריבן, אַז די טרופּע ווערט געשטיצט פֿון אַ לאָנדאָנער מיסיאָנערישער געזעלשאַפֿט און דער ציל פֿון די פֿאָרשטעלונגען, וואָס די טרופּע וועט געבן, וועט זיין: באַקאַנט מאַכן יידן מיטן וועזן פֿון קריסטנטום 94).

**) גריגבוים דערציילט אין „יוד" וועגן דעם, ווי „אונדזערע באַלעטויוועס" האָבן געפֿירט זייער קאַמפּאַניע קעגן גאָלדפֿאַדענען: „מע האָט פּאָשעט געשריבן אַ מעסירע צום „מיניסטער"— שרייבט גריגבוים 96).

פֿון האַנטווערקער־קלוב אין מאַריען־טעאַטער. ער פֿירט אויף מיט דערפֿאָלג נייע פּיעסן („ד״ר אַלמאַסאַדאַ״, „באַר קאָכבאַ״, „יעהודאַ האַמאַכּאַבי״ 97), וועלכע זיינען נאָך אין אָדעס ניט אויפֿגעפֿירט געוואָרן *). אָבער דאָס זיינען שוין געווען די לעצטע טאָג־טעטיקייט פֿון זיין טעאַטער־עקזיסטענץ. דעם פֿערצנטן סעפּטעמבער איז אַרויס דער באַפֿעל, וואָס האָט פֿאַרבאָטן יידישע טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען אין רוסלאַנד.

די אָדעסער צייטונגען, וואָס האָבן ניט מיטאַמאָל פֿאַרעפֿנטלעכט די ידיעה וועגן טעאַטער־פֿאַרבאָט, האָבן פּלוצים אין סעפּטעמבער כּסדרדיק געמעלדן, אַז אין מאַריען־טעאַטער וועלן פֿאָרקומען פֿאָרשטעלונגען פֿון אַן ענגליש־אַמעריקאַנישער טרופּע קאָמיקער, גימנאַסטן און אַקראָבאַטן, און מיט זיי צוזאַמען וועלן אַרויסטרעטן אַרטיסטן פֿון דער יידישער טרופּע 98).

נאָכדעם זיינען די אַנאָנסן וועגן מאַריען־טעאַטער אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן און ערשט דעם 25־טן סעפּטעמבער האָט זיך אין אַן אָדעסער צייטונג באַוויזן פֿאָלגנדיקע נאָטיץ:

„אין ריגע זיינען איבערגעריסן געוואָרן די פֿאָרשטעלונגען פֿון אַ יידישער דראַמאַטישער טרופּע — אַזאַ ווי בא אונדז — וואָס האָט דאָרטן געשפּילט. די „Rigasche Zeitung“, וואָס טיילט מיט די דאָזיקע ידיעה, ניט צו דערביי, אַז לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿון דעם געהילף־מיניסטער פֿון אינערלעכע ענינים, דעם גענעראַל־לייטענאַנט אָרזשעווסקי, ווערט בכלל פֿאַרבאָטן צו געבן טעאַטראַלע פֿאָרשטעלונגען אַף דער יידישער שפּראַך. עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן, אַז די אויפֿפֿירונג פֿון איינציקע פּיעסן אַף דער דאָזיקער שפּראַך — האַגאַם זיי זיינען פֿריער דערלויבט געוואָרן — ווערט איצט גערעכנט פֿאַר אומפּאַסיק״ 99).

ווי עס זעט זיך פֿון אָדעסער צייטונגען איז גאָלדפֿאַדנס טרופּע דעמאָלט אין אָדעס ניט געווען.

וואַרשיינלעך, האָט ער דעמאָלט גאַסטראָלירט אין ריגע און דאָרט האָט אים געטראָפֿן דער טעאַטער־פֿאַרבאָט.

---

*) וועגן דער אָנפֿירנג פֿון גאָלדפֿאַדנס „באַר-קאָכבע״ אין אָדעס געפֿינען מיר אַן אָנווייזונג אין דער לידער-זאַמלונג „ייסראָליק״, וווּ גאָלדפֿאַדן גיט צו צו איין ליד אַזאַ באַמערקונג:

„דאָס ליד האָב איך פֿאַרפֿאַסט צו מיין פּיעסע „באַר-קאָכבע״, צום ערשטן מאָל אויפֿגעפֿירט אַף דער אָדעסער בינע דעם 5 מאַי 1883״.

.X

נאָך דעם פֿאַרבאָט פֿון יידישע טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען אין רוסלאַנד קומט אין גאָלדפֿאַדנס טעטיקייט אַף אַ קורצער צייט אַ געוויסע ווענדונג. ער טרעט ווידער אַרויס אַלס ליטעראַט. נאָך אין זעלביקן יאָר 1883 דערשיינט אין אָדעס „דאָס פֿידעלע" — „זאַמלונג יידישע פֿאָלקס־לידער, הומאָריסטישע און ערנסטע". דאָס ביכל איז באַצייכנט „ערשטע העפֿט". צי איז דערשינען נאָך אַ העפֿט איז אונדז ניט באַוווסט.

אין זעלבן יאָר איז אויך דערשינען די ערשטע דרוק־אויסגאַבע פֿון „שולאַמיס", וואָס באַקומט אַ באַזונדערן אינטערעס צוליב דעם פֿאָרוואָרט, וואָס איז צום בוך צוגעגעבן. גאָלדפֿאַדן שרייבט אין דעם פֿאָרוואָרט:

„דאָס פּובליקום, וואָס האָט געזען שוין שפּילן „שולאַמיס" אַף דער בינע, וועט באַמערקן יעצט וויפֿל איך האָב געענדערט אַ טייל שטעלן. די אורזאַכע דערפֿון וועל איך זיי דערציילן באַאריכות אין מיין ווערק „די ביאָגראַפֿיע פֿונם יידישן טעאַטער". פֿאַר דער האַנט האָב איך נאָך מיך צו שלאָגן אַצינד איין „על חטא" פֿאַר דעם פּובליקום „שחטאתי". — מיט די עטלעכע ד י י ט ש ע ווערטער, וואָס וואַרפֿן זיך דורך אין דעם סייפֿער בעשויגעג — גאָט ווייסט דעם עמעס, אַז איך בין דאָס אויך ניט געריין, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? מיסטאָמע איז אַזוי באַשערט".

אין דעמאָזיקן פֿאָרוואָרט ציט צו אונדזער אויפֿמערקזאַמקייט אַ ריי מאָמענטן. מיר דערוויסן זיך פֿריער פֿאַר אַלץ, אַז נאָך אין 1883 האָט גאָלדפֿאַדן געהאַט דעם פֿאַרלאַנג צו אָנהייבן שרייבן די „ביאָגראַפֿיע פֿון יידישן טעאַטער", צו וועלכער ער האָט זיך ערשט מיט פֿיל יאָר שפּעטער גענומען. מיר דערוויסן זיך אויך, אַז גאָלדפֿאַדן איז אין דער צייט שוין גענויגט געווען באַם דרוקן זיין „שולאַמיס" צו באַאַרבעטן אייניקע שטעלן, דהײַנו עס איז ניט קלאָר, צי האָבן מיר דאָ ניט אַן אָנצוהערעניש אַף דער צענזור. ענדלעך שטעלט אָפּ אונדזער אויפֿמערקזאַמקייט די באַמערקונג וועגן דעם סטיל, וועגן דער שפּראַך פֿון זיין ווערק, אַף וואָס גאָלדפֿאַדן פֿלעגט פֿאַר דעם גאַנץ ווייניק אַכטונג געבן.

אין אַלגעמיין גיט אונדז דער פֿאָרוואָרט דאָס רעכט אָנצונעמען, אַז דאָס אומקערן זיך צו ליטעראַרישער און אַרויסגעבערישער טעטיקייט איז געווען באַ גאָלדפֿאַדן פֿאַרבונדן מיט גאַנץ ערנסטע קאַוואָנעס.

אין יאָר 1884 דערשיינט נאָך אַ זאַמלונג פֿון גאָלדפֿאַדנס לידער אונטערן נאָמען „ישׂראליק“. אַהער זײַנען אַרײַן די מער באַליבטסטע לידער פֿון גאָלדפֿאַדנס פּיעסן, אָנהויבנדיק פֿון „די רעקרוטן“ ביז „באַרקאָכבא“ *).

גאָלדפֿאַדן געפֿינט זיך צו דער צײַט אין אָדעס. ווי עס איז צו זען פֿון זײַנע לידער פֿון דער צײַט, דערנענטערט ער זיך מיט דער ליבאס-ציון-באַוועגונג. דאָס ראָלל דער פֿון דער צײַט, ווי דאָס באַוווּסטע ליד „וואַנישאַ“, „יודעל סעמיט“ (געשריבן אין 1885), ווי אויך אייניקע לידער געדרוקטע אין דעם ביכל „דאָס פֿידעלע“, באַווײַזן, אַז גאָלדפֿאַדנס שטימונג אין דער צײַט געפֿינט זיך דורכויס אונטער דעם אײַנדרוק פֿון די פּאָגראָמען. גאָלדפֿאַדן שרײַבט דעמאָלט אין אַלגעמײַן גאַנץ פֿיל און עס דאַכט זיך שוין, אַז נאָך דער 10-יאָריקער האַפּסאָקע, ווען גאָלדפֿאַדן האָט פֿיגורירט נאָר אַלס אַ טעאַטער-מענטש, קערט ער זיך אום ווידער צו דער ליטעראַטור. אָבער גאָלדפֿאַדן פֿאַרבלײַבט זיך געטריי אויך דעמאָלט, און ווי נאָר עס באַווײַזט זיך אַ מעגלעכקײַט צו שאַפֿן אַ טעאַטער אין וואַרשע, פֿאַרלאָזט גאָלדפֿאַדן אָדעס, געזעגנט זיך ווידער מיט דער ליטעראַרישער טעטיקײַט און פֿאָרט קיין וואַרשע.

וואַרשע האָט שוין צו יענער צײַט אָנגעהויבן צו ווערן אַ גרויסער יידישער צענטער. דאָ האָט גאָלדפֿאַדן געקאָנט אויפֿמישן אַ ניי-קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון זײַן טעאַטער-אַנטוויקלונג. אָבער די יאָרן פֿון טעאַטער-פֿאַרבאָט האָבן קאָנטיק אין אַ געוויסער מאָס אונטערגעריסן גאָלדפֿאַדנס איניציאַטיוו און די וואַרשעווער יאָרן 1885—1887 זײַנען מיט קיין שום באַדײַטנדיקע נײַס אין גאָלדפֿאַדנס אַנטוויקלונג ניט באַצייכנט.

מערקווירדיק איז, אַז אין די יאָרן, ווען גאָלדפֿאַדן האָט זיך אַזוי נאָענט באַגעגנט מיטן פּוילישן יידנטום, האָט ער דאָך ניט געשאַפֿן קיין איין פּיעסע, אין וועלכער זײַנע אײַנדרוקן פֿון פּויליש-יידישן לעבן זאָלן ווערן אָפּגעשפּיגלט. מיר ווייסן גראָדע, אַז גאָלדפֿאַדן האָט געהאַט אַ טעווע גלײַך אַפֿן אָרט רעאַליזירן אין דראַמאַטישע ווערק די מאָטיווע, מיט וועלכער ער האָט זיך באַגעגנט. אַזוי האָט ער אין זײַן פּיעסע „די צוויי קינילעמלעך“ אַרײַנגעפֿירט די שטאָט לעמבערג מיט לעמבערגער פּערסאָנאַזשן. אין דער פּיעסע „דער פּאָדראַדטשיק“ האָט ער אויפֿגענומען די בוקארעסטער מאָטיווע אַרום דער רוסיש-טערקישער מלחמה און אויך די אָדעסער מאָטיווע האָט ער אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע פּיעסן.

עס איז דעריבער מערקווירדיק, וואָס די יאָרן, וועלכע גאָלדפֿאַדן האָט פֿאַרבראַכט אין פּוילן, האָבן קיינע שפּורן אין זײַן שאַפֿן ניט געלאָזן.

---

*) אף אן עקזעמפּליאר פֿון „ישׂראליק“, וואס געפֿינט זיך אין מענדעלע-ארכיוו (אדעס), איז פֿאראן אן אויפֿשריפֿט (אין העברעיִשן), גאלדפֿאַדן שרייבט אין א ווארעמען טאָן, אז דאס בוך ווערט געשענקט מע דעלן פֿון זיין פֿאַרערער און פֿריינד דעם מעכאַבער א. גאלדפֿאַדן. די אויפֿשריפֿט איז דאטירט: 9 מאי 1884, אדעס.

אַ דערפֿאָלג האָט גאָלדפֿאַדן געהאַט אין וואַרשע ניט קיין קלענערן, ווי אין די שטעט פֿון איבעריקן רוסלאַנד פֿאַרן טעאַטער־פֿאַרבאָט. אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון „ייִדישן פֿאָלקס בלאַט" דערציילט וועגן גאָלדפֿאַדנס גאַסטראָלן אין וואַרשע:

„וואָס זאָל איך אײַך מאַריעך זײַן, וואָס מיר האָט זיך ניט געגלויבט, קיין מאָל ניט געחלאָמט אַפֿילע, האָב איך דעם אָוונט געזען. עס איז אויסגעפֿירט געוואָרן צום 150־טן מאָל „שולאַמיס" אַ באַליבטע מעלאָדראַמע, פֿאַרפֿאַסט פֿון גאָלדפֿאַדענען; און דעם גאַנצן שטיק האָבן די אַרטיסטן זייערע ראָלן זייער גוט געשפּילט און מיט וואָס ניט צופֿרידן צו זײַן איז מיר ניט געבליבן. עס איז פּאָשעט געווען פֿאַרהאָסיק, וואָס איך האָב ביז איצט אַזוי אַ שלעכטן מיינונג געהאַט איבער דעם ייִדישן טעאַטער און די ייִדישע שוישפּילער ...

עס איז שוין באַ מיר דעמאָלט קיין ווונדער געווען, אַז אין אַ פּאָר יאָר צײַט איז די פּיעסע „שולאַמיס" 150 מאָל אויפֿגעפֿירט געוואָרן און דאָס טעאַטער וואַר שטענדיק פֿול און דיזעלבע האָט דעם בעסטן בייפֿאַל געהאַט. אַף מאָרגן בין איך שוין ווידער געווען אין טעאַטער און האָב מיט אומגעדולד געוואַרט ביז מען האָט דעם פֿאָרהאַנג אַרױפֿגעצויגן. מען האָט געשפּילט דעם „דאָקטער אַלמאַסאַדאַ", פֿון דעמזעלביקן פֿאַרפֿאַסער און איך וואַר געריהרט פֿון דער גאַנצער האַנדלונג. מרי' און ערנסט האָט דעמאָלט אַ באַליבטער אַקטיאָר ה. שפּיוואַקאָווסקי און זײַן פֿעדזשאָן דעם לײַדנדן דאָקטער פֿאָרגעשטעלט; נאָכער האָב איך געזען „באַרקאָכבאַ" און אַלעס איז געגאַנגען בעסער ווי געווינטשן מיט איינעם וואָרטע, די ייִדישע, כאָטש ניט געשולטע שוישפּילער האָבן מיט זייער שפּילן פֿאַרגלעט אַפֿילע דאָס, וואָס די מעכאַברים האָבן אָפֿט מיט זייער ניט גוט שרײַבן קאַליע געמאַכט און וואָס די קריטיק וואָלט זאָנסט געהאַט אויסצוזעצן" 100).

דער שרײַבער פֿון דערדאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ, ווי טמימעסדיק ער זאָל ניט פּרוּוון פֿאָרשטעלן זיך, איז דאָך קאָנטיק געווען ניט קיין צופֿעליקער מענטש אין דער ייִדישער פּרעסע, ווײַ גאָלדפֿאַדנס נאָמען פֿלעגט דאָסראָ דערמאָנט ווערן מיט אַן איראָניש שמייכל, אָדער גאָר איגנאָרירט ווערן.

הערױבער לאָזט דער קאָרעספּאָנדענט ניט דורך די געלעגנהײַט אַ שטאָך צו טאָן דעם מעכאַבער פֿון די ייִדישע פּיעסן ד.ה. גאָלדפֿאַדענען. עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש, וואָס דערדאָזיקער אויפֿגעקלערטער קאָרעספּאָנדענט דערמאָנט צו נויטן גאָר די „פּאַטריאָטישע" פּיעסן גאָלדפֿאַדנס ד.ה. די היסטאָרישע.

עס איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז גאָלדפֿאַדן האָט אין וואַרשע גלײַכצײַטיק געשפּילט אויך זײַנע ווייניקער „פּאַטריאָטישע" פּיעסן, ווי די „קישעפֿמאַכערין", „שמענדריק" און אַנד. אַפּאָנים, דיזאָזיקע פּיעסן האָט עס דער קאָרעספּאָנדענט געמיינט, שרײַבנדיק, אַז „מאַנכע פּיעסן האָבן קיין קריטיק אויסגעהאַלטן" און דעם גאַנצן זכוס לייגט ער אַרויף אַף די אַקטיאָרן. דאָס אַליין איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער באַציִונג צו גאָלדפֿאַדנס טעאַטער אין יענער צײַט. מע האָט געקאָנט באַציִען

זיך איראָניש און אַפֿילע איגנאָרירט אַפּליקאַנטן צו גאָלדפֿאַדענען, ווי צו אַ מעכאַבער, אָבער די באַדייטונג פֿון זײַן טעאַטער איז שוין געשטאַנען אויסער יעדן ספֿק און אַנערקענען אים האָט געמוזט יעדערער.

דאָס האָט געמוזט אַנערקענען אויך י. מײַזאַך — דער מעכאַבער פֿון אַ ביכל, וואָס איז דערמאָלט אַרויס אין וואַרשע ספּעציעל וועגן ייִדישן טעאַטער. דאָסדאָזיקע ביכל אַף העברעיִש טראָגט דעמוואָלביקן נאָמען „במות ישחק“, ווי דאָס ביכל פֿון ג. אבראַמסקי, וואָס איז אַרויס אַף ייִדיש אין רומעניע, אין דעם ערשטן יאָר פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטער-טעטיקייט. ווי עס זעט זיך פֿון י. מײַזאַכס ביכל, איז אין דעם וואַרשעווער פּעריאָד דער אינטערעס צו גאָלדפֿאַדנס טעאַטער געווען ניט קלענער, ווי אין רומעניע.

און דאָך האָבן זיך נאָך דערמאָלט געפֿונען אין וואַרשע מענטשן, וואָס האָבן אַפֿילע די עקזיסטענץ-רעכט פֿון ייִדישן טעאַטער נעוואָלט אָפּלייקענען. אַזוי דערציילט דער דערמאָנטער קאָרעספּאָנדענט פֿון „ייִדישן פֿאָלקס בלאַט“, אַז אַף אייניקע פּאָרשטע-לונגען האָט ער געזען אויך וואַרשעווער ייִדישע רעדאַקטאָרן.

„אָבער דיזע רעדאַקטאָרן — שרײַבט דער קאָרעספּאָנדענט — זאָל זיי ניט צו שווער זײַן מײַנע רייד. זיי שרײַבן קיינמאָל ניט, אָדער זייער זעלטן, וואָס זיי שרײַבן זאָלן. אונדזערע בלעטער, זאָגן זיי, לעזט אַ פּובליקום, וואָס קומט קיינמאָל אין טעאַטער ניט אַרײַן און עס פּאַסט גאָר ניט, אַז מען זאָל גאָר וויסן, אַז מיר זײַנען אין טעאַטער כאָטש אין ייִדישן געווען“ 101).

גאָלדפֿאַדן האָט קאָנטיק געמוזט פֿילן אַף זיך אַ געוויסן דרוק פֿון דידאָזיקע קרײַזן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם באַקומט אַ באַזונדער אינטערעס אַן עפּיזאָד פֿון גאָלדפֿאַדנס וואַרשעווער יאָרן, וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט בײַ ציטראָנען אין „דרײַ ליטעראַרישע דורעס“. ציטראָן דערציילט וועגן אַן אינטערעסאַנטער באַגע-געניש פֿון פּערעץ און גאָלדפֿאַדן. די באַגעגעניש איז פֿאָרגעקומען אין דער וואוינונג פֿון שאָפּער (ראַבינאָוויטש) — דער רעדאַקטער פֿון העברעיִשן יאָר-בוך „כנסת ישראל“.

> — „העבריי — דערציילט ש. ל. ציטראָן — איז אויך געווען דער באַוווסטער דראַמאַטורג אַבֿרהם גאָלדפֿאַדן, וועלכער האָט פֿאַר אונדז דעקלאַמירט זײַן באַקאַנטע פּאָעמע „דער שטיין פֿון האַרצן“. איך געדענק, אַז פּערעץ איז ניט אַזוי שטאַרק געפֿעלן געוואָרן דער אינהאַלט פֿון דעם געדיכט גופֿא, ווי גאָלדפֿאַדנס קינסטלערישע דעקלאַמאַציע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינער געשפּרעך וועגן דעם ייִדישן טעאַטער און פּערעץ האָט באַנוצט די געלעגנהייט אויסצוואַרפֿן גאָלדפֿאַדענען זײַן „שמענדריק“ מיט „די צוויי קונילעמלעך“ א.אַ.וו. — אַז איך וואָלט געהאַט אײַער טאַלאַנט — אַזוי האָט זיך פּערעץ דערמאָלסט אויסגעדריקט, כאָטש, ווי מיר איז שפּעטער עטלעכע מאָל אויסגעקומען פֿון אים צו הערן, האָט ער פֿון גאָלדפֿאַדנס טאַ=

לאַנג ניט אַזוי שטאַרק געהאַלטן — וואָלט איך געבויט מײַנע דראַמעס צי קאָמעדיעס אַף פֿיל וויכטיקערע און עמעסערע זײַטן פֿון ייִדישן לעבן. אַט נעמט, לעמאָשל, די סיסטעמלאָזיקייט פֿון אונדזער קינדער־דערציִונג אין פּוילן... און פּערעץ האָט גאָר פֿון דאָס ניי גענומען ריידן אַף דערדאָזיקער טעמע, און גערעדט האָט ער אַזוי שיין און מיט אַזוי פֿיל היסלאַוועס, אַז ער האָט באַגייסטערט אַפֿילע דעם טרוקענעם פֿלעגמאַטישן שאַפֿער. גאָלדפֿאַדן, געדענק איך, האָט זיך שטאַרק אָנגענומען פֿאַר זײַנע „העלדן" און געוואָלט אופֿווײַזן, אַז זיי זײַנען לעגאַמרע ניט קיין קאַריקאַטורן, גאָר עמעסע באַשעפֿענישן, גענומען פֿון לעבן, צוגעריכט צוליב עפֿעקט מיט פֿאַרשיידענע מינים טעאַטער קרייטעכער. פּערעץ האָט זיך מיט גאָלדפֿאַדענען לאַנג מיסוואַקייאַך געווען, האָט אָפּגעשלאָגן אַלע זײַנע טענות און פֿאָרגעלייגט אַ גאַנצע רײַע שיִמע בילדער, וועלכע קאָנען און דאַרפֿן אָנגעטאָן ווערן אין דראַמאַטישע פֿאָרמען און פֿאָרגעשטעלט ווערן אַף דער ייִדישער בינע".

אין דערדאָזיקער ציטאַט ציט צו אונדזער אופֿמערקזאַמקייט באַזונדערס דער פֿאַקט, וואָס גאָלדפֿאַדן האָט, ווי ציטראָן דערציילט, אָנגענומען זיך פֿאַר זײַנע „העלדן". ווען דאָס זאָל זיך באַשטעטיקן, וואָלט דער פֿאַקט געקענט כאַראַקטעריזירן די נײַע שטימונגען, מיט וועלכע גאָלדפֿאַדן האָט זיך אַרומגעטראָגן אין וואַרשע.

אין אַלגעמיין האָט די דעמאָלטיקע וואַרשעווער סוויווע אין ליטעראַרישן זינען ווייניק וואָס געקאָנט געבן גאָלדפֿאַדענען. גאָלדפֿאַדן איז שוין דעמאָלט געווען אַן אויסגעשפּראָכענער ייִדיש־שרײַבער און וואַרשע האָט געהאַט נאָר אַ סוויווע פֿון העברעישע שרײַבער, וועלכע האָבן, ווי באַוווּסט, גאָלדפֿאַדנס פֿאַרדינסטן ווייניק געשעצט. דעריבער, קאָן זײַן, איז אַזוי אינטים פֿאָרגעקומען אין וואַרשע די באַגעגעניש צווישן גאָלחפֿאַדענען און צונזערן (וועגן דערדאָזיקער באַגעגעניש דערציילט ש. ציטראָן אין דעם ערשט־ציטירטן ווערק). גאָלדפֿאַדן און צונזער האָבן זיך באַגעגנט אין דער סוויווע פֿון „כאָוועווע־ציִען", און צווישן זיי ביידע איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיי געדאַרפֿט פֿאַרבינדן צווישן זיך. — דאָס איז געווען דער געמיינזאַמער גוירל צו דינען „דעם געערטן פּובליקום".

ווי מיר ווייסן שוין, האָט דאָס וואַרשעווער פּובליקום גענוג וואַרים אופֿגענומען גאָלדפֿאַדענען.

גאָלדפֿאַדנס אויטאָריטעט אַלס טעאַטער־אָנפֿירער איז שוין ווידער געווען באַם העכסטן פּונקט. דער טעאַטער „עלדאָראַדאָ", אין וועלכן גאָלדפֿאַדן האָט געשפּילט, האָט ווידער גענומען אָנציִען צו זיך פֿון פֿאַרשיידענע עקן פֿון דעמאָלטיקן רוסלאַנד מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך אַ פֿונק פֿון טעאַטער־ליבע. עס דערציילן וועגן דעם פֿאַרשיידענע עלטערע ייִדישע אַקטיאָרן. אַזוי דערציילט וועגן דעם טעאַטער „עלדאָראַדאָ" אין זײַנע טעאַטער־זיכרוינעס אַן עלטערער אַקטיאָר מיאָדאָווניק 102). נאָך מער וויכטיק איז פֿאַר אונדז דאָס, וואָס עס דערציילט זיך וועגן דעמדאָזיקן פּעריאָד אין דער ביאָגראַפֿיע פֿון עסטער־ראָכל קאַמינסקי 103). ע. ר. קאַמינסקי, וואָס איז

נאָך דעמאָלט אַלט געווען 17 יאָר, ברענגט מען צום „הער דירעקטאָר" — גאָלדפֿאַדן. גאָלדפֿאַדן האָט זי אויסגעהערט, געגעבן איר פֿאָרזינגען אַ מאָטיוו פֿון „שולאַמיס" און כאָטש די דאָזיקע באַגעגעניש האָט ניט געשפּילט קיין אַנטשיידענדע ראָלע אין עסטער-ראָכל קאַמינסקעס לעבן, דערציילט עס אונדז דאָך וועגן דעם גרויסן אויטאָריטעט פֿון גאָלדפֿאַדענען, וואָס איז געבליבן גאַנץ אַפֿילע אין דער ווייניק גינסטיקער אַטמאָספֿער פֿון דעמאָלטיקן וואַרשע, ווו גאָלדפֿאַדן האָט געמוזט שפּילן „יידיש-דייטש".

גאָלדפֿאַדן האָט אָפּגעשפּילט אַ פּאָר יאָר אין וואַרשע. ער האָט דאָ ווידער דערפֿילט, וואָס פֿאַר אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג זײַן טעאַטער האָט צווישן די ברייטע מאַסן, אָבער דער טעאַטער-פֿאַרבאָט איז דאָך געהאַנגען אין דער לופֿטן די גאַנצע צײַט און דאָס האָט פּאַראַליזירט גאָלדפֿאַדנס איניציאַטיוו צו באַרײַכערן זײַן טעאַטער מיט עפּעס נײַעס.

צו דער צײַט געהערט אַן עפּיזאָד, וועגן וועלכן עס דערציילט אין זײַנע זיכרוינעס י. דינעזאָן:

„שפּאַצירנדיק אַמאָל האָט זיך גאָלדפֿאַדן צו מיר געווענדעט, אָנווײַזנדיק אויף אַ קאָמפּאַניע יונגעלײַט לײדיקגייער, וואָס האָבן זײַנע טעאַטער-לידלעך אויף אַ יידישער כאַסענע געזונגען. „איר זעט — האָט ער געזאָגט, — וואָס פֿון מײַן האַרציק קינד איז געוואָרן, אַ קליי-קוידעש האָבן זיי פֿון אים געמאַכט, אַ בעטלער, וואָס גייט איבער די הײַזער אַ גראָשן אויסצובעטלען, איז מײַן קינד געוואָרן. און איך דאַרף עס צוזען און דאָס האַרץ זאָל מיר ניט פּלאַצן" 104).

די אַלגעמײַנע באַדינגונגען אַרום דעם טעאַטער זײַנען געווען שווערע. דער טעאַטער האָט געדאַרפֿט הייסן יידיש-דײַטשישער טעאַטער, ווײַל יידיש שפּילן האָט מען ניט געטאָרט. דערצו האָבן זיך נאָך גענומען באַווײַזן אין וואַרשע גאָלדפֿאַדנס קאָנקורענטן, וועלכע האָבן שוין איצט געקאָנט באַרימען זיך מיט „אויסלענדישע סכוירע" — דעם פֿריש-געבאַקענעם לאָנדאָנער און אַמעריקאַנער רעפּערטואַר. דאָס אַלץ האָט גורעם געווען, אַז גאָלדפֿאַדן האָט אין 1887 יאָר פֿאַרלאָזן וואַרשע און אויך רוסלאַנד.

גאָלדפֿאַדנס אַוועקפֿאָר קיין אַמעריקע האָט געמאַכט אין דער דעמאָלטיקער יידישער קולטור-סוויווע אין רוסלאַנד אַ גרויסן רוישעם. מע האָט מיטאַמאָל דערפֿילט די באַדײַטונג פֿון זײַן טעאַטער-טועטיקײַט.

אין „הויז-פֿרײַנד", וואָס האָט דעמאָלט דערשיינט, איז צום ערשטן מאָל געווען אָפּגעדרוקט גאָלדפֿאַדנס ביאָגראַפֿיע, אין וועלכער עס איז אין אַ וואַרעמען טאָן באַשריבן געוואָרן די וויכטיקסטע מאָמענטן פֿון גאָלדפֿאַדנס לעבן און טעטיקײַט. דערבײַ איז דאָרטן אויך אָפּגעדרוקט פּאָלטיעל זאַמאַשטשינס אַ ליד, געווידמעט גאָלדפֿאַדענען. אינעם ליד פֿילט זיך, דורך דעם אַלגעמײַנעם מעליצע-טאָן, אַן אויפֿריכטיקע אָנערקענונג פֿון גאָלדפֿאַדנס פֿאַרדינסטן.

.XI

מיט גאָלדפֿאַדנס אַוועקפֿאָר פֿון רוסלאַנד אין יאָר 1887 הייבט זיך אָן יענע עפּאָכע פֿון זײַן לעבן, וועגן וועלכער עס איז ביז איצט פֿאַראַן גאָר ווייניק יעדיעס. דאָס איינציקע, וואָס איז באַוווּסט וועגן יענער צײַט, איז נאָר דאָס, אַז דאָ הייבט זיך שוין אָן גאָלדפֿאַדנס יערידע. אָבער דעמזעלביקן פֿאַרפֿלאָנטערטן וועג פֿול מיט צופֿאַלן און סורפּריזן, וואָס גאָלדפֿאַדן האָט דורכגעמאַכט ביז זײַן אויפֿשטײַג, מאַכט ער דורך אויך איצט, ווען זײַן וועג פֿירט שוין, אײַגנטלעך, פֿון מאַפּאָלע צו מאַפּאָלע. דורך אַלע יאָרן פֿון אָט דעם לעצטן פּעריאָד פֿון גאָלדפֿאַדנס לעבן ציט זיך דורך איין פֿאָדים: די שווערע מאַטעריעלע נויט. אָפֿט, גאָר אָפֿט דערגייט זי ביז צום הונגער. „אים איז ניט געגאַנגען געווען צו הונגערן אַף איין האַלבקײַליק פֿון דער וועלט. ער האָט געמוזט הונגערן אַף ביידע טיילן פֿון דער וועלט“ 105).

אָט אין וואָס פֿאַר אַ טאָן עס ווערט דערציילט וועגן די דאָזיקע יאָרן גאָלדפֿאַדנס. דאָס הונגער-לעבן האָט אים, דעם אָקאָרשט ניט לאַנג נאָך אַלמעכטיקן הערשער פֿון דער ייִדישער בינע, אָפֿטמאָל געשטויסן אַף פֿאַרקרימטע וועגן. אָבער דערבײַ וואַרפֿט זיך דאָך אין די אויגן דער פֿאַקט, אַז גאָלדפֿאַדן איז אַף דעם אַלעם געגאַנגען, געטריבן פֿון דעם פֿאַרלאַנג צו פֿאַרזעצן די וויכטיקסטע טאַט פֿון זײַן לעבן, די אויפֿבויונג פֿון ייִדישן טעאַטער, און אָט דער פֿאַרלאַנג ברענגט אים אין יאָר 1887 אין אַמעריקע.

דער ייִדישער טעאַטער אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך, ווי באַוווּסט, געגרינדעט מיט אַ היפּשער פֿאַרשפּעטיקונג ערשט אין יאָר 1882, האָט אין די ערשטע 5 יאָר פֿון זײַן עקזיסטענץ דורכגעמאַכט זייער אַ שווערן וועג. געשאַפֿן געוואָרן איז דער טעאַטער אין אַמעריקע דורך אַן אַמאַטאָרן-טרופּע — „האַלבע אַקטיאָרן“, ווי עס רופֿט זיי אָן ב. גאָרין. די דאָזיקע טרופּע האָט נאָך ניט געהאַט ניט קיין אַקטיאָרישע קויכעס, ניט קיין רעפּערטואַר און אַפֿילע ניט קיין באַשטענדיקן אוילעם-באַזוכער. די ערשטע יאָרן פֿונעם אַמעריקאַנער ייִדישן טעאַטער זײַנען אַוועק אין אַ שווערן קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ.

צו גאָלדפֿאַדנס אָנקומען אין אַמעריקע, צום יאָר 1887, איז שוין דער דאָזיקער קאַמף געווען פֿאַרענדיקט, און די עקזיסטענץ פֿון טעאַטער איז געווען געזיכערט. פֿאַר די 5 יאָר זײַנען אָנגעקומען אַרטיסטישע קויכעס פֿון אייראָפּע (מאָגולעסקאָ, פֿינקעל, קעסלער און אַנד.). דער רעפּערטואַר, וואָס איז פֿריִער באַשטאַנען נאָר פֿון גאָלדפֿאַדנס

פּיעסן, האָט שוין איצט געהאַט פּיעסן מיט אָרטיקע סיזשעטן און אָרטיקע מעכאַבּרים (לאַטיינער, הורוויטש). פֿאַר די ערשטע 5 יאָר האָט מען שוין אויך באַוויזן צוגעוואוינען דעם פֿאַרשיידנאַרטיקן איינגעוואַנדערטן ייִדישן עולם צו דער עקזיסטענץ פֿון אַ שטענדיקן ייִדישן טעאַטער אין ניו־יאָרק. דאָס אַליין איז אָנגעקומען מיט זייער שווערע מי, און די, וואָס האָבן אויסגעקעמפֿט די עקזיסטענץ פֿון טעאַטער אין אַמעריקע, האָבן ניט געוואָלט אָפּטרעטן זייער אָרט. גאָרין דערציילט וועגן דעם אַזוי:

„אַרום דער צײַט, אין 1887, איז אַוועקגעפֿאָרן גאָלדפֿאַדן אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק צוזאַמען מיט ספּיוואַקאָווסקי.

„אויב ער האָט דערוואַרט אַ פֿריינדלעכן קאַבּאָלעס פּאָנים פֿון די אַקטיאָרן, וואָס ער האָט געשאַפֿן (און כּמעט אַלע אַקטיאָרן אין ביידע טעאַטערס האָבן זייער קאַריערע אָנגעהויבן אָדער בײַ אים, אָדער אין זיינע קאָמפּאַניעס). אויב ער האָט דערוואַרט פֿון זיינע תּלמידים אַ פֿריינדלעכן קאַבּאָלעס פּאָנים, האָט ער זיך ביטער גענאַרט אין זײַן חשבון. די צוויי אַוטאָרן, לאַטיינער און הורוויטש, האָבן אין אים דערזען אַ געפֿערלעכן קאָנקורענט און זיי האָבן געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט בעקויעך צו פֿאַרצאַמען פֿאַר אים דעם וועג צום טעאַטער. נאָר אויך ניט פֿיל פֿריינדלעכער האָבן זיך געוויזן צו אים די אַקטיאָרן. זיי האָבן גוט געדענקט די צייט, ווען גאָלדפֿאַדן איז געווען אַ גאַנצער קייסער, און זיי זיינען פֿאַר אים געשטאַנען מיט דער טיפֿסטער הכנעה, ווען ער איז געווען גאָר און זיי גאָרניט און זיי האָט אויסגעוויזן, אַז קוים האַרף ער אַריינשטעלן אַ פֿוס אין טעאַטער און זיי וועלן ווערן בײַ אים צוריק פֿאַרשקלאַפֿטע.

גאָלדפֿאַדן האָט באַגעגנט נאָר אַ טרוקענעם באָרעכאַבע, ווען ער האָט מיט מיט זיי אָנגעהויבן צו ריידן וועגן אַרבעטן צוזאַמען מיט זיי אויף דער בינע אין דעם נייעם לאַנד. ער האָט געוואָלט האָבן אַן אייגענעם טעאַטער און אויסקלייבן אַ גוטע קאָמפּאַניע, נאָר שוין די ערשטע און וויכטיקסטע מעניע האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿון דער זייט פֿון די אַקטיאָרן.

די דירעקטאָרן פֿון דער „רומעניש אָפּערע הויז" ליוי און גאָלדשטיין האָבן זיך דאַווקע אָנגעכאַפּט אין גאָלדפֿאַדענען און זיי האָבן זייער געוואָלט אַריינעמען אים אין זייער טעאַטער. נאָר די סאַמע וויכטיקע קרעפֿטן פֿון דער קאָמפּאַניע, ווי מאָגולעסקאָ, פּינקעל, קעסלער און פֿיינמאַן האָבן מיטן האַרבן וואָרט דערקלערט, אַז זיי וועלן ניט שפּילן אונטער זיין דירעקציאָן, און די דירעקטאָרן איז אויסגעקומען אויסצוקלייבן צווישן גאָלדפֿאַדענען און דער קאָמפּאַניע. די דירעקטאָרן האָבן דעם אויסוואַל געמאַכט און האָבן אין „רומעניע אָפּערע הויז" אַריינגענומען גאָלדפֿאַדענען. די געשעפֿטן אין טעאַטער זיינען ניט געווען קיין געהויבענע און זיי האָבן געהאָפֿט, אַז מיט דעם גרינדער פֿון דעם ייִדישן טעאַטער, אַלס איינער פֿון דער דירעקציאָן, וועט זיך אָנהויבן אַ שעפֿע אין דער קאַסע. אַלס פּראָטעסט איז די גאַנצע קאָמפּאַניע אַרויסגעטראָטן פֿון „רומעניע אָפּערע הויז" און גאָלדפֿאַדן האָט ניט נאָר געדאַרפֿט זאָרגן וועגן פּיעסן, נאָר אויך וועגן אַקטיאָרן. ווי עס ווייזט אויס, האָט גאָלדפֿאַדן זיך ניט

אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, אַז פֿון דער צײַט, וואָס ער האָט דאָס ערשטע שטיק אויפֿגעפֿירט אין יאַסי, ביז זײַן דערשײַנען אַלס דירעקטאָר אין ניו־יאָרק זײַנען אַריבער מער ווי 10 יאָר און דאָס, וואָס איז געווען גוט דעמאָלט, האָט שוין ניט געטויגט איצט. ער האָט ניט באַגריפֿן, אַז 10 יאָר זײַנען געווען אַ לאַנגער, לאַנגער מעשעך אין דער געשיכטע פֿון דעם יידישן טעאַטער און מע האָט שוין מער ניט געקאָנט צוזאַמען נעמען, ווי אַמאָל שונד־בונד און מיט זיי אַרויסטרעטן פֿאַר אַן אוילעם. ער האָט אויך ניט באַגריפֿן, אַז זײַן רעפּערטואַר האָט מען דאָ געשפּילט די גאַנצע צײַט אָן אים און מיט די אַלטע שטיקער האָט מען קיין אוילעם ניט געקאָנט צוציִען.

גאָלדפֿאַדן האָט צוזאַמענגעקליבן אַ קאָמפּאַניע פֿון אומבאַדײַטנדע שפּילער, אָדער וואָס זײַנען גאָר קיין שפּילער ניט געווען, האָט אַרויסגענומען פֿון זײַן רעפּערטואַר אַן אַלטע אָפּגעשפּילטע שטיק, וואָס האָט שוין געקלונגען ווי פֿון מײַלעך סאָבעסקעס צײַטן, האָט איבערגעביטן דעם נאָמען פֿון „טאָדרעס בלאָז" אויף „צווייבער פּלייטע" און מיט דערמיט מעכאַבעד געווען דעם ניו־יאָרקער פּובליקום.

די געשעפֿטן אין „רומעניע אָפּערע הויז" זײַנען אַוועק נאָך טרויעריקער, ווי פֿריער, און די דירעקטאָרן האָבן קיין געדולד ניט געהאַט. אַזוי גיך, ווי זיי האָבן געזען, אַז די קאַסע איז ליידיק, האָבן זיי אָן שום צערעמאָניעס געבעטן גאָלדפֿאַדענען און זײַן קאָמפּאַניע, אַז זיי זאָלן גיין, און צוריק אַרײַנגענומען די אַלטע קאָמפּאַניע".

נאָך אַזאַ שלעכטער באַגעגעניש אין ניו־יאָרק האָט גאָלדפֿאַדן לעכאַטכילע ניט געוואָלט נאָך אָפּזאָגן זיך פֿון אַ טעאַטראַלער טעטיקייט אין אַמעריקע און האָט זיך געלאָזט פֿאָרן אין דער פּראָווינץ אַרום ניו־יאָרק. אָבער אויסער ניו־יאָרק האָט צו יענער צײַט אין אַמעריקע קיין יידישער טעאַטער אין קיין שום פּראָווינציעלער שטאָט ניט געקאָנט עקזיסטירן. גאָלדפֿאַדנס רייזע איבער דער פּראָווינץ האָט קיין דערפֿאָלג ניט געהאַט.

גאָלדפֿאַדן האָט געהאַט פֿון וואָס צו פֿאַרלירן דעם מוט. דאָס לעבן האָט אים געשטויסן אָפּזאָגן זיך פֿון טעאַטער־טעטיקייט. ער האָט דאָס געטאָן און נאָך אין זעלבן יאָר 1887 הייבט אָן גאָלדפֿאַדן אַרויסצוגעבן אין ניו־יאָרק אַ צײַטונג אונטערן נאָמען „ניו־יאָרקער אילוסטרירטע צײַטונג". עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אָנהייבן אַרויסגעבן אַ יידישע צײַטונג אין ניו־יאָרק איז געווען שווערער, איידער אין טשערנאָוויץ אָדער אין לעמבערג. די סוויווע פֿון אַמעריקאַנער יידישן לעבן מיט אַלע טאָג־טעגלעכע פֿראַגן זײַנען אין טאָך געווען אומבאַקאַנט דעם אָקאָרשט אָנגעקומענעם גאָלדפֿאַדן.

דעריבער אַנטשליסט ער זיך ניט אַרויסגעבן אַן ערנסטע צײַטונג אין ניו־יאָרק. עס באַקומט זיך בײַ אים אַ הומאָריסטישע וואָכנבלאַט, אין וועלכן ער גיט אָפּ אַ היפּש אָרט דעם טעאַטער און מער ווי אַלץ זײַן אייגענער אַמאָליקער טעאַטער־טעטיקייט. ער הייבט אָן דאָ דרוקן די אויטאָביאָגראַפֿיע זײַנע, אָבער אויף וויפֿל עס זעט זיך, איז עס ניט קיין כעשבן־האַנעפֿעש פֿון אַ מענטשן, וואָס וויל עפּעס אין זײַן לעבן פֿאַרסאַכאַקלען און שוין דערמיט נופֿע אַנערקענען, אַז זײַן טעאַטראַלער וועג איז פֿאַרענדיקט.

טיטל־בלאט.

פון דער הומאָריסטישער אָפּטיילונג אין א. גאָלדפאַדנס „ניו־יאָרקער איליוסטרירטע צייטונג״ (1887).

אין דעמזעלבן טאָן, ווי ער האָט ליב געהאַט, ווייענדיק אין וואַרשע און פּע-טערבורג אין קרייז פֿון גוטע פֿרײַנד צו דערמאָנען זיך פֿון פֿאַרשיידענע קוריאָזן פֿון זיין טעאַטער-לעבן, דערציילט ער אויך דאָ זיין אויטאָביאָגראַפֿיע. דאָס אַליין, וואָס ער זיצט אין ניו-יאָרק אַן אַרויסגעשטויסענער פֿון יידיש טעאַטער, ברענגט אים נאָך אויך ניט קאָנטיק צו שווערע מאַכשאָוועס. אָבער די צייטונג, וואָס גאָלדפֿאַדן גיט אַרויס קען דאָך ניט לאַנג האַלטן זיך און אין 1888 פֿאַרמאַכט זי זיך. דעמאָלט בלייבט שוין גאָלדפֿאַדענען נאָר צו פֿאַרלאָזן אַמעריקע און ער טוט עס. אָנהויב יאָר 1889 זעען מיר שוין גאָלדפֿאַדענען אין לאָנדאָן.

האָט גאָלדפֿאַדן עפּעס געלערנט פֿאַר זיך, פֿאַר זיין טעאַטער אין אַמעריקע? האָט דער ערשטער באַזוך פֿון אַמעריקע ביקלאַל מיט עפּעס באַרייכערט גאָלדפֿאַדע-נען? וועגן דעם פֿעלן נאָך באַ היינטיקן טאָג זיכערע יעדיעס.

אין לאָנדאָן האָט גאָלדפֿאַדן זיך ווידער געפּרווט אומקערן צו טעאַטער-טעטי-קייט. אָבער אויך דאָ, אין לאָנדאָן, האָט גאָלדפֿאַדן ניט געקאָנט צונויפֿגיין זיך מיט אַדלערן, וואָס האָט דעמאָלט געשפּילט דאָרט. ווידער האָט עפּעס געשטערט דעם גרינ-דער פֿון יידישן טעאַטער צו אַרבעטן צוזאַמען מיט איינעם פֿון די בעסטע פֿון זיינע אַמאָליקע טאַלמידים — מיט י. אַדלערן.

מע האָט אָנגעהויבן צו געבן פֿאָרשטעלונגען אין לאָנדאָן אין צוויי טעאַטערן, גאָלדפֿאַדן אין איינעם און אַדלער אין דעם אַנדערן. און עס איז קיין וווּנדער ניט, וואָס קיין דערפֿאָלג איז באַ ביידן ניט געווען. צום סאָף 1889 איז שוין גאָלדפֿאַדן אין פּאַריז.

אין אַ בריוו צו שאָלעם-אַליי͏כעמען (דאַטירט 8/10, 1889) שרייבט גאָלדפֿאַדן:

„ווי איר זעט, בין איך יעצט אין פּאַריזש—איך שטיי ווידער באַם ברעג פֿון לעבנס-מער און וואַרט אַף אַ גוט וועטער — וואָס מיט מיר איז געווען ביז אַהער, וועט די וועלט לייענען אין אַ באַזונדער ווערק:—„גאָלדפֿאַדן אין אַמעריקע“— אויסער די אינטערעסאַנטע סצענען וועט עס זייער נוצלעך זיין פֿאַר דער וועלט, איבערהויפּט עמיגראַנטן—עס וועט זיי עפֿענען די אויגן און וועלן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל וויסן דייטלעך וווּהין זיי פֿאָרן“ 106).

וועגן גאָלדפֿאַדנס דעמאָלטיקע פּלענער דערוויסן מיר זיך פֿון אַ צווייטן בריוו צו שאָלעם-אַלייכעמען (פֿון 29/XI):

„דערווייל, שרייבט גאָלדפֿאַדן, בין איך יעצט פֿאַרנומען וועגן מיין שמוציקן „קאַמף אומ'ס דאַ זיין“ — וואָס דאָס דעמאָראַליזירט מיין גייסט — איך רעכן אין פּאַריזש עפֿענען אַ יידיש טעאַטער — און עפּשער אויף טאָמיד בלייבן אַ פּאַריזשער“ — 107).

ווי עס זעט זיך, זיינען די אויסזיכטן אַף אַ יידישן טעאַטער אין פּאַריז געווען צו יענער צייט גאַנץ גוטע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַלטוועלטלעכער אויסשטעלונג, וואָס איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אין פּאַריז. אָבער די גרויסע האָפֿענונגען, וואָס גאָלד-פֿאַדן האָט געלייגט אַף פּאַריז, האָבן זיך ניט באַרעכטיקט. דאָס יידישע טעאַטער אין פּאַריז האָט זיך ניט פֿאַרפֿעסטיקט. גאָלדפֿאַדן פֿאַרבלייבט נאָך איניקע כאַדאָשים אין

פּאַריז, ער שיקט פֿון דאָרטן נייע לידער קיין רוסלאַנד, אָבער אַנגיבן פֿאַרלאָזט ער פּאַריז און אין 1891 י. זעען מיר אים שוין אין גאַליציע.

צווישן גאָלדפֿאַדנס ליטעראַרישע ווערק איז פֿאַראַן איינס, וואָס קאָן אין אַ געוויסער מאָס געבן אַ פֿאָרשטעלונג וועגן גאָלדפֿאַדנס געהאַנקענונג אין יענער צייט. דאָס איז די פּיעסע „מאָשיאַכס צייטן".

ווי עס ווערט אָנגעוויזן אויף דעם שאַרבלאַט פֿון דער ווערק (קראָקע 1900) איז עס „געשריבן און אויפֿגעפֿירט אונטער דער פּערזענלעכער לייטונג דעם אויטאָרס אין לעמבערג (גאַליציע) אים יאָרע 1891 דעם 15-טן דעצעמבער".

„מאָשיאַכס צייטן" איז באַצייכנט בײַ גאָלדפֿאַדענען אַלס „עפּאָכען-בילדער דער רוסישען יודען".

דער סיוזשעט פֿון דער פּיעסע איז פֿאַרבונדן מיט איבערוואַנדערונגען פֿון איין לאַנד אין אַ צווייטן: די ערשטע דריי אַקטן קומען פֿאָר אין רוסלאַנד, דער פֿערטער אין אַמעריקע, דער פֿינפֿטער אין פּאַלעסטינע. מיט דעם לעצטן אַקט אין פּאַלעסטינע האָט גאָלדפֿאַדן געוואָלט געבן דעם אַפּאָפּעאָז פֿון דער „ביבאַס ציאָן"-אידייע.

די פּיעסע האָט ניט קיין גרויסן קינסטלערישן ווערט, אָבער אין פֿיל ערטער טראָגט זי אַן אויטאָביאָגראַפֿישן כאַראַקטער און באַווייזט, אַז גאָלדפֿאַדנס איינדרוקן פֿון אַמעריקע זיינען גאַנץ ווייט פֿון אָפּטימיזם. מיט דער דאָזיקער פּיעסע האָט גאָלדפֿאַדן געהאַט בעדייע אָפּפֿרישן זיין רעפּערטואַר, צוגעבנדיק צו זיינע לעצטע געשריבענע היסטאָרישע פּיעסן („אקיידאַס יִצחאָק", „אַבאַשווייראָש", „רעב יאָזעלמאַן", „יעהודיס און אַלאָפֿערן") אַ ניי ווערק, אַ שוישפּיל, ווי ער רופֿט אָן „מאָשיאַכס צייטן" מיט „עפּאָכען-בילדער דער רוסישען יודען".

בּיכלאַל זעט זיך, אַז אין די יאָרן פֿון זיין פֿאַרברענגען אין אַמעריקע, ווי אויך אין די שפּעטערדיקע פּאָר יאָר, האָט גאָלדפֿאַדן גאַנץ אינטענסיוו פֿאָרגעזעצט זיין דראַמאַטורגישע טעטיקייט און קומענדיק איצט ווידער קיין גאַליציע און רומעניע האָט ער געהאַט מיט וואָס צו באַנייען דעם רעפּערטואַר פֿון די טרופּעס, וואָס האָבן דאָרטן אומגעוואַנדערט אין אַ היפּשער צאָל.

אַליין קיין אייגענע טרופּע האָט דאָ גאָלדפֿאַדן אַפּאָנים ניט געפּרוּווט זיך שאַפֿן. עס ווייזט אויס, אַז די אַמעריקאַנער דערפֿאַרונג האָט אים דאָך געלערנט שוין ווייניקער צו שטעלן אויף זיך און זוכן אַ וועג אויף צוזוּפֿרידן זיך מיט די אַרטיקע ניי-אויפֿגעקומענע טעאַטער-טוער (גימפּעל, סעגאַלעסקאָ און אַנד.). אָנהויבנדיק פֿון יאָר 1890 איז גאָלדפֿאַדן עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד ווידער אין סאַמע קאָך פֿון יידישן טעאַטער-לעבן. ער פֿאַרבלייבט ניט אויף לאַנג אין גאַליציע, ער קומט אויך אין רומעניע. און דאָרט, אין זיין געבורט-אָרט פֿון זיין טעאַטער, קומט אויס גאָלדפֿאַדענען באַנייען זיין טעאַטער-טעטיקייט.

אין דער געשיכטע פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטער וועט דער דאָזיקער פּעריאָד מעגלעך פֿאַרנעמען איינעם פֿון די וויכטיקסטע ערטער, וואָרום ווי נאָך אויב ניט אין דעם צווייטן „רומענישן פּעריאָד" קאָן מען זוכן דעם סאַכאַקל פֿון גאָלדפֿאַדנס טעאַטראַלער הערפֿאַרונג, פֿון דעם אַלעמען, וואָס ער האָט געלערנט אין אַמעריקע, לאָנדאָן און פּאַריז?

פֿון עלטערער ייִדישער אַקטיאָר, וואָס האָט אין יענער צײַט באַגעגנט זיך מיט גאָלדפֿאַדענען אין לעמבערג און גימפּלס טעאַטער דערציילט:

„גאָלדפֿאַדן האָט רעזשיסירנדיק געמאַכט פּרוּוון צו ווײַזן די אַקטיאָרן און אַקטריסעס, ווי צו שפּילן, אָבער די פּאַרזוכן זײַנען אים זעלטן־ווען געלונגען. ער איז אַליין נישט געווען קיין שוישפּילער. אַסאַך מער פֿלעגט אים געלונגען אַ צווייטער ריין־רעזשיסערישער טייל פֿון זײַן אַרבעט. ער פֿלעגט פֿאַר די שוישפּילער דערקלערן יעדן כאַראַקטער פֿון זײַנע פּיעסן, וואָס ער האָט אויפֿגעפֿירט, דאָס האָט די שוישפּילער אַסאַך אַרויסגעהאָלפֿן, זיי האָבן

א. גאָלדפֿאַדן

זיך בײַ גאָלדפֿאַדענען געלערנט, וואָס מ'דאַרף היינטיקע צײַטן, אויפֿפּאַסן אַ האַלבע אייביקער מ'גייט זי שפּילן. גאָלדפֿאַדן האָט זיך אויך אַסאַך אָפּגעגעבן מיט אויסאַרבעטן סצענישע עפֿעקטן. די טעכניק איז געווען אַ פּרימיטיווע, אָבער „דעם פֿאָטער פֿון דער ייִדישער בינע“ איז אָפֿטמאָל געלונגען אַסאַך אויפֿצוטאָן מיט אייגנאַרטיקע מיטלען“ 109).

ווי מע זאָל זיך נישט באַציִען פּאָזיטיוו צו די דאָזיקע רייד פֿון אַן עלטערן ייִדישן אַקטיאָר, וואָס האָט אַף זײַן אויפֿן אויפֿגענומען גאָלדפֿאַדנס טעטיקייט אין גימפּלס טעאַטער, מוז מען דאָך קאָנסטאַטירן, אַז דערדאָזיקער פּעריאָד איז באַצייכנט מיט אַ געוויסער אויפֿלעבונג אין גאָלדפֿאַדנס טעאַטער־שאַפֿונג. די דאָזיקע צײַט איז אויך אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס גאָלדפֿאַדן ווערט דאָ געשילדערט פֿאַר

אונדז ניט נאָר אַלס אַוטאָר פֿון דראַמאַטישע ווערק, נאָר דערהויפּט אַלס רעזשיסער און ער ווערט אין יענער צײַט אַלס אַזעלכער שוין ברייט אנערקענט. עס ווערט אויך אָנגעוויזן, אַז גאָלדפֿאַדן האָט אין גימפּלס טעאַטער באַקומען אַ ספּעציעלן געהאַלט פֿאַר זײַן רעזשיסערישע אַרבעט 110).

דער אָנהויב פֿון די ניינציקער יאָרן, ווען גאָלדפֿאַדן וואַנדערט איבער גאַליציע, רומעניע און בוקאָווינע, ברענגט ווידער — נאָך אַזויפֿיל יאָרן פֿון פֿאַרגעסנקייט — אַ נייע אַנערקענונג פֿון גאָלדפֿאַדנס אויטאָריטעט. גאָלדפֿאַדן באַהעפֿט זיך ווידער מיטן טעאַטער, ווו ער ווערט ניט זעלטן באַגעגנט מיט באַגײַסטערונג און ליבע. אַזוי ווערט דערציילט וועגן אַ פֿייערלעכן אופֿנעם, וואָס גאָלדפֿאַדן האָט אין יענע יאָרן געהאַט אין טשערנאָוויץ. עס איז דעמאָלט אין שטאָט־טעאַטער געגעבן געוואָרן לעקאָוועד גאָלדפֿאַדענען אַ ספּעציעל יאָנטעוודיקע פֿאָרשטעלונג, אין דער פֿאָרשטעלונג האָבן זיך באַטייליקט אַקטיאָרן, סײַ עלטערע, ווי שראַגע, סײַ יינגערע, ווי בערטע קאַליש, וואָס האָבן שוין פֿאַרנומען אַ באַדײַטנדיקן אָרט אַף דער ייִדישער בינע 111).

אַזוי ענג פֿאַרבונדן מיטן ייִדישן טעאַטער דערנענטערט זיך גאָלדפֿאַדן צום יאָר 1896, ווען עס איז געוואָרן צוואַנציק יאָר זינט ער האָט אין רומעניע געגרינדעט דעם ייִדישן טעאַטער. און אין דעם יוביל־יאָר טרעפֿן מיר ווידער גאָלדפֿאַדענען אין רומעניע. אָבער דאָ האָבן מיר שוין פֿאַר זיך דעם שלום־פּעריאָד אין גאָלדפֿאַדנס טעאַטראַלער טעטיקייט.

אין יאָר 1896, פּונקט אין 20 יאָר אַרום נאָך דעם, ווי גאָלדפֿאַדן האָט אין רומעניע באַוויזן זײַנע ערשטע טעאַטראַלע פּרוּוון, האָט ער איצט געגעבן זײַנע לעצטע פֿאָרשטעלונגען. און דערמיט האָט זיך פֿאַרענדיקט אַף טאָמיד זײַן טעאַטער־טעטיקייט.

פֿון דעמאָלט הייבט זיך אָן פֿאַר אים אַ לעבן פֿון הונגער און דאַלקעס, אַ צײַט, אין וועלכער דאָס שווערסטע באַשטייט דערין, וואָס גאָלדפֿאַדן, אַט דער מענטש פֿון שטענדיק פֿרישער ענערגיע און איניציאַטיוו, האָט ניט ווו אַהינצוטאָן זײַנע קויכעס.

ווי אַלעמאָל ווען עס קומט אָן איבערייס אין זײַן טעאַטראַלער טעטיקייט, פּרוּווט אויך איצט גאָלדפֿאַדן אומקערן זיך צו ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק. צו יענער צײַט געהערט גאָלדפֿאַדנס נאָענטע באַקאַנטשאַפֿט מיט דעם העברעישן שריפֿטשטעלער ר. א. ברוידעס, וועלכער האָט דעמאָלט געלעבט אין גאַליציע. אין 1894 יאָר האָט ברוידעס אַרויסגעגעבן אין לעמבערג אַ צײַטונג „דער וועקער“. אין 1896 האָט ער צוזאַמען מיט ג. באַדער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם „ייִדישן פֿאָלקס־קאַלענדאַר“ אין לעמבערג.

ביידע, אי גערשן באַדער, אי ראובן ברוידעס האָבן זיך קאָנטיק פֿאַראינטערעסירט, באַזונדער ברוידעס, מיט גאָלדפֿאַדענען. אין „פֿאָלקס־קאַלענדאַר“ פֿון יאָר 1897 האָט ברוידעס אָפּגעדרוקט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן א. גאָלדפֿאַדן. ער

האָט אויך אָנגעשריבן אַ פֿאָרעדע צו גאָלדפֿאַדנס אַ ביכל לידער, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1898 אונטערן נאָמען „יידישע נאַציאָנאַל געדיכטע", ווי עס זעט זיך, האָט זיך גאָלדפֿאַדענען איינגעגעבן דעמאָלט מיט ברודעס הילף אָנהויבן אַרויסצוגעבן זיינע ווערק. אין קראָקע האָבן דעמאָלט דערשיינט נאָכאַנאַנד, די פּאָעמע „שאבסיעל" (1896), „אקידאַס יצכאָק" (1897), „יידישע נאַציאָנאַל געדיכטע" (1898), „מאָשיאַכס צייטן" (1900). ניט געקוקט אַף דעם, וואָס גאָלדפֿאַדנס ביכלעך פֿלעגן אַרויסגעגעבן ווערן עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד, איז דאָך, קאָנטיק, ניט געווען קיין אויסזיכטן, אַז דאָס זאָל קאָנען פֿאַרגרינגערן גאָלדפֿאַדנס ביז גאָר שווערע מאַטעריעלע לאַגע. וועגן דעם שרייבט גאַנץ אָפֿנהערציק ר. א. ברודעס אין דער פֿאָרעדע צו גאָלדפֿאַדנס ביכל „יידישע נאַציאָנאַל־געדיכטע".

„גאָלדפֿאַדן — שרייבט ברודעס — קיין אשירעס ווייסט דו שוין פֿון דאָס ביסל ניט מאַכן, ווען דאָס טעאַטער, וואָס דו האָסט געשאַפֿן, האָט דיר ניט געמאַכט פֿאַר אַן אוישער, ווען דו זעסט צו, ווי איבעראַל ווערן דיינע שטיקע געשפּילט, איבעראַל דיינע לידער געזונגען, איבעראַל מיט דיין נאָמען רעקלאַמען געמאַכט און דו האָסט דערפֿון גאָרנישט, טרייסטע דיך, דאָס איז דער מאַזל פֿון אַן עכט יידישן דיכטער, אַן עמעסדיקן יידישן מעכאַבער".

פֿון דעמאָלט אָן איז עס שוין געוואָרן אַ געוויינלעכע זאַך, אַז רייִדנדיק וועגן גאָלדפֿאַדענען זאָל מען דערמאָנען זיין אומגעהויער שווערע מאַטעריעלע לאַגע. גאָלדפֿאַדן וואַנדערט שוין אין דער צייט ווייניקער אום. פֿון 1898 וואוינט ער קימאַט אויסשליסלעך אין פּאַריז.

דער איצטיקער פּאַריזער פּעריאָד אין גאָלדפֿאַדנס לעבן ווערט באַצייכנט דורך איינעם זייער אַ פֿולבאַדייטנדיקן פֿאַקט: אין דער צייט איז דערשינען גאָלדפֿאַדנס אויטאָביאָגראַפֿיע, וועלכע האָט אין 1901 יאָר אָנגעהויבן דרוקן זיך אין אַמעריקע.

ווען מע פֿאַרגלייכט די דאָזיקע אויטאָביאָגראַפֿיע מיט יענער קליינער אויטאָביאָגראַפֿישער סקיצע, וועלכע גאָלדפֿאַדן האָט אָנגעשריבן אין 1887 יאָר, וואַרפֿט זיך אין די אויגן דער גרויסער אונטערשייד צווישן די צוויי אַרטן דערציילן וועגן זיך, וואָס מיר האָבן בא גאָלדפֿאַדענען. אויב אין זיין לעבן־באַשרייבונג פֿון 1887 פֿילן מיר, ווי גאָלדפֿאַדן שרייבט אַף אַן אָפֿיציעלן דייטשמערישן לאָשן פֿאַר דעם „געערטן פּובליקום" און אין קיין פֿאַל ניט צוליב אַ כעשבן־האַנעפֿש פֿאַר זיך אַליין, איז שוין גאָלדפֿאַדנס לעבן־באַשרייבונג פֿון 1901 דורכגעדרונגען מיט אַן אַנדער קאַוואָנע. עמעס, אויך דאָ ווערט גאָלדפֿאַדנס אויטאָביאָגראַפֿיע איבערגעגעבן אין אַ מין שמועס מיט די „ליבע לעזער" אָבער, אין טאָך גענומען, איז עס אַ שמועס מיט זיך אַליין אַן אופֿריכטיקער, ערנסטער צוריק־בליק אַף די וועגן, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט גאָלדפֿאַדן צוזאַמען מיטן יידישן טעאַטער. גאָלדפֿאַדן האָט ניט אומזיסט עס אָנגערופֿן „די ביאָגראַפֿיע פֿון יידישן טעאַטער". דאָ איז ווירקלעך געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פֿאַר דער געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער. אויסער

דער אויטאָביאָגראַפֿיע האָט גאָלדפֿאַדן אין די פּאַריזער יאָרן אַפּן ליטעראַרישן געביט ווייניק וואָס אויפֿגעטאָן. עס ווערט דערציילט, אַז גאָלדפֿאַדן האָט אין פּאַריז געוואוינט אין צענטער פֿון דער יידישער אַרבעטקייט — די עמיגראַנטן פֿון רוסלאַנד, ער פֿלעגט אַרויסטרעטן מיט פּאַלעסטינאָפֿילישע לידער אַף עפֿנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער ציוניסטישער פּאַרטיי, ער איז געווען אַן אָפֿטער אַריינגייער אויך אין הויז פֿון פּאַריזער ראַבינער קאַהאַן 112), וועלכן גאָלדפֿאַדן האָט אויך, ווי באַוווּסט געווידמעט אַ ליד. אַפּאַנים, אַז אין דער סוויווע פֿון דעם פּאַריזער ראַבינער האָט גאָלדפֿאַדן נאָך גיכער דורכגעמאַכט יענע רעאַקציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט איייניקע יאָרן פֿריער. אין די פּאַריזער יאָרן איז גאָלדפֿאַדן געווען מער קאָנסערוואַטיוו געשטימט איידער ווען עס איז פֿריער אין זיין לעבן. מיטאַמאָל נאָך אַ האַפּסאָקע פֿון העכער 30 יאָר דערמאָנט ער זיך אָן זיין יוגנט-רעפּוטאַציע פֿון אַ העברעישן דיכטער, ער וויל זי באַנייען, ער גיט ווידער אַרויס זיין ביכל „ציצים ופרחים" (כאָטש אין דער פֿאָרעדע האַנדלט זיך עס איינגטלעך וועגן באַרעכטיקן זיין שרייבן יידיש). ער שרייבט צו אַ פּאָר נייע העברעישע שירים, די שירים זיינען, ווי דאַסראָוו לידער פֿון גאָלדפֿאַדנס לעצטן פּעריאָד, באַגלייט מיט עטוואָס-פֿאַרעלטיקע ווענדונגען, פֿון וועלכע עס לאָזט זיך דרינגען, אַז די לידער האָבן אויך געהאַט אַ געוויסן אוטיליטאַרן צוועק.

דאָ אין פּאַריז דערנענטערט זיך גאָלדפֿאַדן צו זיין 60-יאָריקן געבורטסטאָג. אין איייניקע אויסגאַבן („דער יוד", „המליץ" און אַנדערע) ווערן געדרוקט אַרטיקלען געווידמעט גאָלדפֿאַדנס יובליי, אַלע פֿאַרענדיקן זיי זיך מיט אַ צורוף צו העלפֿן דעם מאַטעריעל-לײדנדיקן אַ. גאָלדפֿאַדן 89).

אָבער, ווי עס זעט זיך בלייבט גאָלדפֿאַדנס לאַגע אָן ענדערונגען, ער פֿאַרברענגט אין פּאַריז ביז סאָף 1903, ווען ניט ווען פֿאָרט ער אַראָפּ אין לאָנדאָן.

וועגן אַ דעמאָלטיקער באַגעגעניש מיט גאָלדפֿאַדענען אין לאָנדאָן ווערט דערציילט פֿאָלגנדיקעס:

„ווען איך האָב אים געזען צום לעצטן מאָל אין לאָנדאָן, זיינען שוין אַף זיינע/ העגט ניט געווען מער קיין רונגען, די האָר אַפֿן קאָפּ זיינען שוין געווען דין און ווייס, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געדיכטעט. דאָס בורלעסקע האָט אים מער שוין ניט צוגעצויגן. אַ דערצאָרנטער, אַן אויפֿגעבראַכטער האָט ער אויסגעגאָסן זיין שווערן געמיט, וואָס איז געווען פֿאַרביטערט פֿון פּאָגראָמען *). „וואָס זאָגט איר צו פּאָגע כאַזער", איז געווען זיין ערשטע פֿראַגע, און עס איז אַוועק אַ שטאַרקער וואַסערפֿאַל פֿון סאַרקאַזמען, ער האָט באַ מיר געפֿרעגט אַן איציע, צי קאָן ער זיך נאָך אומקערן אין רוסלאַנד נאָך דעם, ווי ער האָט דאָס אַלעס (וועגן פּאָגראָמען) אָנגעשריבן. מיין איציע איז געווען ער זאָל יע פֿאָרן קיין רוסלאַנד, ווייל איך האָב גערעכנט, אַז אין אָדעס אָדער אין וואַרשע קאָן אַ פּאָפּולערער פֿאָלק-דיכטער ניט

---

*) קאַנטיק. עס האַנדלט זיך וועגן קעשעניעווער פּאָגראָם פֿון 1903 יאָר.

זײַן אַזוי פֿאַראָרעמט און פֿאַרלאָזן. ער אָבער האָט געהאַלטן, אַז ער קאָן ניט פֿאָרן: אַ נײַע ייִדישע מאַסע אָרגאַניזירט זיך דאָרט (אין לאָנדאָן און אַמעריקע), און ער איז געשטאָרבן אין אַמעריקע אָט דער פֿרײַלעכער, גוטער און הויך־באַגאַבטער מענטש" 113).

וועגן דעם, אַז גאָלדפֿאַדענען האָט באַשעפֿטיקט די פֿראַגע וועגן קומען קיין רוסלאַנד אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט ווערט דערצײַלט אויך אין אַן אַנדער אָרט. עס ווערט אַפֿילע איבערגעגעבן, אַז גאָלדפֿאַדן האָט געהאַט בעדייע צו מישטאַדל זײַן זיך וועגן אַ דערלויבעניש צו עפֿענען אַ ייִדישן טעאַטער אין רוסלאַנד 114). נאָר פֿון די אַלע פּלענער איז גאָרניט געוואָרן און, אַז גאָלדפֿאַדן האָט באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן פּאַריז, איז אים נאָך אַלע זײַנע וואַנדערונגען איבער גאַליציע, רומעניע, לאָנדאָן, גאָרניט פֿאַרבליבן, ווי אַף דאָס נײַ צוריקלאָזן זיך קיין אַמעריקע.

אין יאָר 1904 זעען מיר שוין גאָלדפֿאַדענען אין ניו־יאָרק.

וועגן אומקערן זיך צו טעאַטראַלער טעטיקײַט האָט ער שוין איצט אַפֿילע ניט געקאָנט טראַכטן. בײַ די 64 יאָר, וואָס ער איז אַלט געווען דעמאָלט, איז שוין שווער געווען, וואָס עס איז אָנצוהייבן.

אין אַ בריוו פֿון יענער צײַט שרײַבט גאָלדפֿאַדן צו זײַן פֿרײַנט א. ליב־מענשטיין:

„איר ווינשט אַוודאי צו וויסן וואָס איך טו און וואָס איך מאַך? — ענטפֿער: — איך טו גאָרנישט און מאַך גאָרנישט — וואָס דער פּליכט איז פֿון אַ געוויסנהאַפֿטן מענטשן אין דער וועלט צו טאָן און צו מאַכן, האָב איך שוין מײַנס אָפּגעטאָן און אָפּגעמאַכט — איך האָב מײַן מיסיאָן ער־פֿילט און האָב געמאַכט פֿאַר דער וועלט אַ ייִדישן טעאַטער — און ווי אַזוינע מאַכערס ווי איך מוזן פֿאַלן צום אָפּפֿער אַליין אום אַנדערע גליקלעך צו מאַכן, אַזוי מוז איך יעצט זיצן און צוזען, ווי אַלע מײַנע אַקטיאָרן זענען גליקלעך, מאַנכע האָבן זייערע אייגענע הײַזער, עקיפּאַזשן, די פֿרויען זענען באַהאַנגען מיט בריליאַנטן און איך מוז צופֿרידן זײַן מיט דעם, וואָס זיי זײַנען מיר ווענינגסטנס ניט קיין קעגנער, ניט קיין סאָנים... איניקע אינ־טעליגענטע פּריוואַטע מענטשן האָבן זיך אַרײַנגעלייגט אין מײַנע אינטע־רעסן און האָבן אויסגעווירקט, אַז יעדער טעאַטער האָט מיר צאָלן אַ קליינע וועכנטלעכע נאַזשע... איינמאָל אין יאָר האָב איך אַ בענעפֿיס און דאָס איז מײַן עקזיסטענץ" 115).

אַ געוויסע שטיצע האָט גאָלדפֿאַדן פֿון זײַנע פֿאַרערער באַקומען, אָבער דאָס איז פֿאָרט געווען ניט מער, ווי אַ צײַטווײַליקע זאַך און דער אַלטער גאָלדפֿאַדן איז אין אַמעריקע ווידער געבליבן אָנגעוויזן אַף אייגענע מיטלען, ער גיט אַרויס אַ פּאָר ביכלעך פֿון זײַנע לידער און די פֿאַרלעגער פֿאַרפֿעלן ניט צו מאַכן רעקלאַמע דערבײַ. צו אַ צווייטער אויפֿלאַגע פֿון „דור הפלגה" געפֿינען מיר צ.ב. אַזאַ מין פֿאָרעדע אונטערגעשריבן „דער רעדאַקטער": „איך מאַך אויפֿמערקזאַם די געערטע

לעווער אַף די זע מייסטערהאַפֿטע פּאָעמען פֿון אונדזער גרעסטן ייִדישן דיכטער פֿון דיזער צייט הער אַווראָם גאָלדפֿאַדען. דער „דור הפּלגה“ איז די נייסטע מייסטערווערק פֿון דעם גרויסן זשעני און דיזע ווערק צייגט, אַז גאָלדפֿאַדענס טאַלאַנט איז צו זיינע עלטערע יאָרן אַזוי פֿריש און אַזוי איינדרוקספֿול, ווי אין זיין יוגנט“.

אָבער די דאָזיקע רעקלאַמע קאָן דאָך ווייניק טרייסטן גאָלדפֿאַדענען און ער שרייבט אין אַ ליד אין זעלבן ביכל אַזעלכע שווערע שורעס:

„איך זע דעם העריגג שוין דעם פּעטן
וואָס אין קלייט קויפֿט דאָרט אַ ייִד
פֿאַרוויקלט אין אַ בלאַט גאַזעטן
ווו עס וועט זיין געדרוקט מיין ליד“.

מיט טעאַטער־באַשעפֿטיקונג האָט זיך אין דער צייט גאָלדפֿאַדן נאָר ווייניק אָפּגעגעבן, האַגאַם אין אַ בריוו צו ליכטענשטיינען בעט ער צושיקן פּראַגצוזישע וואָדעווילן, וועלכע ער וויל איבערמאַכן פֿאַרן ייִדישן טעאַטער. ער איז אַ היימישער מענטש אין דער ייִדישער טעאַטער־סוויווע און מע זעט אים אָפֿט אונטער די קוליסן אין די ניו־יאָרקער ייִדישע טעאַטערס.

וועגן זיין באַציִונג צום אַמעריקאַנער ייִדישן טעאַטער דערוויסן מיר זיך פֿאָלגנדיקעס פֿון גאָלדפֿאַדנס אַ בריוו צו י. דינעזאָן:

„איך האָב קיין טאַינעס ניט — שרייבט גאָלדפֿאַדן — וואָס דאָס אַמעריקאַנישע ייִדיש טעאַטער האָט זיין טאַטן ניט דערקאָנט און וויל ניט וויסן פֿון מיר. בײַ אַ פֿאָלק, וואָס עלטערן און קינדער זיינען געצוווּנגען צו וואַנדערן אין פֿאַרשיידענע צייטן און אָפֿט אַף פֿאַרשיידענע וועגן, איז קיין זעלטנהייט ניט, אַז קינדער זאָלן זייערע עלטערן ניט דערקענען און אַפֿילע עלטערן זאָלן ניט קענען טרעפֿן דעם וועג צו זייערע קינדער. טאַינעס אָבער האָב איך, כאָטש איך וויים ניט צו וועמען, וואָס דאָס ליב קינד מיינס וואַקסט אויס אַ גוטער שיינער, אַן אַזוים מעכוצעף פּאָנים, און איך מעג זיך ריכטן, אַז מע וועט מיך אַמאָל שעלטן אין טאַטן אַריין פֿאַר דעם טייערן טאַכשיט, וואָס איך האָב אַף דער וועלט געבראַכט 116).

וועגן דיזעלבע טאַינעס צום אַמעריקאַנער טעאַטער דערציילט אויך ל. קאָברין, וועלכער האָט אַגעוו פֿאַרצייכנט אַ פּאָרטרעט פֿון דעם אַלטן גאָלדפֿאַדן.

„ אַ הויכע אימפּאָזאַנטע געשטאַלט אַ שניי־ווייסער קאָפּ, אַ פּאָנים ווי פֿון פֿאַרשטויבטן מאַרמאָר. און אַ שוואַרצע פּעלערינע טראָגט ער, וואָס די איז צוגעשפּילעט און ווייזט אַרויס אַ שניי־ווייס געפּרעסט העמד, מיט אַ ווייסן קראַוואַט. און אַף די הענט ווייסע האַנטשן. און אַף אַ שטול לעבן אים ליגט אַ גלאַנציקע צילינדערהוט און אַ שטאָק מיט אַ באַגילדעטן קאָפּ“ 117).

זייענדיק אַ היימישער מענטש אונטער די קוליסן פֿון די ייִדישע טעאַטערן אין ניו־יאָרק, קאָן גאָלדפֿאַדן דאָך ניט באַטייליקן זיך אין דעם טעאַטער, וואָס געפֿינט זיך שוין איצט דורכויס אין די הענט פֿון אַ נייעם דור, אָבער ער קאָן זיך דערביי ניט

אָפּזאָגן פֿון דעם געדאַנק, אַז זײַנע אַ נײַע פּיעסע דאַרף אױפֿגעפֿירט װערן אַף דער ײדישער בינע. ער שרײַבט אָן זײַן לעצטע פּיעסע „בן עמי“, און ער גיט זי איבער אין אַ ניו־יאָרקער ײדישן טעאַטער. אײן באַדינגונג שטעלט ער נאָר דערבײַ: די פּיעסע זאָל גײן אָן טענץ און געזאַנג.

די ניו־יאָרקער דעמאָלסטיקע טעאַטער־פֿירער האָבן אָבער מוירע געהאַט זיך פֿאַרלאָזן בלױז אַף גאָלדפֿאַדנס נאָמען און זײ האָבן דאָך אַרײַנגעפֿירט אי טענץ, אי געזאַנג. גאָלדפֿאַדנס לעצטע פּיעסע האָט קײן דערפֿאָלג ניט געהאַט, כאָטש דער קאַבאָלעס פּאָנים איז געװען זײער אַ װאַרימער. מע האָט דעם אַלטן גאָלדפֿאַדן באַגײסטערט אױפֿגענומען. אין דעמאָזיקן אָװנט, װען גאָלדפֿאַדן האָט זיך נאָך אַזאַ לאַנגער האַפּסאָקע װידער באַגעגנט מיטן נײַעם טעאַטער־אױלעם אין ניו־יאָרק, האָט ער זיך שױן אױך געזעגנט מיט אים אַף אַלע מאָל.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אַװראָם גאָלדפֿאַדן נאָך אַ קורצער קראַנקײט געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 9־טן יאַנואַר 1908.

באמערקונגען.

גאלדפאדנס טעאטער אין בוקארעסט

(פֿון בוך: Н. Д Шигарин—Русские евреи за границей. Киев 1878
ז. ז. 71—49)

אין בוקאַרעסט עקזיסטירט אַן איטאַליענישע אָפּער, רומענישע דראַמאַטישע פֿאָרשטעלונגען און אַ נאַציאָנאַלער ייִדישער טעאַטער, אין רוסלאַנד איז ניטאָ קיין ייִדישער טעאַטער, אין אויסלאַנד אויך ניט און ווײַל דאָס איז געווען פֿאַר מיר אַ נײַס, בין איך אַרײַנגעגאַנגען אַהין.

... דער זאַל פּאַמאַ־ווערדי, אין וועלכן עס געפֿינט זיך דער ייִדישער טעאַטער, באַדייט, אַף וויפֿל איך ווייס, אַף רומעניש: דער זאַל פֿון גרינעם ווײַנטרויב. וועגן דעם אָדעסער ייִד ה. גאָ..., וואָס האַלט דעמדאָזיקן טעאַטער האָב איך געהערט פֿילמאָל, ווײַל גאָ... איז גוט באַוווּסט צווישן די ייִדן, אַלס אַ זייער טאַלאַנטפֿולער שרײַבער און אַ מענטש אַ שאַרפֿזיניקער און אַ פּראַקטישער. און ווירקלעך סײַ דער טעאַטער גופֿע, סײַ דער שעפֿער פֿונם טעאַטער ה. גאָ... פֿאַרדינען בעעמעס אונדזער אויפֿמערקזאַמקייט און באַוווּנדערונג.

ביז דער איצטיקער צײַט האָט קיין ייִדישער טעאַטער גאָרניט עקזיסטירט. עס איז ניט געווען ניט קיין אַקטיאָרן, ניט קיין פּיעסן, דאָס פּובליקום איז נאָך גאָרניט געווען צוגעוואוינט צו אַזאַ מין סצענישן פֿאַרגעניגן, איז אָט מאָלט אײַך אויס, וויפֿל מי, ענערגיע און טאַלאַנט איז נייטיק געווען, קעדיי איין מענטש זאָל באַשאַפֿן אַקטיאָרן, אָנשרײַבן די פּיעסן, אויפֿפֿירן און צופּאַסן זיי צו די געשמאַקן און באַגריפֿן פֿון מיטעלן פּובליקום, אײַנגעבן אים בײַשעק צו באַזוכן טעאַטער און דערבײַ אַף אַזאַ אויפֿן, אַז די פּיעסן זאָלן ניט זײַן קיין באַלאַגאַנישע לעצאָנעס, נאָר זיי זאָלן האָבן אַ באַלערנדיקן אינהאַלט אָדער זיי זאָלן שאַרפֿזיניק אויסלאַכן אַמעראַצעס און פֿאַנאַטיזם! ווען מען זאָל דאָ האָבן צו טאָן מיט אַ מער געבילדעטן פּובליקום, וואָלט די זאַך געווען פֿיל גרינגער, וואָרים מע וואָלט געקענט נעמען די סוזשעטן און סצענעס פֿון דעם געוויינלעכן לעבן פֿון דער ציוויליזירטער געזעלשאַפֿט און דערבײַ באַנוצן זיך מיט איבערמאַכונגען און איבערזעצונגען; דאָ אָבער דאַרף אַף דער בינע זײַן נאָר אַ פּראָסטער ייִד, מיט זײַנע באַזונדערע מינהאָגים און באַזונדערן כאַראַקטער, ד.ה., אַ טיפּ, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט באַאַרבעט געוואָרן דורך קיין איינציקן דראַמאַטורג. אָט די אַלע שוועריקייטן, וועלכע אַ געוויינלעכער מענטש וואָלט ניט קענען גווער זײַן — האָט בײַגעקומען ה. גאָ... און דער זאַל איז אַלעמאָל פֿול געפּאַקט.

עס ווערט געגעבן פֿיר פֿאָרשטעלונגען אַ וואָך און עס איז נאָך ווייניק, וואָס קיינמאָל, באַזונדערס שאַבעס און זונטאָג, איז ניטאָ קיין פֿרײַע פּלעצער, נאָר צענליקער אין אַמאָל אויך הונדערטער פֿאַרשפּעטיקטע, טרעפֿן ניט אין טעאַטער און גייען צוריק

מיט אומצופֿרידנקייט. אין דערזעלבער צייט האַלט דער אוילעם, וואָס געפֿינט זיך אין זאַל, אין אויפֿרעגן זיך, ער לאַכט אָדער ער וויינט און אַפּלאָדירט, קוקענדיק אַף זיינע אייגענע בעסרויינעס און קאָמישע זייטן, אָדער, דורך דער קראַפֿט פֿון טאַלאַנט, לעבט דער אוילעם איבער צוזאַמען מיטן אַוטאָר און די אויספֿירער פֿיל גוט־באַקאַנטע און נאָענטע צום האַרצן לעבנס־יעסורים און לײַדנשאַפֿטן.

ווען איך בין אַרײַנגעקומען אין טעאַטער, איז דער אומגעהויער גרויסער זאַל געווען שוין פֿול און נאָר אַדאַנק דער באַזונדערער פֿרײַנדלעכקייט פֿון דער פֿרוי גאָ..., האָב איך באַקומען אַן אָרט, ווײַל מע האָט פֿון מײַנטוועגן צוגעשטעלט אַן איבעריקן שטול. איך ווייס ווינציק די יידישע שפּראַך, נאָר אַזוי ווי דער אַוטאָר האָט אין קורצן אָבער זייער בוילעט געגעבן מיר פֿריער צו פֿאַרשטיין דעם סוזשעט פֿון דער פּיעסע און דעם כאַראַקטער פֿון די פּערזאָנען, האָב איך געקענט נאָכשפּירן נאָך דער פֿאָר־שטעלונג. דאָס איז מיר געווען פֿאַרגרינגערט נאָך דורך דעם, וואָס מײַנע שכנים, דערקענענדיק אין מיר אַ ניט־יידן, האָבן איינער פֿריער פֿאַר דעם אַנדערן באַמיט זיך צו דערקלערן מיר די סצענעס, די שאַרפֿע ווערטלעך און קאַלאַמבורן, וועלכע רופֿן אַרויס אין אוילעם אַן אַנטציקונג און הויכע אַפּלאָדיסמענטן.

מע האָט געשפּילט די פּיעסע „די שטומע קאַלע". דער אינהאַלט פֿון איר איז פֿאָלגענדיקער *)...

... מיסטאָמע וועט ניט איינער פֿון די יידן, וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען אין טע־אַטער מיטן גלויבן אין די וווּנדער פֿון דעם צאַדיק — דעם שאַרלאַטאַן, אָנהויבן גלײַך נאָכדעם צו לאַכן פֿון זיך אַליין.

דיזעלבע באַדײַטונג האָבן לויט זייער קאַוואָנע אויך די איבעריקע סאַטירישע אָדער באַלערנדיקע ווערק פֿון ה. גאָ.. עס וואָלט געווען זייער נוצלעך, ווען, נאָך דער ענדע פֿון דער מילכאָמע, וואָלט ה. גאָ... אַריבערגעטראָגן זײַן פּראָכטבאַרע דראַ־מאַטישע טעטיקייט אין זײַן פֿאָטערלאַנד און וואָלט אָנגעהויבן צוגעבן סצעניש פֿאָר־שטעלונגען אין איינער פֿון די גרויסע יידן־באַפֿעלקערטע שטעט פֿון רוסלאַנד, צ.ב. אין אָדעס, וואַרשע, קיעוו אָדער ווילנע. איך בין איבערצײַגט אין דער צוויי־פֿאַלאָזער נוצ־לעכקייט פֿון דערהאָזיקער טעטיקייט פֿאַר דעם מיטעלן שיכט פֿון אונדזער יידישער באַפֿעלקערונג. איך בין אויך איבערצײַגט אין דעם, אַז דאָס יידישע פּובליקום וואָלט אונטערגעהאַלטן דעם מאַטעריעלן וואָלשטאַנד פֿון דעם אונטערנעמער און פֿון דער טרופּע.

די דעקאָראַציע און די קאָסטיומען אין טעאַטער פֿונם פּאַמאַ־ווערדי כאָטש זיי האַלטן ניט בײַ לוקסוס, זײַנען דאָך באַפֿרידיקענדיק. אין איינציקע אַקטיאָרן זעען זיך צווייפֿעללאָזע סצעניש מאַילעס. די ערשטע דראַמאַטישע אַקטריסע הייסט מיל ראָזע. דער אַקטיאָר, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פֿונם צאַדיקס סעקרעטאַר (זײַן נאָמען געדענק איך לײַדער ניט) האָט אויסגעפֿירט זײַן ראָלע דורכויס באַפֿרידיקענדיק. נאָך איין זאַך האָט פֿאַר מיר אויסגעזען מאָדנע. בײַם דער פֿאָרשטעלונג, אין די אַנטראַקטן, גייען די אַקטיאָרן און אַקטריסעס אַרויס פֿון הינטער די קוליסן, זיי באַווײַזן זיך צווישן פּובליקום, זיי שמועסן, טרינקען, גייען אום, רויכערן אין בופֿעט און מיט דיזאָזיקע שפּאַצירונגען, באַוויזנדיק זיך אין פֿאָלגנדיקן אַקט ווידער אַף דער סצענע, שוואַכן זיי עטוואָס אָפּ דעם איינדרוק פֿון זייער שפּיל. אַזוי האָט זיך אַלענפֿאַלס מיר אויסגעוויזן.

---

*) מיר לאזן דורך די גאנץ-גענויע איבערדערצײלונג פון דעם אינהאלט.

WORKERS COOPE[...] LIBRA[...]

באמערקונגען צום טעקסט *)

צוטרעטנדיק צו רעגיסטרירן די מאַטעריאַלן צו א. גאָלדפאַדנס ביאָגראַפיע, וועלן מיר דערמאנען, אז דעם וויכטיקסטן אנהייב אין דער ריכטונג האט געמאַכט ב. גארין מיט זיין בוך „די געשיכטע פון יידישן טעאטער". ניט געקוקט אף דעם, וואס ב. גארין האט זיך ווייניק ווען געגעבן די מי צו קאנטראלירן און דאקומענטאל צו באשטעטיקן זיינע יעדיעס וועגן גאלדפאדנס לעבן, פארבלייבט דאך זיין טעאטער-געשיכטע א וויכטיקע קוועלע, אן וועלכער עס קאן זיך ניט באגיין קיינער בא דער ארבעט איבער גאלדפאדנס ביאגראפיע.

1) **א. גאלדפאדן** — אווטאָביאגראַפיע. די ציטאטן פון א. גאלדפאַדנס אַווטאָביאגראפיע ווערן בא אונדז אלעמאל געבראכט פון „גאלדפאדן-בוך" (ניויארק 1926).

2) **א. גאלדפאדן** — „דיא מוהמע סאסיע" געדרוקט אין בוך „דיא יודענע" 1869 (אדעס).

3) **א. גאלדפאדן** — אווטאָביאגראפיע.

4) **דר. י. שאצקי** — אברהם גאלדפאדן. „טעאליט" 2 № 1923 (ניויארק)

A 4020

5) „קול מבשר" יארגאנג: 1870, 1871, 1872.

6) **א. גאלדפאדן** — צצים ופרחים קראקע, 1897.

7) **א. גאלדפאדן** — דאס יודעלע. זשיטאמיר 1866.

8) **א. גאלדפאדן** — אווטאביאגראפיע.

9) **א. ב. גאטלאבער** — זכרונות וועגן יידישע שרייבער (שאלעם-אליכעמס „פאלקס-ביבליאטעק" I).

10) **ש. צינבערג** — История евр. печати в России. Петербург, 1915.

זע אויך: **А. Паперно** — Из николаевской эпохи „Пережитое" II.

11) **И. Сосис** — Национальный вопрос в литературе 60 годов „Евр. Старина". 1915

זע אויך: „יידישעס פאלקס-בלאט" פ. טערבורג, 1885

12) **М. Маргулис** — Мои воспоминания. „Восход", 1895

13) **Б. Фрумкин** — Из истории рев. движения среди евреев в 1870 годах «Евр. Старина», 1911.

14) **נ. שטיף** — „טעאליט" 1923 № 1 ניויארק.

15) **М. Маргулис**. — Мои воспоминания.

16) «Сион» 1861 № 24.

17) **א. באקאנטער** — אברהם גאלדפאדן. „דער יוד" 1900, № 32

18) **א. י. פאפערנע** — די ערשטע יודישע דראַמע און דער ערשטער יודישער ספעקטאַקל. (מיינע ערינערונגען וועגן א. גאָלדפאַדן), „דער פנקס", 1913.

19) **א. גאלדפאדן** — צצים ופרחים פארעדע 1897, קראקע.

---

*) אף דער ז. 3 אין דער ערשטער שורע פון אויבן איז אלפיטאעס אפגעדרוקט „בוקארעסט" אנשטאט „יאסי".

20) **א. גאלדפֿאדן** — אַוטאָביאָגראַפֿיע.

21) **א. גאלדפאדן** — „דאָס יודעלע״. וואַרשע, 1903.

И. Петриковский — Еврейский жаргон и его литература „Русский Еврей" 1880 № 20. (22

23) **שאלעם-אלייכעם** — דער דלת איז די בעסטע ווערקע פֿון אונזערע שריפֿטשטעלער, „יידישעס פאלקס-בלאט״ 1887 פעטערבורג.

24) **מ. זילבורג** — „ליטעראַרישע בלעטער״, 95 № 1926.

25) **שאלעם-אלייכעם** — פֿארעדע צו מ. ווארשאווסקיס „יודישע פאלקס-לידער״.

26) **א. י. פאפערנע** — ציטירטער ארטיקל

„Таврическ. Губ. Ведомости" 1867 № 98. . . . . (27

28) נעקראלאגן נאך מ. ווערבעל: „Русский Евр." 1880
„Ведом. Одесск. Градоначальства", 1880 № 171.

29) „קול מבשר״ 1869, 22 №.

30) „קול מבשר״ 1869.

П. А. Ямпольский — Воспоминания об И. Г. Оршанском. 1911, «Евр. Старина». (31

32) „קול מבשר״ 1871 № 44

33) „קול מבשר״ 1871, № 30

34) **א. גאלדפֿאדן** — דריי סימנים „קול מבשר״ 1871, № 2

Недельная Хроника, „Восход", 1887 № 9. . . . . . . (35

36) **א גאלדפֿאדן** — „שולמית״ 1883 אדעס. דער גאנצער טעקסט פון דערדאזיקער כא-
ראקטעריסטישער ווידמונג איז אַזאַ:

העררן ס י מ אָ ן ה ו ר ו ו י ץ.

קאָנסול זיינער מאיעסטעט דעס קעניג פֿאָן דענעמארק איבער אַללע פּאָרטן פֿונם שוואַרצען און אזאָווישען מעער.

צום אָנדענקען פֿון דעם פּערפֿאסער,

עס איז געווען אַ צייט, וואָס אויף דעם מסחרס צווייגען,
האָב איך אופֿגעהאנגען מיין הארפֿע—נישט געוואָלט מעהר זינגען!
האָט איהר, גרויסער הערר, מיך ערמונטערט: „נאָר ניט שווייגען,
זינג אונז ווייטער, זינג! לאָז דיינע לידער קלינגען!״
דערפֿאַר קומט דאָס ערשטע ווערק מיט מיין זעגען,
יעצט מקריב צו זיין פֿון אייער כבודיס וועגען.

37) **איש—נעמי א וועקסלער)** „הצפירה״ 1875-6, № 2

38, 39, 40, 41) **א. גאלדפֿאדן** — אווטאביאגראפֿיע.

42) **א. גאלדפֿאדן** — בריוו צו שאלעם-אלייכעמען. „גאלדפֿאדן-בוך״.

43) **א. ב. גאטלאבער** — מסעי בארץ רומניה, „הבקר אור״ ווארשע 1879, № 3

44) **א. גאלדפֿאדן** — דור הפלגה. ניויארק 1909.

45, 46) **א. גאלדפֿאדן** — אווטאָביאגראפֿיע.

Н. Н. Из впечатлений минувшего века „Евр старина", 1905, № 1 . (47

48, 49) **א. ב. גאטלאבער** — מסעי בארץ רומניה.

50) ציטירט לויט „Русский Еврей" 1880 № 7

51) **ג. אבראמסקי** — במות ישחק. ציטירט לויט נ. פרילוצקי „ביכער וועלט״, ווארשע 1923 № 3-4

„Одесский Вестник", № 186, 1878. . . . . (52

Я. Адлер — Письмо в редакцию. „Одесский Вестник", № 199, 1878. (53

„Одесский Вестник", № 81, 1879. . . . . (54

М. М. — Ни бе, ни ме, ни кукуреку „Одесский Вестник“, № 95, 1879 (55

О. Б—д. — Рекрут. „Одесский Вестник“ № 99, 1879. . . . (56

Б. — Немая невеста. „Одесский Вестник“ № 103, 1879. . . . (57

„Ведомости Одесского Градоначальства“, № 113, 1879. . . . (58

„Правда“, № 176, 1879. . . . . (59

60, 61) **שאָמער** — צו מיינע שטאט-לייט. „בילדער פון לעבן“ 1883, אדעס.

62) **א. י. בוכבינדער** — קארעספאנדענץ פון אדעס. „יידישעס פאָלקס-בלאַט“, פעטערבורג, № 21, 1885

„Одесский листок объявлении“ № 112, 1879 „Правда“ № 113, 1879 . (63

„Одесский Вестник“ № 24 1880 . . . . (64

„Одесский Вестник“ № 103 1879 . . . . (65

66) **ב. סלוצקי** — וועגן יידישע בארכאנים שוישפילער—מוישע מארעכאווסקי. „צייטשריפט“ פון „אינווייסקולט“ I 1926

„Правда“ 1879, №№ 190, 222, 231 „Правда“ 1880 № 88. . (69 ,68 ,67

Л. Нез—ор. — Еврейский театр и его представители. „Одесский Вестник“ № 159, 1880. (70

71) **עב** — חג היובל להר״ א. גאלדפאדן „המליץ“ 1900 № 153

„Правда“ 1880, № 82, 86, 106 . . . . (74 ,73 ,72

„Ведомости одесского градоначальства“ 1880, № 83 . . . . (75

„Одесский Вестник“ 1880, № 14. . . . . (76

77) ציטירט לויט „Одесский Вестник“ 1880
גאלדפאדנס פיינט פון דער פעטערבורגער פרעסע האבן אפילע געפרווט אפפרעגן דעמ-
דאזיקן אדרעס, אבער קיין באווייזן דערוף, אז דער אדרעס איז א פאלשער, האבן זיי ניט
געקענט ברענגען.

Анна Блюменфельд. — Труппа Гольдфадена в Херсоне. „Рассвет“ 1880 № 21. (78

А. Замковой. — Труппа Гольдфадена и характер ея представлений „Рассвет“ 1880, № 19. (79

М. Г—н. — Еврейский театр „Рассвет“ 1880, № 5. . . . . . (80

81) **ד. אפאטעקער** — הנבל - די לייער. טשערנאוויץ 1881.

82) **א. גורשטיין** — גאלדפאדן אין מאסקווע. „עמעס“ 4 №, 1926

„Одесский Вестник“ 1880, № 193 . . . . (83

84) **א. פאלייעס** — גאלדפאדנס פאָרשטעלונגען אין מינסק „אקטיאבר“ 213 № 1926.

„Одесский Вестник“ . . . . (85

86) **מ. ספעקטאר** — אַ קאפיטל זיכרוינעס. צום אנדענק פון שאלאם-אלייכעם (זאמל-בוך). פעטערבורג, 1918.

„Рассвет“ № 32 1881. . . . . (87

(88

89) **ש. אנ—סקי** — א פאָרטראג וועגן יידישן טעאטער אַף דעם צוזאמענפאָר פון טוער פון פאָלקס-טעאטער אין מאָסקווע 1916 אפגעדרוקט אין:

Труды всероссийского с‘езда деятелей народного театра в Москве. Петербург, 1919, ז. ז. 97—104.

90) **י. גרינבוים** — „דער יוד“ 1901, 1 №
דער אַרטיקל איז געשריבן אַפן סמאך פון זייפערטס „די יודישע בינע“, וואָס איז דערשי-
נען צום 20 יאריקן יובליי פון יידישן טעאטער אין 1897. דאָס מאַכט באַזונדערס אינטע-
רעסאַנט י. גרינבוימס באַהויפטונג וועגן די „היסטאָרישע פיעסן“ גאלדפאדנס, דאָס ווערט

באַשטעטיקט אויך דורך דער מונדלעכער מיטיילונג, וועלכע מיר האָבן באַקומען פֿונם על-טערן יידישן קינסטלער פען, וואָס האָט געוואָינט דעמאָלט אין פעטערבורג.

(91 . . . . „Русский Еврей" 1881 № 49

(92 „יידישעס פֿאָלקס-בלאַט". פעטערבורג, 1882, № 1

(93 . . . . ,,Одесский Листок" № 3, 1883.

(94 . . . . Одесский Листок" № 46, 1883.

(95 עב — „חג היובל להר. א. גאלדפֿאדן". המליץ 1900, № 153

(96 י. גרינבוים — „דער יוד" 1901, № 1
אויך אין ארטיקל פֿון א באקאנטער: „א. גאלדפֿאדן" „דער יוד" 1900, № 32

(97 . . . . ,,Одесский Вестник" №№ 6, 11, 1883

(98 . . . . ,,Одесский Вестник" №№ 206, 207, 1883

(99 . . . . ,,Одесский Вестник" № 211 1883.

100, 101) י. ליפשיץ — דאס יידישע טעאטער און דיא יידישע שוישפילער—יידישעס פֿאלקסבלאט № 26, 1887

(102 א. מיאדאווניק — מיינע טעאטער-זיכרוינעס „דער שטערן" 1925, מינסק.

(103 „נייער היינט" — פֿעווראל 1926, ווארשע.

(104 י דינענזאן — „פֿריינד" 1905

(105 . . . . N. Sokolow — A. Goldfaden „Die Welt" № 4, 1908,

106, 107, 108) גאלדפֿאדן-בוך — ניוארק 1920

109, 110, 111) ל. קרישטאל — אברהם גאלדפֿאדן מיט 35 יאר צוריק (לויט א געשפרעך מיט דעם שוישפילער קלמן יואוועליר), „גאלדפֿאדן-בוך".

112, 113) . . . . N. Sokolow — „Die Welt" 1908 № 4

(114 עב — המליץ 1900 № 153

(115 גאלדפֿאדנס בריוו צו א. ליכטנשטיין „גאָלדפֿאדן-בוך".

(116 י. דינענזאן — „פֿריינד" 1905

(117 ל. קאברין — ערינערונגען פֿון א יידישן דראמאטורג.

צו דער גאָלדפֿאַדן-ביבליאָגראַפֿיע.

אויסער די קוועלן, וואָס מיר ווייזן אָן אין די 117 באַמערקונגען צום טעקסט, איז אונדז בײַם דער אַרבעט אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט פֿאָלגנ־דיקע מאַטעריאַלן וועגן גאָלדפֿאַדענען, וואָס דאַרפֿן אויך פֿאַרצייכנט ווערן אַלס צוגאָב צו דער גאָלדפֿאַדן-ביבליאָגראַפֿיע (אָפּגעדרוקט פֿון י. שאַצקי אין „גאָלד־פֿאַדן-בוך").

1) „קול מבשר" — בײַ י. שאַצקי איז אָנגעוויזן, אַז א. גאָלדפֿאַדנס לידער זײַנען געדרוקט אין „קול מבשר" נאָר אין דעם יאָר 1863. אין דערעמעסן זײַנען גאָלדפֿאַדנס לידער גע־דרוקט געווען אין „קול מבשר" אין פֿאָלגנדיקער כראָנאָלאָגישער אָרדענונג:

„דאָס יודעל"	№ 25	1863
„דאָס דריידל"	№ 42	1863
„דאָס פֿאַרזאָרגטע באַלעבעסל"	№ 42	1865
„דער נר תמיד"	№ 50	1865
„דער זייגערמאַכער" *) (№ ניט פֿעסטגעשטעלט) . .	—	1868
„דאָס יודאניא"	№ 2	1870
„דריי סמנים"	№ 2	1871
פֿאליגע שכור (אַ טרונק-ליד פֿון אַ שניידערעל) . .	№ 44	1871

2) **М.—кии** — Патриотические отклики. «Восход» 1887, 11. . . . .
אַ רעצענזיע וועגן „יידישן וועקער" און וועגן גאָלדפֿאַדנס ליד „וואַניושע".

3) **י. כ. ראַווניצקי**—רעצענזיע וועגן „הויז-פֿריינד" אין שאָלעם-אַלייכעמס „יודישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק" I 1888.

4) **י. ל. פּערעץ** — וועגן גאָלדפֿאַדנס לידער אין „יידישן וועקער" פּערעץ-אויסגאַבע ניו-יאָרק

5) **י. טאַוויאָוו** — וועגן אידישע פֿאָרשטעלונגען אין די אַכציקער יאָרן. „המליץ" 1900.

6) **ג. באַדער** — א. גאָלדפֿאַדן „עקידת יצחק", „השלח" כרך ד. 1897.

7) **Fabius Schach** — „**Ost und West**" № 4 1901 . . . . . .
שטעלט זיך אָפּ געניו אויף גאָלדפֿאַדענען.

8) **С. Цинберг** — Жаргонная литература и ея читатель, «Восход» 1903, III.

---

*) די ליד איז געדרוקט מיט אַ באַמערקונג „אַרויסגענומען פֿון'ם 4-טען אַקט פֿון דער קאָמעדיע „דיא מומע סאָסיע", וואָס וועט באַלד ערשיינען, געדרוקט פֿון אברהם גאָלדנפֿאַדים". דערביי געפֿינט זיך אַ דאַטע „אָדעססאַ, דען 14 נאָוועמבער".

9) ד״ר ערענפרייז — מ. ראָזענפֿעלד, „השלח״ 1904, רעדט וועגן א. גאָלדפֿאַדנס ווירקונג אַף מ. ראָזענפֿעלדן.

10) י. דינעזאָן — דאָס יִדִישע טעאַטער (גערעאַנקען און ערינערונגען) „דער פריינד״ 1905. №№ 189, 192, 198, 201, 211, 214.

М. Бен-элиэзер — А. Гольдфаден «Рассвет» 1908, № 2 . . (11

12) מ. לאזארסאָן — אחר מטתו של א גאָלדפֿאַדן „הד הזמן״ 908, № 5.

13) א. ווייטער — וועגן אידישן טעאַטער. ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן I, ווילנע 908.

14) ד״ר מוקדוני — די אידישע ליטעראַטור און דער טעאַטער. „דער שטראַל״ 1910.

15) פערעץ, נאָמבערג, ווייטער — אַ באַריכט וועגן אַ פאַרזאַמלונג אין וואַרשע געווידמעט דעם יִדִישן טעאַטער, אַנטיילנעמער פ ע ר ע ץ, נ אָ מ ב ע ר ג, ו ו י י ט ע ר. אין די געבראַכטע רעדעס לאָזט זיך הערן די נייע פּאָזיטיווע באַציִונג צו גאָלדפֿאַדענען, וואָס האָט זיך גענומען איינבירגערן אין דער צייט. („דער פריינד״ 1910 8 №״).

16) ד״ר מוקדוני — י. גאָרדין. זאַמלבוך „יודיש״, וואַרשע 1911.

Д. Выгодский — Из жизни еврейской лирики I Предтечи «Еврейск. Вести», 1916 (17 וועגן א גאָלדפאַדנס באַדייטונג אַלס דיכטער.

אינהאלט.

זייט:

פון יידישן אפטייל פון אינסטיטוט פאר ווייסרוסלענדישער קולטור . . 3
פארוואָרט . . . . 5—6

I.

גאלדפאדנס קינדער-יארן אין אלט-קאנסטאנטין. — א גאל פאדן וועגן זיינע עלטערן. — דעם פאטערס ווירקונג. — אין דער אלט-קאנסטאנטינער שול. — זיין לערער — א. ב. גאטלאבער . . . . . . 7—10

II.

גאלדפאדן אין זשיטאמירער ראבינער-שול. — זשיטאמיר אלס א קולטור-צענטער אין די 60 יארן. — דאס לעבן אין דער ראבינער-שול. — גאלדפאדנס ערשטע ליטעראַרישע טריט. — גאלדפאדנס אנטייל אין דער פארשטעלונג פון עטינגערס „סערקעלע“.— גאלדפאדן—לערער פון סימפעראפאלער קאזיאנער שול . 11—18

III.

גאלדפאדן אין אדעס. די אָדעסער יידישע קולטור-סוויווע.—די פאמיליע פון מ. ווערבעל. — דער „קול מבשר“. — דערפאלג פון גאלדפאדנס ביכל „דיא יודענע“. — אדעסער טעאטראלער לעבן. — א דייטשישע אפערעטן-טרופע מיט יידן-אקטיארן — גאלדפאדן פארלאזט זיין לערער-פראפעסיע. — דער קראך פון זיין האנדל-אונטערנעמונג . . . . 19—23

IV.

גאלדפאדן אין אויסלאנד. — מיונכען. — לעמבערג — גאלדפאדן—מיט-רעדאקטאר פון „ישראל ק“. — דער איבערפאר אין טשערנאוויץ. — „דאס איזראעליטישע פאלקס-בלאט“ . . . . . . 24—25

V.

גאלדפאדן אין רומעניע — די יידישע קולטור-סוויווע אין רומעניע. — גאלדפאדנס אנקום אין יאסי. — די „בראָדער זינגער“ אינם יאסער ווינקעלער. — גאלדפאדנס אומגעלונגענער דעביוט פארן יאסער עולם. — צוזאמען מיט די קעלער-זינגער צו דער גרינדונג פון יידישן טעאטער. — דער איבערבראך אין גאלדפאדנס לעבן. — די ווירקונג פון וועלוול זבאראזשער אף גאלדפאדען . . . . 26—32

ז ייט:

VI.

די ערשטע טריט פֿון גאלדפֿאדנס טרופּע. — די וואנדערונגען איבער רו־מענישע שטעט. — בוקארעסט. — דער צופֿלוס פֿון נייע אקטיארישע קויכעס, מאגולעסקא, זילבערמאן און צוקערמאן). — די רוסיש־טערקישע מילכאמע. — דער נייער צושויער אין גאלדפֿאדנס טעאטער. — דער אופּבלי פֿון גאלדפֿאדנס טעאטער. — נייע יידישע טרופּעס—גאלדפֿאדנס קאנקורענטן . . . 33—42

VII.

די ערשטע גרוסן פֿון גאלדפֿאדנס טעאטער אין אדעס. — י. ראזענבערגס טרופּע — גאלדפאדנס אנקום אין אדעס. — די באַציִונג פֿון דער אדעסער פּרע־סע. — דער אדעסער צושויער פֿון יידישן טעאטער. — אָפּקלאַנגען פֿון יידישן טעאטער אין פֿאַרשיידענע שטעט פֿון רוסלאַנד. — גאלדפֿאדן שיקט ארויס אין דער פּראווינץ אַ וואַנדער־טרופּע אונטער דער אנפֿירונג פֿון זיין ברודער. — מאגולעסקעס און לערנערס טרופּעס אין אדעס. . . . . 43—52

VIII.

די רייזע איבער רוסלאנד. — דערפֿאָלג פון גאָלדפֿאַדנס טרופּע אין די שטעט פֿון דאָרעם־רוסלאנד. — די פֿיינטלעכע באציונג מיצאַד דער אינטעליגענץ און די אָרטאָדאקסישע קרייזן. — אָרגאניזירטער קאמף קעגן גאָלדפֿאדנס טעאַטער. — דער מארשרוט פון דער רייזע אין 1880 יאָר. . . . . . 53—62

IX.

די פּאָגראָם־כוואליע פון 1881 יאָר. — דער איבערבראָך אין גאָלדפֿאדנס שטימונגען. — די היסטאָרישע פּיעסן — די גאכטראָלן אין פּעטערבורג. די פּעטערבורגער רוסישע פּרעסע וועגן גאָלדפֿאדנס טרופּע. — די באציו ג פון די פּעטערבורגער רוסיש־יידישער פּרעסע. — גאָלדפֿאדן ווידער אין אָדעס. — די לעצטע כאדאָשים פֿון גאָלדפֿאדנס טעאַטער. — דער פֿארבאָט פֿון דעם יידישן טעאַטער אין רוסלאנד . . . . 63—73

X.

גאָלדפֿאדנס ליטעראַרישע טעטיקייט נאָכן טעאַטער־פֿארבאָט. — ווארשע. — גאָלדפֿאדנס־טרופּע אין טעאַטער „עלדאָראדאָ״. — די פֿאָרשטעלונג אַף יידיש־דייטש. — גאָלדפאדן אין דער סוויווע פֿון די ווארשעווער ליטעראטן. — גאָלדפֿאַדנס אַוועקפֿאָר אין אַמעריקע . . . . . . 74—79

XI.

דער צושטאנד פֿון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע — די פֿיינטלעכע באציונג צו גאָלדפֿאדענען מיצאד די אַקטיאָרן און אווטאָרן. — גאָלדפֿאדנס אומ־געלונגענער פּרווו צושאפֿן אן אייגענע טרופּע. — „די ניו־יאָרקער איליוסטרירטע צייטונג״. — גאָלדפֿאדן אין לאָנדאָן. — פּאַריזש. — „מאָשיאַכס־צייטן״. — גאָלדפֿאדנס טעאַטראלע טעטיקייט אין גאליציע. — דער 20 יאָריקער יובילײ פֿון גאָלדפֿאדנס טעאַטער. — די לעצטע פֿאָרשטעלונג אין רומעניע. — ווידער פּאריזש, לאָנדאָן, אַמעריקע. — גאָלדפֿאַדנס לעצטע פּיעסע אין ניו־יאָרקער יידישן טעאַטער. — גאָלדפֿאַדנס טויט . . . . . 80—92

באַמערקונגען . . . . 93—102